STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04914

DI FILOZOFYE IN ERSHTN DRITL FUN NAYNTSNTN YORHUNDERT

Arthur Drews

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Simon & Judith Trutt
in memory of
Tobis Migdal

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יאַטשקאָווסקיס
„פּאָפּולערע וויסנשאַפטלעכע ביבליאָטעק"

געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע

VII

די פילאָזאָפיע אין ערשטן דריטל
פון ניינצנטן יאָרהונדערט

פון אַרטור דרעווס

פון דייטש: י. ראַפּאָפּאָרט

וואַרשע - ניו-יאָרק 1931

Printed in Poland

Historja filozofji — Artur Drews
Wyd. Pop. Naukowe Jaczkowskiego
Warszawa, Twarda 8

Drukarnia Lewin-Epstein Warszawa, Pawia 39

אריינפיר

די פילאָזאָפישע גרונד-פראָבלעם

איינס האָט פון סאַמע אָנהויב פון פילאָזאָפישן דענקען אַממייַנסטן באַשעפטיקט דעם מענטשלעכן גייסט, געקלונגען אַלס גרונדטאָן דורך דעם פילשטימיקן כאָר אָנשויאונגען, וועלכן מען באַצייכנט אַלס געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע, און געפאָדערט אַ כסדר באַנייטע און באַשטימטערע תשובה: דאָס איז די פראַגע וועגן דער מעגלעכקייט פון אַצווייפלאָזן זיכערן וויסן אָדער אַ אַפּאָדיקטיש-זיכערער דערקענטעניש. דידאָזיקע פראַגע, וואָס האָט צוערשט באַקומען אַ גענויערן אויסדרוק דורך סאָקראַטעסן און פלאַטאָנען, האָט באַהערשט דעם גאַנצן דענקען פון אַלטערטום. די אוממעגלעכקייט פון דער אַנטיקער פילאָזאָפיע צו לייזן באַפרידיקנדיק דידאָזיקע פראַגע מיט אירע מיטלען, האָט זי געבראַכט צום אונטערגאַנג 1). דער מיטלאַלטער האָט געהאַלטן, אַז ער האָט געפונען די לייזונג פון דערדאָזיקער פראַגע אין דער געטלעכער התגלות, אין וועלכער עס זאָל איינמאָל פאַר אַלעמאָל געהאַט געקומען צום וואָרט דער אַבסאָלוטער אמת, און קאָנסעקווענט דערנידעריקט די פילאָזאָפיע צו דער מדרגה פון אַ דינסט פון דער טעאָלאָגיע. דערנאָך האָט דעקאַרט דערהויבן צו דער

1) פאַרגלייך מיין ווערק: פלאַטאָן און דער אונטערגאַנג פון דער אַנטיקער וועלטאַנשויאונג, 1906 (דייטש).

מדרגה פון דער אייגנטלעכערווירקלעכקייט דעם אייגענעם זעלבסטבאַוווסטזיין אָדער דעם „איך". עקזיסטענץ און דענקען (באַוווסטזיין) זענען ביי אים צונויפגעפאַלן אין איינס, און במילא האָט ער דעם איך דערקלערט אַלס אַ ווירקלעכקייט, וואָס שטייט איבער יעדן צווייפל, און איז דורכדעם געוואָרן דער שעפער פון דער נייער פילאָזאָפיע. אָבער ערשט קאַנט האָט געגעבן דער פּראָבלעם אַ נייע און אַנטשיידענע ווענדונג דורכדעם, וואָס ער איז אַוועק פון אָביעקטיוון געגנשטאַנד צו די סוביעקטיווע פאָר-הנחות פון דער דערקענטעניש און ער האָט פאָרמולירט די גרונד-פראַגע פון פילאָזאָפירן אין דעם זין, וועלכע באַדינגונגען עס דאַרפן דער-פילט זיין, כדי די ווירקלעכקייט זאָל זיך לאָזן דערקענען מיט אַבסאָלוטער זיכערקייט.

אַבסאָלוט זיכער איז נאָר די דערקענטעניש פון ריינעם פאַרשטאַנד, וואָס איז אומאָפּהענגיק פון דער דערפאַרונג. אַזאַ דערקענטעניש הייסט אַ פּ ר י אָ ר י, און איר זיכערקייט באַזירט זיך אויף דעם, וואָס זי איז אַלגעמיין און נויטווענדיק, וואָס זי פליסט אַרויס פון מהות פון פאַרשטאַנדיקן דענקען גופא. די דערפאַרונגס-דערקענטעניש דאַקעגן אָדער די דערקענטעניש אַ פּ אָ ס ט ע ר י אָ ר י איז קיינמאָל נישט אַפּאָדיקטיש זיכער. היות דידאָזיקע דערקענטעניש באַזירט אויף אַ ממה-נפשך פון דער ווירקונג אין באַוווסטזיין אויף דער סיבה, וואָס ליגט אין איר גרונד, און היות די סיבה איז תמיד אומזיכער, און די דערפאַרונג איז אויך תמיד צופעליק און סוביעקטיוו, דעריבער פעלט איר נישט נאָר די נויטווענדיקייט, נאָר אויך די אַלגעמיינקייט, און וועלכער עס קען גאָר קיין רייד נישט זיין וועגן אַפּאָדיקטישער זיכערקייט.

„ווי אַזוי זענען מעגלעך סינטעטישע אורטיילן אַ פּ ר י אָ ר י ?" דאָס איז די גרונד-פראַגע פון דער פאַרשטאַנד-קריטיק.

סינטעטיש ווערט אָנגערופן אַן אורטייל, וואָס איז נישט אַנאַליטיש, וועלכער ווערט נישט אַרויסגעפירט דורך דער צעגלידערונג פון אַ פאַרטיקן באַגריף און איז דעריבער בלויז דערקלערנדיק, נאָר אַן אורטייל, וואָס גיט עפּעס צו צום באַגריף, וואָס איז אין אים

נישטאָ, און במילא פֿאַרברייטערט ער אונזער דערקענטעניש. אַזעלכע אורטיילן זענען אונז באַקאַנט בלויז אַלס דערפֿאַרונגס־אורטיילן. ווי אַזוי־זשע איז מעגלעך צו בילדן מיט ריינעם פֿאַרשטאַנד אַ פּ ר י אָ ר י אורטיילן, וואָס טראָגן דעם כאַראַקטער פֿון דערפֿאַרונגס־אורטיילן? ווי אַזוי־זשע איז מעגלעך צו בילדן אורטיילן, וואָס ווערן געשעפּט פֿון ריינעם פֿאַרשטאַנד און נישט געקוקט אויף דעם דערקלערן זיי נישט נאָר אונזער דערקענטעניש, נאָר זיי פֿאַרברייטערן זי נאָך, וואָס פֿאַלן צוגויף מיט דער דערפֿאַרונג, נישט געקוקט אויף זייער אַפּריאָרישקייט? ווי אַזוי איז מעגלעך אַן אַפּריאָרישע דערפֿאַרונגס־דערקענטעניש, אַ דערקענטעניש פֿון דער ווירקלעכקייט מיט ריינעם פֿאַרשטאַנד? 1)

דער ענטפֿער, וועלכן קאַנט גיט אויף דערדאָזיקער פֿראַגע, זאָגט: די ווירקלעכקייט מוז זיין אַ פּ ר י אָ ר י, זי מוז אָפּ־ש ט אַ מ ע ן פֿון ריינעם פֿאַרשטאַנד און ה אָ ב ן א י ן א י ם א י ר י ס ו ד, אויף וויפֿל מען זאָל זי קענען ד ע ר ק ע נ ע ן מיטן ריינעם פֿאַרשטאַנד אַ פּ ר י אָ ר י, אָדער מיט אַבסאָלוטער זיכערקייט. דער דערקענענדיקער סוביעקט אָדער „איך״ מוז אַליין זיין די אַפּריאָרישע ווירקלעכקייט, אויף וויפֿל ער זאָל זי דערקענען מיט אַבסאָלוטער זיכערקייט. די אַפּריאָרישע אָדער די אַפּאָדיקטיש־זיכערע דערקענטעניש איז מעגלעך דאַן, ווען די דערקענטעניש, וועלכע מען

1) מען דאַרף נישט אַרויסלאָזן פֿון אויג, אַז דער געגנשטאַנד פֿון קאַנטס פֿאָרשונגען איז נישט די מעגלעכקייט פֿון דער דערקענטעניש בכלל, נאָר בלויז די מעגלעכקייט פֿון דער אַפּריאָרישער ווירקלעכקייטס־דערקענטעניש. קאַנט האָט נישט געפֿרעגט, אין גייסט פֿון דער היינטצייטיקער דערקענטעניש־טעאָריע, ווי איז בכלל דערקענטעניש מעגלעך, נאָר ווי אַזוי איז מעגלעך אָן דער הילף פֿון דער דערפֿאַרונג צו דערקענען די ווירקלעכקייט אַ פּ ר י אָ ר י, דאָס הייסט מיט אַפּאָדיקטישער זיכערקייט. מען פֿעלשט דעם זין פֿון דער קאַנטישער קריטיק און מען פֿאַרשליסט פֿאַר זיך דעם וועג צו פֿאַרשטיין די גאַנצע נאָכקאַנטישע, באַזונדערס די אידעאַליסטישע פֿילאָזאָפֿיע פֿון אַ פֿיכטע, שעלינג און העגעל, ווען מען מעסט די קריטיק פֿון פֿאַרשטאַנד מיט דער מאָס, וועלכע מען איז היינט־צוטאָג געוווינט אָנצווּוענדן ביי דערקענטעניש־טעאָרעטישע פֿאָרשונגען, דאָס הייסט, ווען מען רוקט קאַנטן אונטער די כוונה צו קריטיקירן די דערקענטעניש פֿון דער ווירקלעכקייט אַלס אַזעלכע.

דאַרף דערקענען, איז די ווירקלעכקייט פון דערקענענדיקן זעלבסט־באַוווסטזיין אָדער איך, ווען עקזיסטענץ און באַוווסטזיין זענען אידענטיש, ווען די דערקענטע ווירקלעכקייט איז אין באַוווסטזיין איינס מיט דעם דערקענענדיקן סוביעקט.

אַלס אַ וועלט פון „זאַכן פאַר זיך", אַלס אַ וועלט, וואָס געפינט זיך מחוצן באַוווסטזיין, אַלס טראַנסצענדענטע וועלט איז די ווירקלעכקייט נישט קיין געגנשטאַנד פון אַפּריאָרישער דערקענטעניש. עס איז דעריבער אויך נישטאָ קיין מעטאַפיזיק, אַלס אַפּאָדיקטיש־זיכערע וויסנשאַפט וועגן דאָס טראַנסצענדענטאַלע, ווי דאָס האָט געמיינט די גאַנצע ביזדאַניקע פילאָזאָפיע 1). די ווירקלעכקייט, וואָס ווערט באַשטימט דורך עמפּינדונגען, איז טאַקע באַוווסט־זיין (באַוווסטעס זיין), אָבער אָפּהענגיק פון דער השפעה פון די זאַכן פאַר זיך אויף אונז, וואָרצלט זי אַזוי אַרום נישט אין אייגענעם זעלבסטבאַוווסטזיין און איז נאָר דערקענבאַר דורך דערפאַרונג, אַ פּאָסטעריאָרי. ווען די באַוווסטזיין־ווירקלעכקייט זאָל זיין נאָר דער סך־הכל פון אונזערע עמפינדונגען, וואָלט במילא בכלל נישט געווען קיין אַפּאָדיקטיש־דערקענבאַרע ווירקלעכקייט.

די באַוווסטזיין־ווירקלעכקייט אָבער, וועלכע מיר רופן אָן

---

1) עס איז דעריבער לחלוטין פאַלש צו זאָגן, אַז קאַנט האָט דערוויזן די אוממעגלעכקייט פון דער מעטאַפיזיק אַלס וויסנשאַפט. קאַנט האָט גאָרנישט געלייקנט אין דער מעגלעכקייט פון דער מעטאַפיזיק בכלל, ער האָט בלויז געלייקנט אין דער מעגלעכקייט פון אַ אַפּאָדיקטישער מעטאַפיזיק, וועלכע נעמט זיך גאַוואַנדיק אונטער אויפצושטעלן אַפּאָדיקטיש געוויסע אורטיילן וועגן דאָס טראַנסצענדענטאַלע. די מעגלעכקייט פון אַ ריין־אימאַנענטער מעטאַפיזיק, וועלכע אורטיילט אַ פּ ר י אָ ר י וועגן די סוביעקטיווע באַדינגונגען פון דער ווירקלעכקייט, ווערט פון אים נישט נאָר נישט געלייקנט, נאָר אדרבה — ער באַהויפּטעט דאָס (ז. וו.), אָבער די־יעניקע פון אַ אַפּאָסטעריאָרישער (אינדוקטיווער) מעטאַפיזיק פון דאָס טראַנסצענדענטאַלע בכלל האָט ער גאָרנישט געגומען אין באַטראַכט. דעריבער דאַרף מען קאָריגירן די אָפט־געהערטע מיינונג, אַז די מעטאַפיזיקער נאָך קאַנטן האָבן „פאַרלאָזן" די פּרינציפּן פון קאַנטישן דענקען און זענען „צוריק אַריינגעפאַלן" אין דאָגמאַטיזם פון דער פאַרקאַנטישער פילאָזאָפיע. פאַרג. ס. פאָן האַרטמאַן: „קאַנטס דערקענטעניש־טעאָריע און מעטאַפיזיק אין די פיר פעריאָדן פון זייער אַנטוויקלונג", 1894 (דייטש).

אונזער דערפאַרונג, איז אַ געפלעכט פון עמפינדונגען און לאָגישע שייכותן, דורך וואָס די עמפינדונגען ווערן סינטעטיש פאַרקניפּט צווישן זיך און ווערן דעגראַדירט צו בוי־שטיינער אָדער מאָמענטן פון אַ העכערער איינהייט, — טאָקע פון דער דערפאַרונג. דידאָזיקע פאַרקניפּונגס־אופנים פון די עמפינדונגען, פון וועלכע עס נעמט זיך דער סינטעטישער כאַראַקטער פון די נישט דערפאַרונגס־אורטיילן, קענען נישט דערקלערט ווערן מיט עמפינדונגען, נאָר זיי זענען אומאָפּהענגיק פון דידאָזיקע לעצטע און זיי געפינען זיך אין אונזער באַוווסטזיין פאַר זיי, אַ פּריאָרי. דעריבער קען מען זיי אויך דערקענען אַ פּריאָרי. פאַרבונדן דורך אונז מיט די עמפינדונגען, טרעטן זיי פאַר אונז אַרויס אין צוזאַמענהאַנג מיט דידאָזיקע אַלס אָביעקטיווע באַציאונגען און געזעצן פון דער דערפאַרונגס־וועלט. ווענן זיי קענען מיר דעריבער האָבן אַן אַפּריאָרישע און במילא אַפּאָדיקטישע דערקענטעניש.

עס איז אַזוינאָך דאָ אַן אַפּריאָרישע דערקענטעניש פון די אָביעקטיווע געזעצן פון דער דערפאַרונג אָדער פון דער באַוווסטזיין־ווירקלעכקייט, אויף וויפל זיי שטעלן פאָר מיט זיך גופא אין באַוווסטזיין די סוביעקטיווע באַדינגונגען פון יענער ווירקלעכקייט. עס איז דאָ אַ מעטאַפיזיק נישט אַלס וויסנשאַפט וועגן דאָס טראַנסצענדענטאַלע, וועגן דאָסיעניקע, וואָס ליגט מחוצן באַוווסטזיין, נאָר וועגן די אימאַנענטע אַפּריאָרישע באַדינגונגען פון אייגענעם באַוווסטזיין־אינהאַלט. עס איז דאָ אַ דערקענטעניש פון דער ווירקלעכקייט מיטן ריינעם פאַרשטאַנד און במילא אַן אַבסאָלוט זיכערע דערקענטעניש, אָבער נישט לויט איר שטאָף, לויט איר עמפינדונגסמעסיק־באַשטימטן אינהאַלט, נאָר בלויז לויט איר פאָרם נאָך, אַ ריין־פאָרמאַלע דערקענטעניש פון די לאָגישע שייכותן, אויף וועלכע עס באַזירט יעדער אַרט צוזאַמענהאַנג פון די עמפינדונגען, יעדע סינטעטישע אייגנשאַפט, יעדע געזעצמעסיקייט פון דער ווירקלעכקייט. עס איז דאָ אַ דערקענטעניש, וואָס הגם געשעפּט פון ריינעם פאַרשטאַנד, שטייט זי פונדעסטוועגן אין הסכם מיט דער

דערפאַרונג. סינטעטישע אורטיילן אַ פּ ר י אָ ר י, דערפאַרונגס-אורטיילן פון ריינעם פאַרשטאַנד זענען מעגלעך, ווייל די ד ע ר-פאַרונג גופא איז אַפּריאָריש און לכל הפחות אירע אַלגעמיינסטע געזעצן, וועלכע בילדן דעם געגנשטאַנד פון דער וויסנשאַפט און דינען דער אויסברייטונג פון אונזער דערקענטעניש, מאַכן אויס די געזעצן פון אונזער אייגענעם באַוווסטזיין.

די פעאיקייט אויפצונעמען עמפינדונגען באַצייכנט קאַנט אַלס ז י נ ל ע כ ק י י ט. דידאַזיקע האָט אירע אייגענע אַפּריאָרישע פאָרמען, די אַזויגערופענע ר י י נ ע אָ נ ש ו י א ו נ ג ס - פ אָ ר מ ע ן: שטח און צייט.

די פעאיקייט צו בילדן באַגריפן און פאַרקניפן דורך זיי די עמפינדונגען הייסט פ אַ ר ש ט אַ נ ד און די לאָגישע פאַר-קניפונגס-אופנים, וועלכע ער דיקטירט, הייסן פ אַ ר ש ט אַ נ ד-פ אָ ר מ ע ן אָדער ק אַ ט ע ג אָ ר י ע ן. צו דידאָזיקע געהער די סובסטאַנטיאַליטעט, די קויזאַליטעט, די איינהייט, די פילהייט, די מעגלעכקייט, דיווירקלעכקייט, די נויטוועדיקייט און אַז. וו.

אויסער און איבער דידאָזיקע ביידע איז דאָ נאָך אַ דריטע הויפּט-פעאיקייט, די פ אַ ר נ ו נ פ ט. אירע אַפּריאָרישע אינהאַלטן בילדן די א י ד י י ע ן (פערזענלעכע אומשטערבלעכקייט, פרייהייט און גאָט). בעת אָבער די פאַרשטאַנד-באַגריפן באַזירן אויף אָנ-שויאונגען (אויף פאַרשטחטע און פאַרצייטלעכטע עמפינדונגען) און די ריינע אָנשויאונגס-פאָרמען אויף עמפינדונגען, וועלכע זענען מרמז אויף אַ טראַנסצענדענטאַלע וועלט פון זאַכן פאַר זיך, וועלכע געפינט זיך מחוץ די גרעניצן פון באַוווסטזיין, און זיי מאַכן ערשט מעגלעך דידאָזיקע גאַנצע דערפאַרונג, טראָגן די פאַרנונפט-אידייען זייער ווערט אין זיך גופא, נישט שאַפנדיק די מעגלעכקייט פאַר אַ ווירקלעכע דערקענטעניש, אַ דערקענ-טעניש פון דאָס ווירקלעכע, וועלכע איז אַלס אַזעלכע תמיד גע-קניפט צו די עמפינדונגען. טעאָרעטיש גענומען זענען דאָס בלויזע כללים, לויט וועלכע מיר דערגאַנצן די אומפולשטענדיקייט פון דער דערפאַרונגס דערקענטעניש און דערפירן זי צו אַ סיסטע-

מאַטישן אָפּשלוס, אָבער פאַר דער פּראַקטישער פאַרנונפט באַשטעטיקן זיי איר „זאָל״. אָן דער אָנערקענונג פון די פאַרנונפט-אידייען וואָלטן מיר נישט געקענט האַנדלען זיטלעך. דורכדעם גיבן זיי צו דער טעאָרעטישער דערקענטעניש די-יעניקע מאָס פון זיכערקייט, וואָס באַרעכטיקט צו באַטראַכטן אַלס ווירקלעך אויך דעם געגנשטאַנד פון די אידייען.

די דערקענטעניש פון די אַפּריאָרישע באַדינגונגען פון דער דערקענטעניש און דורכדעם גלייכצייטיק פון דער ווירקלעכקייט באַצייכנט קאַנט אַלס טראַנסצענדענטאַל. אַפּריאָריש איז אַזוי אַרום נאָר די טראַנסצענדענטאַלע דערקענטעניש, און דידאָזיקע איז אַפּאָדיקטיש-זיכער, אויף וויפל דער באַוווּסטזיין האָט ביי איר צו טאָן בלויז מיט זיין אייגענעם אוממיטלבאַרן („איינגעבאָרענעם״) אינהאַלט.

אָבער היות די אַפּריאָרישע פאָרמען, אָן וועלכע עס קען גאָר קיין רייד נישט זיין נישט וועגן דערקענטעניש און נישט וועגן ווירקלעכקייט אין זין פון דער דערפאַרונג, זענען נישט מער ווי פאָרמען פון באַוווּסטזיין און זיי האָבן אַ שייכות בלויז צום באַוווּסטזיין-אינהאַלט פון די עמפינדונגען, זענען מיר מיט אונזער גאַנצער דערקענטעניש איינגעשלאָסן אין די גרעניצן פון באַוווּסטזיין. אין דעם באַשטייט קאַנטס טראַנסצענדענטאַלער אידעאַליזם. לויטן דאָזיקן איז יעדע ווירקלעכקייט, אויף וויפל זי בילדעט אַ געגנשטאַנד פון דער אַפּריאָרישער דערקענטעניש, בלויז די ווירקלעכקייט פון אייגענעם באַוווּסטזיין. צי עס עקזיסטירט מחוץ פון דערדאָזיקער באַוווּסטזיין-ווירקלעכקייט נאָך אַן אַנדער ווירקלעכקייט, אַ וועלט פון זאַכן פאַר זיך, צי עס עקזיסטירט אַ חוץ דער זינלעכער, עמפינדונגסמעסיק באַשטימטער דערפאַרונג נאָך אַן איבער-זינלעכע יענע וועלט און ווי אַזוי דידאָזיקע „יענע וועלט״ זעט אויס, וועגן דעם קענען מיר יעדנפאַלס גאָרנישט זאָגן מיט אַפּאָדיקטישער זיכערקייט. נאָכמער, מיר קענען וועגן דעם בכלל גאָרנישט זאָגן, אויב די אַפּריאָרישע פאָרמען פון דער דערקענטעניש,— ווי קאַנט פאַרזיכערט,— זענען בלויז פאָרמען פון באַוווּסטזיין און מחוץ פון באַוווּסטזיין האָבן זיי קיין שום ווערט נישט. דער

פילאָזאָף האַלט זיך בײַ דער מיינונג, אַז נאָר די דערפאַרונג לאָזט זיך דערקענען, אַז נאָר די אַפּריאָרישע באַדינגונגען פון דער דערפאַרונג און פון זיטלעכן האַנדלען זענען דערקענבאַר אַ פּ ר י אָ ר י און במילא מיט אַבסאָלוטער זיכערקייט; און אויב די ביזאיצטיקע פילאָזאָפיע האָט אין דאָגמאַטישער פאַרבלענדעניש געשטרעבט צו דערקענען אַ פּ ר י אָ ר י די אָביעקטיווע באַדינגונגען פון דער ווירקלעכקייט, ווייזט איר אויף די קריטיק פון דער ריינער פאַרנונפט, אַז אַ אַפּריאָרישע און במילא אַפּאָדיקטישע דערקענטעניש איז נאָר מעגלעך אַלס אַ דערקענטעניש פון די סוביעקטיווע אַפּריאָרישע הנחות פון דער דערקענטעניש.

דער איבערגאַנג פון קאַנטן צו פיכטען.

די צייטחברים האָבן נאָר לאַנגזאַם ווי געהעריק אָפּגעשאַצט די קאַנטישע פילאָזאָפיע. די נייע לערע האָט באַקומען השפעה ערשט נאָכדעם, ווי דער קעניגסבערגער הויפּפּרעדיקער יאָהאַן שולצע אין זיין „דערקלערונגען וועגן דער קריטיק פון דער ריינער פאַרנונפט" (1784) און קאַרל לעאָנהאַרד ריינהאָלד אין זיינע „בריוו וועגן דער קאַנטישער פילאָזאָפיע" (1786/87) האָבן זיך באַמיט פאַרשטענדלעך צו מאַכן קאַנטס שווערע געדאַנקען-גענג פאַר אַ גרעסערן פּובליקום, אָבער דערעיקר האָט זי זיך אויסגעברייטערט דורך דער גרינדונג פון דער יענאַער אַלגעמיינער ליטעראַטור-צייטונג (1785), וועלכע האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו פאַרשפּרייטן די קאַנטישע פילאָזאָפיע. אמת, וואָלפס אָנהענגער האָבן זיך געפּרוּווט פאַרטיידיקן פון איר דורך גרינדן דעם פילאָזאָפישן מאַגאַזין (1789), און אויך די אויפקלערער האָבן זי באַקעמפט אין וואָרט און שריפט, פילנדיק מיט רעכט, אַז זייער ליד איז אָפּגעזונגען און אַ נייער פילאָזאָפישער גייסט איז אויפגעשטאַנען, אָבער פונדעסטוועגן האָט זי געוווּנען פאַר זיך אַלץ מער און מער פּלאַץ, און מיטן אָנהויב פון ניינצנטן יאָרהונדערט איז איר זיג איבער דער ביזדאַניקער פילאָזאָפיע געווען פאַרענדיקט. זי האָט נישט נאָר געהאַט איבערצייגטע

פאַרטרעטער כּמעט אין אַלע אוניווערזיטעטן, — זי האָט געווירקט סטימולירנדיק אויף די איבעריקע וויסנשאַפטן און זי האָט אַרויסגערופן אין דייטשלאַנד אַזאַ אומדערהערט אינטענסיוון גייסטיקן לעבן, וואָס איז ביז דאַן דעמדאָזיקן לאַנד געווען אומ-באַקאַנט.

שילער.

צו קאַנטס באַגייסטערטסטע פאַרערערס האָט געהערט פ ר י ד ר י ך ש י ל ע ר (1759—1805). אין דערקענטעניש-טעאָרעטישע און עטישע פראַגן איז ער אין וועזנטלעכסטן געווען איינשטימיק מיט קאַנטן, אָבער אַלס דיכטער האָבן אים באַזונדערס צוגעצויגן דעם פילאָזאָפס עסטעטישע אָנשויאונגען; גלייכצייטיק האָט ער אים אָבער אָפּגעשטויסן דורך דער שאַרפער סתּירה, וועלכע קאַנט האָט איינגעשטעלט צווישן זינלעכקייט און פאַרנונפט, צווישן נאַטור און פרייהייט, צווישן נייגונג און פליכט. דעם דיכטער איז פאָרגעקומען, אַז דער שטרענגער ריגאָריזם פון דער פליכט, וועלכע קאַנט האָט אויפגעשטעלט אויף דערדאָזיקער סתּירה, פירט צו אַן אַסקעטישער מאָנאַכן-מאָראַל. ער אַליין איז געווען איבערצייגט, אַז די פיזישע און גייסטיקע נאַטור פון מענטשן מוזן ווירקן האַרמאָניש צוזאַמען און זיך קעגנזייטיק אונטער-שטיצן, כּדי אַרויסצוברענגען דעם אידעאַל פון מושלמדיקן מענטשן.

אין זיין אָפּהאַנדלונג „וועגן חן און חשיבות״ (1793) דע-פינירט ער די ערשטע אַלס נייגונג צו פליכט, אַלס הסכּמה פון דער זינלעכקייט צו דער פליכטמעסיקייט פון ווילן און שטעלט אַרויס קעגנאיבער דעם קאַנטישן דואַליזם פון דידאָזיקע ביידע דעם אידעאַל פון דער „שיינער נשמה״, וועלכע איז נישט קיין קנעכט פון דער פליכט, נאָר זי פאַרוואַנדלט דעם זיטלעכן געזעץ צום נאַטור-געזעץ פון איר ווילן. כּדי צו דערגרייכן די העכסטע השלמה פון זיין וועזן, כּדי צו דערהויבן זיך צו דער מדרגה פון אַ מאָראַלישן אינדיווידואום אין אמתן זין פון דאָזיקן וואָרט, נויטיקט זיך דער מענטש אין דער אונטערשטיצונג פון זיין נאַטור. און דידאָזיקע געפינט שילער אין דער עסטעטישער בילדונג.

דורך איר ווערט פאַראײדלט דאָס נאַטירלעכע אינסטינקט-לעבן אין דער מענטש ווערט פאַרוואַנדלט פון אַ בלויזן נאַטירלעכן וועזן אין אַ מאָראַלישן. די גענויערע אַנטוויקלונג פון דאָזיקן געדאַנק אַנטהאַלטן שילערס „בריוו וועגן דער עסטעטישער דערציאונג פון מענטשן" (1795).

דער מענטש איז אַ איינהייט פון נאַטור און גייסט. אויפן לעצטן באַזירט דער „פאָרם-אינסטינקט", די זיטלעכע באַטעטיקונג פון זיין איבערזינלעכן וועזן, אויף דער ערשטער דער „שטאָפאינסטינקט", די נאַטורנויטווענדיקע באַטעטיקונג פון זיין זינלעכן מהות. די-דאָזיקעביידע פאַרבינדט דער שפּיל-אינסטינקט, ווי שילער רופט אים אָן. דער אופן, ווי אַזוי ער קומט צום אויסדרוק, באַשטייט אין דעם, צו פאַרבינדן האַרמאָניש צווישן זיך דעם נידעריקן זינלעכן שטאָף-אינסטינקט און דעם העכערן פאַרנונפטיקן פאָרמאינסטינקט,דער-פירן צו אַ צושטאַנד, ווען דער מענטש ווערט נישט פאַרגוואַלטיקט נישט פיזיש און נישט מאָראַליש און איז דאָך טעטיק אויף ביידע געביטן, און דערדאָזיקער צושטאַנד איז דער עסטעטישער, דער צושטאַנד פון אָנפּניותדיקער באַטראַכטונג. דאָ שטייען מיר קעגנ-איבער דעם געגנשטאַנד ריין אָנשויענדיק און מיר פילן זיך פריי סיי פון דער הערשאַפט פון אונזער זינלעכער נאַטור און סיי פון צוואַנג פון דער פליכט-געבאָט. בעת מיר האָבן הנאה נישט פון דערווירקלעכקייט פון די געגנשטאַנדן, נאָר בלויז פון זייער אויסערלעכן שיין, קומט דורכדעם אונזער מענטשלעכע נאַטור אין איר גאַנצקייט, אַלס גייסטיקע, ווי אויך אַלס זינלעכע, צו איר עכטסטן אויסדרוק. „דער מענטש איז נאָר דאָ אין עכטן זינען אַ מענטש, ווו ער שפּילט זיך". אַזוי אַרום איז נאָר די קונסט בכוח פולשטענדיק אויסצובילדן זיין וועזן, די הומאַניטעט אין העכסטן זינען. אויב די פיזישע מלוכה הייסט דער צושטאַנד פון דער מענטשהייט, ווו זי געפינט זיך אונטערן צוואַנג פון דער געוואַלט-הערשאַפט, וואָס ווערט אַרויסגערופן דורך דער נאַטירלעכער נויטווענדיקייט, אויב די מאָראַלישע מלוכה איז דער ציל, צו וועלכן זי מוז זיך אַנטוויקלען, כדי צו לעבן אין הסכם מיט איר אמתן גייסטיקן וועזן, בילדעט די עסטעטישע

מלוכה דעם אומפאַרמיידלעכן צווישנגליד דערצו. זי באַשטייט אין פאַראיידעלן דעם נאַטור-אינסטינקט דורך עסטעטישער בילדונג, דורך אַנטוויקלען אַלע פעאיקייטן פון מענטשן צו אַ איינהייט און זי פאַרשיט דורכדעם דעם תּהום צווישן נאַטור און פאַרנונפט, צווישן דער פיזישערווירקלעכקייט און דער מאָראַלישער אויפגאַבע. אַזוי אַרום האָט זיך שילער צוערשט פאָרגעשטעלט די עסטעטישע מלוכה אַלס אַ מיטל, וואָס העלפט פאַרוואַנדלען דעם זינלעכן מענטשן אין אַ זיטלעכן, אָבער מען זעט זיך גאָר נישט אַרום ווי זי באַקומט שוין אַ זעלבשטענדיקע און גרויסע באַדייטונג און זי גופא ווערט דער העכסטער ציל פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג; דעם דיכטער איז קיינמאָל נישט געלונגען איינגאַנצן אויסצוגלייכן דידאָזיקע סתּירה אין זיינע אָנשוי-אונגען.

אין דער צייט, וואָס די קונסט איז פאַר שילערן אַ מיטל, כּדי צו העלפן דעם מענטשן זיך אַנטוויקלען צו זיין אידעאַלן צו-שטאַנד, פירט ער פון דער צווייטער זייט אַריין אין דער קונסט-באַטראַכטונג — אין זיין אָפּהאַנדלונג „וועגן נאַאיווער און סענטי-מענטאַלער דיכטונג" — (1796) דעם באַגריף פון אַנטוויקלונג און באַמיט זיך פון זיין פאַרשידנאַרטיקער באַציאונג צו דער נאַטור און פון די דורכדעם אָפּשטאַמענדיקע סוביעקטיווע שטימונגען פון קינסטלער אַרויסצופירן די פאַרשידענע עסטעטישע גרונד-באַגריפן, ווי אויך די מינים פון קינסטלערישן און באַזונדערס פון דיכטערישן שאַפן. אויף דער אומבאַוווסטער איינהייט מיט דער נאַטור באַזירט דער נאַאיווער קינסטלערישער שאַפן, אויף דעם באַוווסטזיניקן קעגנזאַץ צו איר און אויף דער בענקשאַפט צו דער פאַרלאָרענער איינהייט — דער סענטימענטאַלער קינסטלערישער שאַפן. די ערשטע איז דער כאַראַקטער פון דער אַנטיקער קונסט, די צווייטע — פון דער מאָדערנער.

די פאַראייניקונג פון ביידע אין אַ העכערן באַטראַכטונגס-אופן, אין וועלכן דידאָזיקע ביידע געפינען זיך בלויז אַלס מאָמענטן, איז דער אידעאַל פון דער קונסט און גלייכצייטיק דער ציל פון דער מענטשלעכער גייסטיקער קולטור, דער סוף

פון היסטאָרישן פראָצעס. אין גערעאַנגל פאַר דערדאָזיקער פאַר־אייניקונג דערשיינט דער קינסטלער אַלס אידעאַליסט, אין איר פאַרווירקלעכונג — אַלס רעאַליסט, און שילער אַליין האָט טאַקע פאַרערט אין געטען אַזאַ מין רעאַליסט. דער אידעאַל פון דער בילדונג איז די גלייכמעסיקע אויספאָרמירונג פון דער זינלעכער און גייסטיקער נאַטור פון מענטשן צו אַ האַרמאָנישער גאַנצקייט, און דידאָזיקע איז בעיקר פון עסטעטישער נאַטור.

דורך דער באַגייסטערטער דורכפירונג און פאַרטיידיקונג פון דאָזיקן גרונד־געדאַנק פון זיין וועלט־אָנשויאונג האָט שילער פונקט אַזוי טיף געווירקט אויף דעם בילדונגס־דראַנג פון דער גאַנצער תּקופה וואָס נאָך אים און איר געגעבן די ריכטונג, ווי זיינע ספּעציפיש עסטעטישע אונטערשיידונגען האָבן געהאַט אַ אַנטשיידנדיקע באַדייטונג פאַר דער עסטעטיק און זיין פילאָ־זאָפישע גרונד־אָנשויאונג — פאַר דער גאַנצער פאָרמירונג פון דער באָכקאַנטישער אידעאַליסטישער פילאָזאָפיע.

די גלויבנס־פילאָזאָפיע.

דער דואַליזם פון דער קאַנטישער פילאָזאָפיע, וועלכן שילער האָט געגלויבט צו קענען גובר זיין אויפן עסטעטישן באָדן, איז אויך פאַר האַמאַנען, הערדערן און יאַקאָבין געווען דער הויפּט־געגנשטאַנד פון זייערע אָנגריפן קעגן קאַנטן.

האַמאַן (1730—1788), קאַנטס אַ נעענטערער לאַנדסמאַן, וועלכער איז אויך פּערזענלעך געווען נאָנט צו אים, האָט זיך באַצויגן נעגאַטיוו צו דער קעגנשטעלונג און דער שיידונג פון זינלעכקייט און פאַרשטאַנד, וועלכע ווערן אָפּגעפרעגט, לויט זיין מיינונג, שוין דורך דער שפּראַך גופא.

הערדער (1744—1803) איז אין זיין „מעטאַפיזיק צו דער קריטיק פון ריינעם פאַרשטאַנד” (1799) צוליב געשיכטס־פילאָזאָפישע מאָטיוון אַרויסגעטראָטן קעגן פאַנאַנדעררייסן מיט געוואַלט אַזעלכע באַגריפן, ווי זינלעכקייט און פאַרשטאַנד, פאַר־שטאַנד און פאַרנונפט, פאַרנונפט און דערפאַרונג און אַז. וו. און

ער האָט דערגאַנצט זיין „מעטאַפיזיק״ דורך באַשטרייטן קאַנטס עסטעטישע פּרינציפּן אין זיין „קאַליגאָנע״ (1800).

ער גופא האָט אָנערקענט אין דער דערקענטעניש-טעאָריע אַ סענסואַליסטישן עמפּיריזם אין לאָקס זינען, אין דער רעליגיאָנס-פילאָזאָפיע — אונטער האַמאַנס השפעה — אַ מיסטיש-געפאַרבטע לערע וועגן דער איינהייט פון קאָסמאָס, מאַכנדיק דעם פּרווו צו פאַרשמעלצן שפּינאָזאָס פּאַנטעאיזם מיט לייבניצעס אינדיווידואַליזם און דעם טעאיזם פון דער קריסטלעכער רעליגיע צו אַן אומקלאָרן און סתירהדיקן אַזויגערופענעם פּערזענלעכקייטס-פּאַנטעאיזם: גאָט איז נישט מחוץ, נאָר אין דער וועלט, אָבער נישט געקוקט אויף דעם — אַ פּערזענלעך מיט זעלבסטבאַוווסטזיין באַשאָנקען וועזן, וואָס קומט צום אויסדרוק אין יעדער זאַך אַלס גייסטיקע (נישט פּערזענלעכע) אורקראַפט — אַ נישט-אויסגעהאַלטנקייט, וועלכע איז באַזונדערס גערן אויפגענומען געוואָרן דורך דעם טעאָלאָגיש-באַאיינפלוסטן דענק-אופן און האָט זיך איינגעוואָרצלט אַלס איינער פון די באַדויערלעכסטע פאָראורטיילן אין דער פילאָזאָפיע פון דער ווייטערדיקער צייט.

אַן אמת גרויסן פאַרדינסט פאַר דער פילאָזאָפיע האָט הערדער זיך דערוואָרבן אַלס באַגרינדער פון דער נייערער געשיכטס-פילאָזאָפיע. אין זיינע „אידייען צו דער פילאָזאָפיע פון דער מענטשהייטס-געשיכטע״ (1784 און וו.) האָט ער צוגעגעבן אַ אוניווערסאַלע באַדייטונג דעם אַנטוויקלונגס-געדאַנק, וועלכן לייבניץ האָט אַריינגעפירט אין מאָדערנעם דענק-אופן. אין דער צייט וואָס לייבניץ האָט באַטראַכט די אַנטוויקלונג אַלס וועקסל פון אינדיווידיאומס רעוואָלוציע און אינוואָלוציע, און לעסינג אַפילו האָט זי אויפגעפאַסט בלויז אַלס אַ געטלעכע דערציאונג פונם מענטשן-מין אין פּרט פון פּראָגרעס פון רעליגיעזן באַוווסטזיין, פאַרברייטערט הערדער דעם אַנטוויקלונגס-געדאַנק אויפן גאַנצן געביט פון דער עקזיסטענץ, באַזונדערס פון גייסטיקן לעבן, און באַטראַכט די געשיכטע בלויז אַלס המשך און פאַרפולקאָמונג פונם נאַטורפּראָצעס.

די נאַטור איז די קאָטש אָדער דער יסוד פון גייסט, דער

מענטש — אַ קנופּ-סטאַציע, ווו די פיזישע דערשיינונגען פאַרוואַנדלען זיך אין עטישע, אָבער דער ציל פון דער גאַנצער אַנטוויקלונג, פון דער פיזישער, ווי פון דער גייסטיקער, איז די הומאַניטעט, די האַרמאָנישע אויסבילדונג פון אַלע אונזערע פעאיקייטן. מיט דערדאָזיקער עוואָלוציאָניסטישער וועלט-אַנשויאונג, אין וועלכער די נאַטור און דער גייסט דערשיינען אַלס נויטווענדיק-פאַרבונדענע און קעגנזייטיק-באַשטימענדיקע מאָמענטן פון אַ איינהייטלעכן גרויסן אָרגאַניזם, ווו דאָס נידעריקע עקזיסטירט אינם אינטערעס פון דאָס העכערע און דאָס איינצלנע — פון דאָס גאַנצע, איז הערדער פאָראויסגעגאַנגען אַ שעלינגן און אַ העגעלן. דורכדעם איז ער פאַר דער שפּעטערדיקער צייט געוואָרן פונקט אַזוי באַדייטונגספול, ווי ער שטעלט פאָר דורך זיינע פילאָזאָפישע האַלבקייטן אַ טיף פאַר דער פאַטאַלער השפעה, וועלכע די טעאָלאָגישע איינשטעלונג האָט געהאַט אויף די בעסטע דייטשישע דענקער פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. —

אַחוץ האַמאַנען און הערדערן האָט קודם-כל פריד. היינר. יאַקאָבי (1743—1819) אויפגעדעקט די סתירה, וואָס קאַנט לאָזט אַנטשטיין די עמפינדונגען דורך דער ווירקונג פון די זאַכן פאַר זיך, אָבער דערנאָך רעכנט ער צו די קויזאַליטעט צו די אַפריאָרישע פאַרשטאַנד-פאָרמען, וועלכע דאַרפן דאָך האָבן אַ באַדייטונג בלויז פאַרן באַוווּסטזיין. אָן די זאַכן פאַר זיך קען מען נישט אַריינקומען אין דער קאַנטישער סיסטעם, מיט זיי קען מען אָבער נישט בלייבן אין איר. דער טראַנסצענדענטאַלער אידעאַליזם פירט קאָנסעקווענט צו פאַרלייקענען אינגאַנצן די זאַך פאַר זיך, און דורכדעם במילא צום סוביעקטיוון אידעאַליזם, נאָכמער — צום פולשטענדיקן אילוזיאָניזם, ווייל ער פאַרוואַנדלט די גאַנצע ווירקלעכקייט אין אַ זינלאָזן טרוים. כּדי אויסצומיידן דידאָזיקע אַבסורדע קאָנסעקווענץ פון דער קאַנטישער פילאָזאָפיע האָט יאַקאָבי געפונען איין מיטל: אַנטלויפן נאָך הילף צום גלויבן. די אמתע פילאָזאָפיע באַשטייט אין דעם, וואָס מען נעמט אוממיטלבאַר אָן אַ ווירקלעכקייט אָן באַווייזבאַרע טעמים, וואָס מען לעבט איבער דידאָזיקע ווירקלעכקייט. זינלעכקייט און פאַרנונפט זענען די אָרגאַנע

פון יעדער אַרטווירקלעכקייטס-דערקענטעניש, דאָס ערשטע פאַר דער דערקענטעניש פון דאָס נאַטירלעכע, דאָס צווייטע פאַר דער דערקענטעניש פון דאָס איבערנאַטירלעכע. דער פאַרשטאַנד דאַקעגן פאַרקניפּט און צעשיידט בלויז צווישן זיך דערשיינונגען, ער באַגרייפט דעריבער בלויז נאָר דעם קויזאַלן צוזאַמענהאַנג פון די ענדלעכע עקזיסטענצן. פאַר דער וויסנשאַפט עקזיסטירט דעריבער אויך נישט קיין שום אומבאַדינגטעס. נאַטוראַליזם און אַטעאיזם בילדן איר כאַראַקטער, און דער ספּינאָזיזם איז די פולקאָמענסטע פאָרם פון אַ פילאָזאָפיע מיט דער הילף פון ריינע באַגריפן. דאָס אומבאַדינגטע און אומענדלעכע קען נאָר געפילט, אָבער נישט באַגריפן אָדער באַוויזן ווערן; אויף אַזוי ווייט איז עס אַ געגנשטאַנד פון גלויבן, און דערדאָזיקער שליסט גלייכצייטיק איין אין זיך אויך די זיכערקייט פון דער זינלעכער עמפּינדונג — אַ נאַאיווער רעאַליזם, וועלכן יאַקאָבי טיילט מיט די שאָטישע סענסואַליסטן, מיט אַ ראַיד און אַז. וו.

דורכדעם, וואָס ער שטעלט העכער אַ געפילסאַרטיק באַשטימטן גלויבן פון דער פאַרשטאַנדאַרטיקער דערקענטעניש, פאַרנעמט יאַקאָבי אַן אָרט לעבן אַ האַמאַן און הערדערן. דעם שטאַנדפּונקט, וועלכן עס האָבן פאַרטרעטן דידאָזיקע דענקער, באַצייכנט מען דעריבער אַלס „גלויבנס-פילאָזאָפיע". אָבער אויך דורך אַרויסשטעלן אויבנאָן דעם אינדיווידועלן כאַראַקטער פון יעדער אַרט עטיק שליסט זיך יאַקאָבי אָן צו הערדערן, ווי אויך צום ענגלישן מאָראַליסט שאַפטסבערי. ער פאַרטיידיקט צוזאַמען מיט אים דאָס רעכט פון סוביעקטיוויזם אויפן מאָראַלישן געביט, ער פאַרבייט דעם קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו, קאַנטס פאַרגליווערטן פליכט-געבאָט, דורך אַ מין מאָראַלישן אינסטינקט, וועלכער דאַרף אָבער נישט אין זינען האָבן קיין גענוס און אין דער אוממיטלבאַרער זיכערקייט אין דער פרייהייט פון אייגענעם וועזן, אין פּערזענלעכן גאָט און אין דער אומשטערבלעכקייט זעט ער דעם אורמקור פון יעדער זיטלעכער האַנדלונג.

ריינהאָלד.

אַז דער דואַליזם פון דער זינלעכקייט און דעם פאַרשטאַנד, וועלכער האָט שאַקירט די גלויבנס-פילאָזאָפן, שטעלט פאַר מיט זיך אַ זייט פון דער קאַנטישער סיסטעם, וואָס פאָדערט אַן אויסבעסערונג, איז אויך געווען ריינהאָלדס (1758—1823) מיינונג. אַ ווינער לויט דער געבורט, אַ יעזואיטן-תלמיד, וועלכער איז אַנטלאָפן פון דעם באַרנאַביטענאָרדען און איז דורך ווילאַנדס פאַרמיטלונג באַשטימט געוואָרן אַלס פראָפעסאָר פון דער פילאָזאָפיע אין יענאַ, האָט ער זיך אין זיין „נייער טעאָריע וועגן דער פאָרשטעלונגס-קראַפט" (1789) געשטעלט די אויפגאַבע אַרויסצודרינגען די פאַרשידענע פעאיקייטן און פרינציפן פונם דערקענען ביי קאַנטן פון איין-איינציקן פרינציפ, פון אַ העכסטן און אורשפרינגלעכן אור-פאַקט, אין וועלכן זיין פאַרשיידנקייט ווערט אויסגעגליכן צו אַן איינהייט. אַלס אַזאַ האָט ער באַטראַכט דעם באַוווּסטזיין, די פעאיקייט פון יעדער פאָרשטעלונגס-טעטיקייט בכלל.

יעדע פאָרשטעלונג אַנטהאַלט דעם באַוווּסטזיין פון אַ סוביעקט, וועלכער האָט זי, פון אַ אָביעקט, אויף וועלכן זי באַציט זיך, ווי אויך די פאָרשטעלונגס-טעטיקייט, אַלס אַזעלכע, אין זיך. דערפון פליסט אַרויס דער פרינציפ, אַז די פאָרשטעלונג איז פאַרשיידן אין באַוווּסטזיין פון דאָס, וואָס גיט די פאָרשטעלונג און פון דעם, וואָס האָט די פאָרשטעלונג, און גלייכצייטיק באַציט זי זיך אויף ביידע. צוליב דערדאָזיקער דאָפּל-באַציאונג אַנטהאַלט אין זיך די פאָרשטעלונג צוויי מאָמענטן: דעם שטאָף, וואָס אַנטשפּרעכט דעם געגנשטאַנד, וואָס גיט די פאָרשטעלונג, און די פאָרם, וואָס אַנטשפּרעכט דעם סוביעקט, וואָס האָט די פאָרשטעלונג. דער שטאָף ווערט געגעבן דורך אַפעקציע מצד דער זאַך פאַר זיך, ער באַזירט אַזוי אַרום אויף רעצעפּטיוויטעט. די פאָרם ווערט אַרויסגעבראַכט דורך ספּאָנטאַנישקייט מצד דעם סוביעקט גופא. יעדע פאָרשטעלונג איז אַלזאָ די איינהייט פון שטאָף און פאָרם, און די פאָרמירנדיקע טעטיקייט באַשטייט

טאַקע אין דעם, צו פאַרקניפּן צו אַן איינהייט די פאַרשיידנ-אַרטיקייט פון שטאָף און דערהויבן אים צום באַוווּסטזיין. אויף דעם אונטערשייד, צי דאָס געשעט אוממיטלבאַר, אָן באַוווּסטזיין וועגן דער באַדייטונג פון דער פאָרשטעלונג אָדער מיט אַזאַ באַ-וווּסטזיין, באַזירט די דורך קאַנט געמאַכטע אונטערשיידונג וועגן דער נשמה-פעאיקייט. זינלעכקייט איז די פעאיקייט צו האָבן פאָרשטעלונגען אָדער גיכער אָנשויאונגען נישט האָבנדיק דערביי דעם באַוווּסטזיין וועגן זייער פאָרשטעלונגס-נאַטור: דער אוממיטל-באַרער באַוווּסטזיין. פאַרשטאַנד איז די פעאיקייט צו האָבן דעם באַוווּסטזיין וועגן די פאָרשטעלונגען אַלס אַזעלכע: דער רעפלעק-טירטער אָדער פאַרמיטלטער באַוווּסטזיין. פאַרנונפט אָבער הייסט דער אוממיטלבאַרער באַוווּסטזיין פון דעריעניקער אַפּריאָרישער טעטיקייט, דורך וועלכער יעדער שטאָף ווערט בכלל פאַרמירט צו אַ פאָרשטעלונג.

שולצע, מימון, בעק.

דורך דעם, ווי אַזוי ריינהאָלד האָט אָנגעווענדט דעם באַגריף פון דער זאַך פאַר זיך — אַלס סיבה פון דעם שטאָפלעכן באַשטאַנדטייל פון דער פאָרשטעלונג, איז דער ווידערשפּרוך פון דאָזיקן באַגריף קלאָר געוואָרן פאַר אַלעמען. אין זיין צוערשט קעגן ריינהאָלד, דערנאָך אָבער אויך קעגן קאַנט געווענדעטן „ענעזידעמוס" (1792) האָט גאָטלאָב ערנסט שולצע (1781 — 1833) פאַרגעשטעלט דידאָזיקע סתירה אין איר גאַנצער באַדייטונג און ער האָט דערמיט געגעבן דעם שטויס צו אַ פול-שטענדיקער אומבילדונג פון דער קאַנטישער סיסטעם אויפן סמך פון דער פאַנאַנדערפאַלונג פונם באַגריף וועגן דער זאַך פאַר זיך. —

ווען עס זאָל מעגלעך זיין אַ אַפּאָדיקטיש-זיכערע דערקענ-טעניש פון דער ווירקלעכקייט, קען זי זיך נאָר באַציען אויף דער באַוווּסטזיינס-ווירקלעכקייט (דערפאַרונג) און אויך דאָ בלויז אויף דער ספּאָנטאַניטעט, וועלכע מיר נעמען אויף אוממיטלבאַר אין דער דעם שטאָף פאָרמירנדיקער טעטיקייט פון אונזער

באַוווסטזיין, און צו וועלכער עס געהער אויך די קוויזאַליטעט. אויב אַזוי איז אָבער אויך די לעצטע גילטיק בלויז פאַרן אינהאַלט פונם באַוווסטזיין. עס איז דעריבער נישטאָ קיין טראַנסצענדענטע קוויזאַליטעט, וואָס פאַרמיטלט אונז דעם שטאָף דורך אַן אויסערלעכן אַפעקט און במילא זענען אויך נישטאָ קיין זאַכן פאַר זיך, וואָס ווירקן אויף אונז פון אויסנווייניק. דעמדאָזיקן שלוס מאַכט שלמה מימון (1754 — 1800). די זאַך פאַר זיך איז לויט די קאַנטישע פרינציפן נישט נאָר אוממעגלעך צו דערקענען, נאָר דערדאָזיקער באַגריף לאָזט זיך גאָר נישט דענקען, ווייל די דענק-פאָרמען באַציען זיך נאָר אויפן אינהאַלט פון באַוווסטזיין, אויף דער באַוווסטזיינס-ווירקלעכקייט. נאָר דאָס פאָרמעלע פון דער פאָרשטעלונג, וועלכע מיר באַשאַפן אַליין, לאָזט זיך דערקענען. ווען מיר זאָגן וועגן אַ שטאָף, אַז ער איז „געגעבן", הייסט דאָס נאָר, אַז זיין גענויערער אַנטשטייאונגס-אופן איז אונז נישט באַקאַנט. דורכדעם איז ער אָבער נישט ווינציקער אונזער אייגענע שאַפונג, ווי די פאָרם, מער נישט וואָס די טעטיקייט פון זיין באַשאַפונג איז אומבאַוווסטזיניק אין זינען פון אַ פאָרשטעלונגס-טעטיקייט פון אַ נידעריקערער באַוווסטזיינס-שטופע, ווי לייבניץ אַליין האָט שוין גערעדט וועגן אומבאַוווסטע, ד. ה., טונקעלע, אומקלאָרע פאָרשטעלונגען (petites perceptions). —

איינשטימיק מיט מימונען האָט אויך סיג. בעק (1761 — 1840) אין זיין „איינציק-מעגלעכער שטאַנדפונקט, פון וועלכן די קריטישע פילאָזאָפיע קען באַהאַנדלט ווערן" (1796) אָפּגעזאָגט זיך פון באַגריף וועגן דער זאַך פאַר זיך און האָט זיך באַמיט צו דערווייזן, אַז דער אמתער זינען פון דער קאַנטישער פילאָזאָפיע איז דער אידעאַליזם. דער שטאָף און די פאָרם פון דער פאָרשטעלונג זענען ביידע גלייך אונזער אייגענע שאַפונג, זיי ווערן גלייכצייטיק אַרויסגעבראַכט דורך אונז דורך דעם „אורשפּרינגלעכן סינטעז". אַזעלכע באַגריפן ווי זיין, ווירקן און אַז. וו. באַציען זיך אַזוי אַרום בלויז אויף דערשיינונגען, אויף אינהאַלטן פון אונזער באַוווסטזיין. הייסט עס, אַז עס עקזיסטירן בכלל נישט קיין אַנדערע געגנשטאַנדן ווי דערשיינונגען. קיין זאַכן פאַר זיך קענען אָבער

שוין דערפאַר אַליין נישט עקזיסטירן, ווייל דאָס איז זינלאָז, אַז נישט-דערשיינונגען, — אַלס אַזעלכע ווערן זיי דאָך פאָרגע-שטעלט, — זאָלן קענען עקזיסטירן, ווירקן און אַז. וו., ד. ה., דערשיינען.

י. ג. פיכטע.

דורך דערדאָזיקער באַזייטיקונג פון דער זאַך פאַר זיך איז די קאַנטישע פילאָזאָפיע געשטעלט געוואָרן אויף אַ נייעם יסוד. דעריעניקער, וועלכער איז צוגעטראָטן זי נייַ אויפצובויען פון אינעווייניק אונטערן דאָזיקן געענדערטן געזיכטס-פונקט און דורכדעם גלייכצייטיק זי אַרויסצופירן איבער זיך אַליין, איז געוועזן פיכטע.

יאָהאַן גאָטליב פיכטע איז געבוירן געוואָרן אין 1762 אין ראַמענאַו אין דער אויבערלאַוזיץ אַלס זון פון אַ אָרימען לייַנען-וועבער. דורך דער אונטערשטיצונג פון באַראָן פאָן מילטיץ האָט ער באַקומען אַ טעאָלאָגישע בילדונג און איז אַ לאַנגע צייט טעטיק געוועזן אַלס הויז-לערער. דאָס באַקענען זיך מיט דער קאַנטישער פילאָזאָפיע האָט אַרויסגערופן אַ פולשטענדיקע איבער-קערעניש אין זיין גאַנצן דענקען. אין קעניגסבערג האָט ער זיך פערזענלעך באַקענט מיט קאַנטן און דורך זיין ערשטלינגס ווערק, „די קריטיק פון דער התגלות", אַרויסגערופן ביי אים אַזאַ התפעלות, אַז קאַנט האָט אים נישט נאָר פאַרשאַפט אַ הויז-לערער-שטעלע אין דאַנציק, נאָר אויך אַ פאַרלעגער. און דאָס-דאָזיקע ווערק האָט אויף אַזוי ווייט אַנטשפּראָכן קאַנטס גייסט, אַז ווען עס איז אין 1792 דערשינען אַנאָנים, האָט מען עס אומעטום געהאַלטן פאַר אַ ווערק פונם מייסטער גופא און איבער נאַכט האָט עס געמאַכט זיין מחבר פאַר אַ באַרימטן מאַן. אין 1794 האָט פיכטע איבערגענומען רייַנהאָלדס פּראָפעסור אין יענאַ און איז דאָרט געוואָרן איינער פון די פאַרהערלעכסטע פּראָפעסאָרן. קאָנפליקטן מיט די סטודענטן און דער גייסטלעכקייט האָבן אים אָבער פאַרמיאוסט דאָס לעבן אין דערדאָזיקער שטאָט, און ווען

ער איז אויפן סמך פון אַ אַרטיקל אין פילאָזאָפישן זשורנאַל „וועגן דער סיבה פון אונזער גלויבן אין אַ געטלעכע וועלט-רעגירונג" פאַרוויקלט געוואָרן אין אַ טרויעריק-באַרימטן אַטעאיזם-שטרייט און ער האָט צוליב זיין שאַרפן אַרויסטריט קעגן דער רעגירונג באַקומען פון דערדאָזיקער לעצטער אַ פאַר-וואָרף, האָט ער זיך אָנגעגעבן אין דעמיסיע און איז אַוועק-געפאָרן אין 1799 קיין בערלין. דאָ האָט ער געפונען ביי די ראָמאַנטיקער — טיק, שליירמאַכער, די ברידער שלעגעל — אַ אָנרעגנדיקן קרייז פריינט און אַ באַגייסטערטעס פובליקום פאַר זיינע פאָרטראַגן. איינמאָל, זומער 1805, האָט ער געהאַלטן, לויטן אויפטראַג פון דער רעגירונג, אין ערלאַנגען פאָרלעזונגען „וועגן וועזן פונם געלערנטן". נאָך דעם צוזאַמענברוך פון פרייסן האָט ער פאַרנומען אַ קורצע צייט אַ פראָפעסאָרן-אַמט אין קעניגסבערג און בעת נאַפּאָלעאָנס הערשאַפט האָט ער געהאַלטן אין בערלין זיינע פלאַמענדיקע „רעדעס צו דער דייטשישער נאַציע", וועלכע האָבן אים געמאַכט צו איינעם פון די הויפט-דערוועקער פונם דייטשישן נאַציאָנאַל-געפיל. אין 1810 איז גע-גרינדעט געוואָרן דער אוניווערזיטעט אין בערלין. פיכטע איז געווען זיין ערשטער רעקטאָר אין די יאָרן 1810 און 1811. ס'איז אויפגעקומען די צייט פון די פרייהייטס-מלחמות. אומפעאיק אַליין מיטצומאַכן דעם קריג אויפן פראָנט, האָט דער פילאָזאָף דורך זיינע רעדעס צעפלאַקערט די באַגייסטערונג און ער מיט זיין פרוי האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט אַרומגיין אַרום פאַרוווּנדעטע זעלנער. ביי דערדאָזיקער מסירות-נפשדיקער אַרבעט אין דינסט פון פאָטערלאַנד האָט אים אָנגעיאָגט דער טויט. ער איז גע-שטאָרבן פון אַ נערוון-פיבער, וועלכן זיין פרוי האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פון לאַזאַרעט, אינם יאָר 1814.

פיכטעס הויפט-ווערק איז די „וויסנשאַפטס-לערע". צווישן די פאַרשיידנאַרטיקע באַאַרבעטונגען פונם דאָזיקן געגנשטאַנד זענען די וויכטיקסטע דער „יסוד פון דער גאַנצער וויסנשאַפטס-לערע" (1794), ווי אויך די ביידע „אַריינפירן אין דער וויסנ-שאַפטס-לערע" (1797). פון זיינע איבעריקע ווערק דאַרף מען באַ-

זונדערס דערמאָנען די דריי אין יאָר 1806 דערשינענע ווערק: „די גרונדשטריכן פון דער איצטיקער תקופה" די „אָנווייזונג צום זעליקן לעבן" און „דאָס וועזן פונם געלערנטן". פיכטעס פראַקטישע פילאָזאָפיע געפינט מען אין דעם „יסוד פונם נאַטור רעכט לויט די פרינציפּן פון דער וויסנשאַפטס-לערע" (1796) און אין דער „סיסטעם פון דער זיטלעכקייטס-לערע לויט די פרינציפּן פון דער וויסנשאַפטס-לערע" (1798). אַ מער פּאָפּולערע באַאַרבעטונג פון זיין גאַנצער פילאָזאָפיע געפינט מען אין זיין ווערק וועגן „דער באַשטימונג פונם מענטשן" (1800).

דאָס, וואָס ריינהאָלד און קעגנער האָבן יעדער באַזונדער געלערנט, האָט פיכטע זיך באַמיט צונויפצונעמען אין איינס אין זיין פילאָזאָפיע. ווי ריינהאָלדן פעלט אים ביי קאַנטן אַ העכסטער פרינציפּ, פון וועלכן מען זאָל אַרויסדרינגען די פעאיקייטן און פרינציפּן פון דער דערקענטעניש. צוזאַמען מיט שולצען, מימונען און בעקן אָנערקענט ער נישט דעם באַגריף פון דער זאַך פאַר זיך און ער דערקלערט אים פאַר אַן אוממעגלעכן „פיין-אומפאַרנונפטיקן באַגריף", אַלס אַ פולשטענדיקע פאַרקריפלונג פון דער פאַרנונפט". נאָכמער, דאָס אָננעמען זאַכן, וועלכע באַגרינדן אונזער דערקענטעניש און פונדעסטוועגן זאָלן זיי אַליין זיין נישט צום דערקענען איז אים פאָרגעקומען אַזוי זינלאָז, אַז ער האָט זיך עס געקענט דערקלערן בלויז אַלס מיספאַרשטענדעניש מצד קאַנטס מפרשים.

„כל-זמן קאַנט דערקלערט נישט אויסדריקלעך, אַז ער פירט אַרויס די עמפינדונג פון אַ איינדרוק פון דער זאַך פאַר זיך, אָדער אַז די עמפינדונג דאַרף דערקלערט ווערן אין דער פילאָזאָפיע דורך אַ טראַנסצענדענטאַלן געגנשטאַנד, וואָס געפינט זיך מחוץ אונז, אַזוי לאַנג וועל איך נישט גלויבן דאָס, וואָס יענע מפרשים דערציילן אונז וועגן קאַנטן. וועט ער אָבער אָפּגעבן דידאָזיקע דערקלערונג, וועל איך דאַן די קריטיק פון דער ריינער פאַרנונפט גיכער באַטראַכטן אַלס דאָס ווערק פון אויסטערלישסטן צופאַל, ווי דאָס ווערק פון אַ קאָפּ".

דיווירקלעכקייט זאָל דערקענט ווערן אַ פּריאָרי, דורך

ריינער פאַרנונפט און במילא מיט אָן-ספקדיקער זיכערקייט, מוז, הייסט עס, דידאָזיקע ווירקלעכקייט אַ פריאָרי עקזיסטירן, דורך ריינער פאַרנונפט, און נישט אַרויספליסן פון עפעס, וואָס געפינט זיך (זאַך פאַר זיך) מחוץ דער פאַרנונפט, און דער דערקענענ-דיקער „איך" גופא מוז זיין דער פרינציפ, וואָס שאַפט די ווירק-לעכקייט. דאָט דערקענען די ווירקלעכקייט מוז צוזאַמענפאַלן מיט איר באַשאַפן ווערן. דערפון דרינגט אַרויס: אַז דאָס „איך", וואָס שאַפט די ווירקלעכקייט קען אַליין נישט זיין קיין ווירקלעכקייט, קיין עקזיסטענץ, נאָר בלויז אַ האַנדלונג, אַ טעטיקייט, נעמלעך — די טעטיקייט פון אַרויסברענגען צום לעבן די ווירקלעכקייט.
יעדער גרונד-פאַקט, פון וועלכן אויך ריינהאָלד האָט געגלויבט, אַז ער מוז אַרויספירן די ווירקלעכקייט, מוז אַזוי אַרום זיין אַ „טאַט-האַנדלונג", און דידאָזיקע לעצטע באַשטייט אין דעם, וואָס דער „איך" דענקט זיך און טאַקע דורכדעם שאַפט ער גלייכצייטיק זיך גופא: איך דענק — זיך; דאָס דענקנדיקע און דאָס „איך", וועלכן מען דענקט, פאַלן צוזאַמען אין איינס, סוביעקט און אָביעקט זענען איינס און דאָסזעלבע. דורכדעם וואָס דער „איך" דענקט זיך, קערט עס גלייכצייטיק צוריק צו זיך: דידאָזיקע „טאַט-האַנדלונג" פון זיך-אַליין-דענקען, דאָסדאָזיקע צו זיך צוריק-קערנדיקע האַנדלען איז דאָס וועזן פונם איך, און אויף אַזאַ אופן, אַלס אַ האַנדלען, וואָס גייט פאָראויס אַלע איבעריקע האַנד-לונגען פון באַוווסטזיין און מאַכט זיי מעגלעך, אָדער, ווי פיכטע דריקט עס אויס, אַלס ריינעס זעלבסטבאַוווסטזיין, איז דער „איך" דער געזוכטער פרינציפ פון דער פילאָזאָפיע.
לויט דעם איז גאָר נישטאָ קיין עקזיסטענץ, וואָס זאָל אַלס אַזעלכע נישט זיין קיין עקזיסטענץ פונם „איך", ד. ה., אַ שאַפונג פון אייגענעם ריינעם זעלבסטבאַוווסטזיין. אויך דער אַזוי-גערופענער שטאָף פון אונזער דערקענטעניש, אַלע עמפינדונגען זענען נישט קיין ווירקונג פון אַ זאַך פאַר זיך, — וואָס געפינט זיך מחוץ דעם באַוווסטזיין, — אויפן „איך", נאָר די שאַפונג פונם „איך" גופא, אַן אינהאַלט, וועלכן דער „איך" האָט אין זיך אַליין אַריינגעלייגט. מי-מון האָט רעכט, אַז דער עמפינדונגס-שטאָף איז דער רעזולטאַט פון

אַ אומבאַוווּסטזיניקער פאָרשטעלונגס-טעטיקייט, אָבער דידאָזיקע לעצטע איז נישט אומבאַוווּסטזיניק אין זינען פון אַ ביז גאָר שוואַכן גראַד פון באַוווּסטזיין, נאָר פון אַ פאָרבאַוווּסטזיניקער טעטיקייט, וועלכע מאַכט ערשט בכלל מעגלעך דעם באַוווּסטזיין. בעק איז גערעכט, אַז דער שטאָף איז דער פּראָדוקט פון אַ „אורשפּרינגלעכן פאָרשטעלן זיך", אָבער דאָסדאָזיקע פאָרשטעלן זיך איז אַזעלכעס, וואָס גייט פאָראויס יעדן באַזונדערן אָדער אינדיווידועלן באַוווּסטזיין, אַן אור-טעטיקייט פון ריינעם זעלבסט-באַוווּסטזיין, די באַטעטיקונג נישט פון אַ אינדיווידועלן „איך", ווי קאַנט האָט דאָס געמיינט, נאָר פון אַ אַ ב ס אָ ל ו ט ן „איך", וואָס שליסט איין אין זיך די גאַנצע ווירקלעכקייט.

דורך דעם אורשפּרינגלעכן פאָרשטעלן זיך, נעמט אַריין דער „איך" דעם גאַנצן אינהאַלט אין זיך אַליין, עס בילדעט זיך איין דעמדאָזיקן אינהאַלט. די אורטעטיקייט פון ריינעם אַבסאָלוטן „איך" איז אַזוי אַרום די א י י נ ב י ל ד ו נ ג ס - ק ר אַ פ ט, און דידאָזיקע איז אַן א ו מ ב אַ ו ו וּ ס ט ז י נ י ק ווירקנדיקע פ ע א י ק י י ט, וועלכע איז טעטיק אָן יעדן אויסערלעכן צוואַנג און במילא — פ ר י י. אין איר רייסט זיך דער „איך" ווייטער פון זיך גופא. עס שאַפט עפּעס אַנדערש, ווי עס איז אַליין. די פּראָדוצירנדיקע זיך-איינבילדנדיקע טעטיקייט איז אַזוי-אַרום אַ צענטער-לויפנדיקע, אַזאַ, וואָס רייסט זיך אין דער אומענדלעכקייט אַריין, אַ שטרעבן צו אַ אומענדלעכער אַנטוויקלונג פון די אידעאַלע מעגלעכ-קייטן, וואָס זענען פאַרבאָרגן אינם „איך". אָבער אויף דערדאָזיקער מדרגה איז עס אַ בלויזעס פּראָדוצירן אָן אַ פּראָדוקט, אַ ווירקן אָן אַ ווירקונג, אַ פאָרשטעלן זיך אָדער אַ באַטראַכטן, וואָס דערפירט נישט פונדעסטוועגן צו קיין שום אָנשויאונג און פאַרלירט זיך, אַזויצוזאָגן, אין דער פוסטקייט. כדי עס זאָל דערגיין צו אַ פעסטער און באַשטימטער אָנשויאונג, צו אַ ווירקונג אָדער ווירקלעכקייט, צו אַן אונטערשייד צווישן דעם „איך" און זיין געגנשטאַנד, מוז צוקומען צו דער צענטער-לויפנדיקער אויך אַ צענטער-שטרעבנדיקע טעטיקייט, צו דער עקס-פּאַנסיווער אַ קאָנטראַקטיווע, צו דער קראַפט — אַ קעגנקראַפט.

די קראַפט מוז געפינען אַ ווידערשטאַנד, די אורשפּרינגלעכע פּראָדוקטיווע טעטיקייט מוז אין זיך אומגעבויגן, אויף זיך צוריק־געוואָרפן אָדער רעפלעקטירט ווערן. דאָס איז נאָר מעגלעך דורך אַ קראַפט, וועלכע שאַפט פאַר דער ערשטער גרעניצן, וועלכע פיקסירט די איינבילדונגס־קראַפט, צווינגט זי זיך אָפּצושטעלן. די־דאָזיקע קראַפט, וואָס שטעלט אַ ווידערשטאַנד דער ערשטער, דורך וואָס די אומבאַוווּסטזיניקע טעטיקייט ווערט דערהויבן צום באַוווּסטזיין און באַקומט דורכדעם די מעגלעכקייט זיך אַליין צו דערקענען, איז דער פ אַ ר ש ט אַ נ ד. דער סוביעקטיווער טעטיקייט פון פּראָדוצירן אַנטשפּרעכט אַזוי אַרום די אָביעקטיווע אָדער גיכער אָביעקטיווירנדיקע טעטיקייט פון רעפלעקטירן, און ביידע טעטיקייטן פאַראייניקן זיך אין איין סוביעקטיוו־אָביעקטיווער טעטיקייט, וועלכע מיר באַצייכענען אַלס וויסן וועגן דער עקזיסטענץ, אַלס עקזיסטענץ אין וויסן און פאַרן וויסן, אַלס איינהייט פון וויסן און עקזיסטענץ, ד. ה. אָבער אַלס ב אַ וו ו ס ט ז י י ן.

די איינבילדונגס־קראַפט פּראָדוצירט די עקזיסטענץ אָדער די ווירקלעכקייט, אָבער זי פאַרמאָגט נאָך נישט אין זיך קיין ווירקלעכקייט. ערשט דורך דעם באַגרייפן אין פאַרשטאַנד ווערט איר פּראָדוקט — אַ ווירקלעכקייט. דער פאַרשטאַנד איז אַזוי אַרום די קראַפט פון דער ווירקלעכקייט. אין אים ווערט דאָס אידעאַלע, ווי עס ווערט פּראָדוצירט דורך דער איינבילדונגס־קראַפט, פאַרוואַנדלט אין רעאַלעס. רעאַליטעט אָדער ווירקלעכקייט איז טעטיקייט, אַנטשטאַנען פון דער געמיינזאַמער ווירקונג פון דער איינבילדונגס־קראַפט און דעם פאַרשטאַנד, און עס איז בכלל נישטאָ קיין אַנדער ווירקלעכקייט, ווי די האַנדלונג. דאָס, וואָס זעט אונז אויס צו זיין אַלס אַ פון אונז פאַרשידענע ווירקלעכקייט, אַלס ווירקונג פון זאַכן פאַר זיך, דאָס איז אינדעראמתן בלויז א ו נ ז ע ר ווירקלעכקייט, נאָר אַ פּראָדוקט פון אונזער אייגענער פאָרשטעלונגס־טעטיקייט. דאָס „נישט־איך" איז אַליין בלויז אַ פּראָדוקט פונם איך, אַ רעזולטאַט פון דער באַשרענקטער פּראָדוקטיווער טעטיקייט דורך דער רעפלעקטיווער, עס איז נאָר אַ פּועל־יוצא דערפון, וואָס דער „איך" האָט זיך אַליין באַשרענקט

ביי זיין פראָדוצירן. אויב עס קומט אונז פאָר ווי עפּעס פאַר־שידענעס פון אונז, איז דאָס נאָר דערפאַר, ווייל די טעטיקייט, דורך וועלכער עס איז צושטאַנדגעקומען, איז אַן אומבאַוווסטזיניקע. מיר זעען אין דער גאַנצער ווירקלעכקייט בלויז זיך אַליין, אונזער אייגענעם פּראָדוקט, אָבער מיר זעען עס אַלס עפּעס פרעמדס, פאַר זיך זעלבשטענדיקס, אַלס אָביעקט, ווייל מיר האָבן קיין פאָרשטעלונג נישט וועגן דער פעאיקייט און דעם פאַקט פון זיין זעלבסטפּראָדוצירונג. דער „איך" אַלס אַזעלכער איז גרעניצלאָז, אַבסאָלוט. די זעלבסטבאַשרענקונג מוז דעריבער פאָר־קומען דעם באַוווסטזיין אַלס דער קעגנטייל פונם „איך" אָדער אַלס „נישט-איך". זיך אַליין מאַכן ענדלעך און שאַפן אַ „נישט-איך", איז במילא איינס און דאָסזעלבע. דורכדעם אָבער, וואָס דער „איך" שאַפט אַ „נישט-איך", קומט עס ערשט צום באַוווסטזיין וועגן זיך גופא אַלס „איך".

„איך" און „נישט-איך", סוביעקט און אָביעקט געפינען זיך אַלזאָ תמיד אין אַ קעגנזייטיקער באַציאונג צווישן זיך.ביידע זענען נישט עפּעס זעלבשטענדיקס פאַר זיך גופא, נאָר רעזולטאַטן, פּראָדוקטן פון יענער אומבאַוווסטזיניקער פאָרשטעלונגס-טעטיקייט, פון אַבסאָלוטן איך, אין וועלכן זיי עקזיסטירן אַלס פאַרבאָרגענע מאָמענטן.

אָבער יענער „איך", וואָס געפינט זיך אין קעגנזאַץ צום „נישט איך" און שטאַמט אָפּ פון דער באַגרעניצונג פונם אור-שפּרינגלעכן פּראָדוצירן, איז אַליין נישט דאָס אַבסאָלוטע, ריינע, נאָר אַ באַשרענקט, ענדלעך, ע מ פּ י ר י ש „איך", און אין דעם, וואָס עס איז דאָס, ליגט די מעגלעכקייט אַרויסצודרינגען זיין עקזיסטענץ פון דער אור-טעטיקייט פונם אַבסאָלוטן „איך", פון דעם אַפּריאָרישן מקור פון זיין עקזיסטענץ אויף אַן אַפּריאָרישן אופן, אָן דער הילף פון דער דערפאַרונג.

אמת, נאָר די פאָרם פון דער עמפּירישער „איכהייט" אַלס אַזעלכער איז מעגלעך אַרויסצופירן אַ פּריאָרי פון קעגנזאַץ פון „איך" און „נישט-איך". דער שטאָף אָבער, אויף וועלכן עס באַזירט די עמפּירישע אייגנשאַפט פון „איך" אין קעגנזאַץ צום

דיינעם „איך", די באַזונדערקייט פון דער עמפּינדונג, איר ספּעציפישע קוואַליטעט, אַ דאַנק וועלכער דאָס עמפּירישע איז דאָסדאָזיקע איינצלנע, באַשטימטע, לאָזט זיך טעאָרעטיש פון גאָר-נישט נישט אַרויספירן. זי איז נישט קיין פּראָדוקט פונם עמפּירישן באַוווסטזיין, ווייל דערדאָזיקער קומט דאָך צושטאַנד ערשט דורך דער פאַרמיטלונג פון דער עמפּינדונג. זי איז אויך נישט קיין ווירקונג פון אַ טראַנסצענדענטער זאַך פאַר זיך, וואָס געפינט זיך מחוץ פון „איך", ווייל אַלץ עקזיסטירט דאָך נאָר דורך דעם „איך" און פאַר דעם „איך", און מחוץ דעם „איך" איז גאָרנישט נישטאָ. זי פליסט אויך נישט אַרויס, ווי יעדער אַנדער באַוווסטזיינס-אינהאַלט, פון דער רעפלעקסיע אויף אַ פריערדיקער טעטיקייט פונם „איך". די אָנשויאונג אַנטשטייט דורך דער רעפלעקסיע אויף דער עמפּינדונג, וואָס ווערט דורכדעם אַנטקעגנגעשטעלט דעם באַוווסטזיין ווי עפּעס פרעמדס, אויסערלעכס. די איינבילדונגס-קראַפט באַטעטיקט זיך ביים באַאַרבעטן די עמפּינדונגסאַרטיק באַשטימטע אָשויאונגען דורך די קאַטעגאָריען; דורכדעם ווערט די אָנשויאונג דערהויבן צו אַ בילד, אַ געגנשטאַנד פון באַ-שטימטער פאָרם און אייגנשאַפט. און פונקט אַזוי באַשטייט די אַרבעט פונם פאַרשטאַנד אין דעם, אַנטקעגנצושטעלן דעם געגנ-שטאַנד — אַלס אַ ווירקלעכן און ווירקנדיקן — דעם „איך" און אויפ-צופאַסן אים ווי די סיבה פון דער עמפּינדונגס-טעטיקייט, בעת מיטן נאָמען אורטיילס-קראַפט באַצייכענען מיר יענע פעאיקייט, וואָס גיט זיך פריי אָפּ מיטן געגנשטאַנד אין זיין אַבסטראַקטער אייגנשאַפט, און דידאָזיקע אַלע פאַרשידענע נשמה-כוחות פליסן אַרויס פון דער אור-טעטיקייט פון אַבסאָלוטן „איך", פון זיין דראַנג אַריבערצושפּרייזן זיינע אייגענע גרעניצן, צו פאַנאַנדערוויקלען זיין אינהאַלט, אים צו פיקסירן און אים אויפצונעמען אין זיך אין אַ באַשטימטער פאָרם, וואָס פיכטע באַצייכנט אַלס פאַרשטאַנד. בלויז דער שטאָף, דער אינהאַלט, די עמפּינדונגס-מעסיקע אייגנ-שאַפט פון באַוווסטזיין אַנטשטייט נישט אויף אַזאַ אופן.

און דאָך איז די עמפּינדונג דער אור-עלעמענט פון יעדער פאַרשטאַנדיקער טעטיקייט, סיבה און גלייכצייטיק דער סטימול

פאַר דער שעפערישער טעטיקייט פונם „איך". דורך דער עמפינדונג ווערט זי ערשט אַ מעגלעכקייט. אָן דער עמפינדונג וואָלט נישט געווען נישט קיין פאַרשטאַנד און נישט קיין אַנטוויקלונג פונם „איך" אין דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון זיינע שטופן און געשטאַלטן, אויב מען קען זי נישט באַגרינדן דורכן פאַרשטאַנד, אויב זי ליגט מחוץ פון יעדער פאַרשטאַנד, בלייבט נאָר איבער זי צו באַטראַכטן אַלס אַ רעזולטאַט פון אַ ס י ב ה ל אָ ז פ ר ײ ע טעטיקייט, פאַר אַן אַבסאָלוטע קאַטעגאָריע פונם איבעראינדיווידועלן „איך", וועלכע בילדעט אַן אומבאַזיגבאַרע שטערונג פאַר דעם טעאָרעטישן פאַרשטאַנד, פאַר דער דערקענטעניש, און דורך וועלכער אויך דאָס אַבסאָלוטע „איך", דער ריינער פאַרשטאַנד האָט זיך אַליין באַשרענקט אין זיין טעטיקייט.

יעדע פאַרשיידנאַרטיקייט פון דער דערשיינונגסוועלט, יעדער אינהאַלט פון באַוווסטזיין קומט צושטאַנד דורכדעם, וואָס דער „איך" באַשרענקט זיך זעלבסט, אָבער נאָר כדי צו מאַכן דידאָזיקע באַשרענקונגען פאַר אַ געגנשטאַנד פון זיין רעפלעקסיע, פאַר אַן אָביעקט פון זיין באַוווסטזיין, און דורכדעם איז ער גובר דידאָזיקע באַשרענקונגען, ער שפרייזט איבער זיי אַריבער. די עמפינדונג איז די אורשפרינגלעכסטע באַשרענקונג, וואָס דער „איך" שטעלט פאַר זיך, זי איז דער סטימול פאַר דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פון איך בכלל, די טרייבראַד, וואָס האַלט אין באַוועגונג די טעטיקייט פונם „איך", דער ווידערשטאַנד, וואָס אין שאַפן אים און אין שטענדיקן גובר זיין אים באַשטייט טאַקע דידאָזיקע טעטיקייט גופא. אויב זי קען אַלס אַזעלכע נישט באַגריפן ווערן טעאָרעטיש, אויב מען קען זי נישט דערקלערן פון ריינעם פאַרשטאַנד, האָט זי דערפאַר איר אורשפרונג אין דער ריינער טעטיטייט אַלס אַזעלכער, אמת, נישט אין דעם טעאָרעטישן, אָבער דערפאַר אין דעם פ ר אַ ק ט י ש ן פ אַ ר ש ט אַ נ ד. ד ע ר „א י ך" א י ז ל ו י ט ז ײ ן וו ע ז ן, ל ו י ט ז ײ ן א י נ ע ר ל ע כ ס ט ע ר נ אַ ט ו ר פ ר אַ ק ט י ש: ע ר א י ז ט ע אָ ר ע ט י ש נ אָ ר ד ע ר פ אַ ר, כ ד י צ ו ז ײ ן פ ר אַ ק ט י ש, ד. ה. די סיבה פון דער עקזיסטענץ ליגט אין איר צ וו ע ק. פונקט ווי די פאָרמען און דער צוזאַ-

מעטהאַנג פון די נשמה-טעטיקייטן זענען באַגרינדעט אינם פאַרשטאַנד, אַזוי איז דער גאַנצער אינהאַלט פון דער עקזיסטענץ, צוזאַמען מיטן פאַרשטאַנד, באַגרינדעט אינם צוועק. דער פאַרשטאַנד איז דאָס נאָר אַלס צוועק-טעטיקייט, אַלס פעאיקייט, וואָס לעבט זיך אויס צוועקפול. באַגרייפן די עקזיסטענץ פון שטאַנדפונקט פון ריינעם פאַרשטאַנד, הייסט דעריבער נישט עפּעס אַנדערש, ווי באַגרייפן זי אַלס סיסטעם פון צוועקן, וואָס פליסט אַרויס מיט נויטווענדיקייט פון העכסטן צוועק פון פאַרשטאַנד, נעמלעך, פון דער טעטיקייט גופא. —

דאָס וועזן פונם „איך” ליגט אין דער טעטיקייט, און די סיבה פון דער טעטיקייט, וואָס איז צוגלייך דער סטימול פאַר די עקזיסטענץ פון אַ ווירקלעכקייט, ליגט טאַקע אין דער פּראַקטישקייט פונם „איך”. ווי באַקאַנט, איז נישטאָ קיין זיכערערע עדות פאַר דער עקזיסטענץ פון די געגנשטאַנדן, ווי דער ווידערשטאַנד, וועלכן מיר טרעפן אָן ביים ווירקן אויף זיי. געגנשטאַנדן עקזיסטירן נישט פאַר זיך גופא, נאָר בלויז פאַר אונז, און טאַקע נאָר, ווי דאָס ווייזט זיך איצט אַרויס, כדי דער „איך” זאָל קענען עקזיסטירן און ווירקן, כדי מיר זאָלן ביי זיי אויסאיבן אונזער טעטיקייט, זיי אומצואַנדערשן אין גייסט פון אונזער „איך”, ווייל יעדע טעטיקייט פונם „איך” באַשטייט טאַקע נאָר אין דעם, צו מאַכן פון אַ פאַראַנענעם מאַטעריאַל אַן אָביעקט פון באַוווסטזיין, באַווירקן עס דורך זיינע פאָרמען און דורכדעם עס ענלעך מאַכן צו זיך אַליין. אויף דעם באַזירט די זיטלעכקייט. זי איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי דאָס שטרעבן נאָך טעטיקייט, נאָך דער זעלבסטבאַטעטיקונג פונם „איך”, ד. ה., פרייע, אויטאָנאָמע טעטיקייט, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך נאָר פאַר זיך אַליין. זי באַשטייט אין האַנדלען צוליבן האַנדלען גופא, געווענדט אויף דעם „נישט-איך”, ווייל און אויף וויוויט עס איז נישט „איך” און בילדעט פאַר אים אַ באַשרענקונג. זי איז אַ תמידער גובר זיין דידאָזיקע באַשרענקונג דורך אונטערוואַרפן זי די צוועקן פונם „איך”, כדי דורכדעם אַריינצוציען דעם „נישט-איך” אין דעם „איך” און מאַכן אים צום „איך”.

אַזוי אַרום פֿאַלט צונויף דער „נישט־איך" מיט דאָסיעניקע, וואָס ווערט באַצייכנט מיטן נאָמען נאַטור, און עס שטעלט זיך אַרויס, אַז אַ נאַטור, אַלס זעלבשטענדיקע ווירקלעכקייט פֿאַר זיך גופֿא, עקזיסטירט גאָרנישט. די נאַטור ווערט בלויז אַוועקגעשטעלט דורך דעם „איך" אַלס דער „פֿאַרזינלעכטער מאַטעריאַל פֿון אונזער פֿליכט". די גאַנצע ווירקלעכקייט פֿון דער נאַטור באַשטייט נאָר אין דעם, צו באַגרינדן אַ פֿליכט־מעסיקן, ד. ה. מאָראַלישן האַנדלען. מעגלעך צו מאַכן דאָס זיטלעכע געזעץ, איז דער איינציקער און אמתער צוועק פֿון דער נאַטור. ווען מען טיילט זי אָפּ פֿון דאָס זיטלעכע, ווען מען באַטראַכט זי פֿאַר זיך גופֿא, האָט די נאַטור קיין שום צוועק נישט, און פֿיכטע טרעט דעריבער אַרויס אַנטשידן קעגן באַטראַכטן די נאַטור בלויז אַלס אַזעלכע פֿון טעאָלאָגישן שטאַנדפּונקט אוןריידן וועגן אַ אימאַנענטער צוועקמעסיקייט פֿון דער נאַטור. די נאַטור איז דאָס אומפֿאַרשטאַנדיקע, אַלאָגישע סתם. זי איז נישט פֿאַרשטאַנדיק, נאָר זי ווערט עס ערשט אַ דאַנק דער טעטיקייט פֿונם „איך", און נעמלעך דורכדעם, וואָס דער „איך" באַשטימט זיך אַליין און דריקט אַזוי אַרום אויף אויך אויף דער נאַטור דעם שטעמפּל פֿון זיין אייגענעם וועזן.

דעריבער מוז באַטראַכט ווערן אַלס עיקר־שלעכטס פֿון דער מענטשלעכער נאַטור — די פֿוילקייט, דער צושטאַנד, ווען דער מענטש איז צוליב זיין נאַטירלעכער אייגנשאַפֿט בכלל נישט טעטיק. אָבער אויך דער זינלעכער דראַנג ווערט אַלס אַזעלכער באַשטימט דורך דער נאַטור; זיין ציל איז באַקוועמלעכקייט און גענוס אָנשטאָט טעטיקייט בכלל, און ער איז דעריבער נישט־זיטלעך. זיטלעך איז בלויז דער דראַנג צו אַרבעט, צו טעטיקייט צוליב דער טעטיקייט גופֿא, ווען יעדער דערגרייכטער צוועק גופֿא ווערט בלויז ווידער אַ סטימול צו אַ נייער העכערער טעטיקייט. היות אָבער דערדאָזיקער סטימול איז נאָר מעגלעך ביי דער הנחה, אַז די טעטיקייט טרעפֿט אָן אויף אַ ווידערשטאַנד און במילא אויף אַ געגנשטאַנד, וואָס ווערט באַווירקט, דעריבער מוזן עקזיסטירן נישט נאָר אַ נאַטור, אַ קערפּער און אַלץ, וואָס הענגט

דערמיט צוזאַמען, נאָר אויך אַנדערע „איכן", עס מוז עקזיסטירן אַ פילקייט פון „איכן". עמפּירישע פּערזענלעכקייטן, וועלכע טרייבן זיך קעגנזייטיק צו טעטיקייט און וועלכע דערפילן דעם העכסטן צוועק, די פאַרווירקלעכונג פון אַבסאָלוטן „איך" אין זייער צוזאַמען- און דורכאַנאַנדערווירקן. דער וועלט-צוועק צעפאַלט זיך אַזוי אַרום אין אַ פילקייט פון איינצל-צוועקן. די וועלט איז אין איר טעלעאָלאָגישער אייגנשאַפט אַ ס י ס ט ע ם פ ו ן צ ו ו ע ק ן. יעדער איינצלנער אינדיווידואום איז אַ נויטווענדיקער און געוואָלטער גליד פון דער אַלגעמיינער זיטלעכער וועלט-אָרדנונג. דערקענען דעם זין פון דערדאָזיקער וועלט-אָרדנונג און לויט איר צו ריכטן די איי- גענע האַנדלונגען, אָט אין דעם באַשטייט דאָס וועזן פון דער זיטלעכקייט. דעריבער באַשטייט פאַר פיכטען דער קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו אין פאָלגנדן: האַנדל תּמיד לויט דיין באַשטימונג. אָבער היות ווי דידאָזיקע באַשטימונג שטייגט אַריבער די גרעניץ פונם איינצלנעם „איך" און בכלל איז זי פון איבער-אינדיווידועלער נאַטור, דעריבער באַשטייט דאָס זיטלעכע לעבן אין אָפּגעבן זיך דעם גאַנצן, אין אונטערוואַרפן אַלע נאַטור-אינסטינקטן דעם זיט- לעכן געזעץ, און זיך אַליין מיט דער אייגענער גאַנצער זיט- לעכקייט אונטערוואַרפן דעם צוועק פון כּלל און איינפלעכטן זיך אין אים.

אויף אַזאַ אופן איז די פיכטישע פילאָזאָפיע אַן א י ד ע אַ- ל י ס ט י ש ע, אויף וויפל זי פירט דורך אַ גלייכונגס-צייכן צווישן דער עקזיסטענץ און דעם דענקען אָדער דער פאָרשטעלונג, און זי איז אַן ע ט י ש ע ר אידעאַליזם, אויף וויפל זי זעט די סיבה און דעם צוועק פון דער עקזיסטענץ אין דער פּראַקטישער אָדער עטישער נאַטור פון דער פאָרשטעלונג.

אויך די מ ל ו כ ה דערפילט ערשט אונטערן עטישן קוק- ווינקל איר העכסטע אויפגאַבע. אין זיינע „יסודות פון נאַטור- רעכט" (1796) האָט פיכטע אויפגעפאַסט די מלוכה, — אין גייסט פון דער אויפקלערונגס-צייט, — אַלס אַ ריינע פּאָליציי-מלוכה, אַלס אַן אויסערלעכע איינריכטונג, כּדי צו זיכערן די אינדיווידועןן ביי דער קעגנזייטיקער באַשרענקונג פון איינעם דורכן צווייטן

זייער רעלאַטיווע פרייהייט און זייערע רעכט. אַנטשטאַנען דורך קעגנזייטיקן אומצוטרוי, אַ בלויזע זיכערקייטס-און וווילשטאַנד-אינסטיטוציע, באַזירט דאָ די מלוכה אויף אַן אָפּמאַך-באַציאונג אין רוסאָס זינען, און פיכטע האָט איר נישט צוגעשריבן קיין שום העכערע אינטערעסן, — נאָר בלויז מאַטעריעלע. אין זיין „געשלאָסענער האַנדלס-מלוכה" (1800) האָט ער איר שפּעטער צוגעשריבן די אויפגאַבע מעגלעך צו מאַכן יעדן איינעם דורך אָרגאַניזירן די אַרבעט אַ פּאַסיקע באַשעפטיקונג, און אין דעם זינען האָט פיכטע אָנגעוואָרפן אַ מלוכה-אידעאַל פון בעיקר אַ סאָציאַליסטישער נאַטור. אָבער נאָך שפּעטער, אונטערן דרוק פון די פּאָליטישע באַדינגונגען, איז אים אויפגעקומען דער געדאַנק פון דער עטישער באַדייטונג פון דער מלוכה. די מלוכה איז פאַר זיך אַליין אַ גליד אין דער אַלגעמיינער קולטור-אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט אויף צו פאַרווירקלעכן די פרייהייט. פּונקט ווי דער איינצלנער פירט אויס זיין אינדיווידועלע טעטיקייט לטובת דאָס אַלגעמיינע גאַנצע און אין דעם דערגרייכט ער זיין פרייהייט, אַזוי איז אויך מיט די פאַרשידענע נאַציעס. אויך זיי פאַרנעמען יעדע זייער באַרעכטיקטן באַזונדערן אָרט אין סיסטעם פון דעם גאַנצן און זיי האָבן דעריבער אויך די זיטלעכע פּליכט צו פאַרטיידיקן זייער נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט און פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט מיט אַלע מיטלען. דעריבער באַשטייט די וויכטיקסטע אויפגאַבע פון דער מלוכה אין אויפוועקן און אָפּהיטן דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין אין שייכות מיט דעם זיטלעכן. אין זיינע „רעדעס צו דער דייטשישער נאַציע" פאָדערט פיכטע פון דער מלוכה, אַז אין אינטערעס פון דער פרייהייט און דער זעלבשטענדיקייט פון דאָס גאַנצע זאָל די מלוכה פאַרפעסטיקן יעדן איינצלנעם אין זיין זיטלעכער איבערצייגונג און דערציען אים צום באַוווסטזיין פון פּליכט צום אומבאַדינגטן מקריב זיין זיך פאַרן אייגענעם פאָטערלאַנד. דאָס געשעט קודם-כל דורך שאַפן אַ געמיינזאַמע בילדונג. זי איז די פאָר-הנחה פון אַ טעטיקן נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין. די דערציאונג קען דעריבער נישט ליגן אין קיין שום אַנדערע הענט ווי אין די הענט פון

דער מלוכה. איר ציל באַשטייט אין דעם, אַז די מענטשן זאָלן
אַ דאַנק איר דערציאונג טאָן מיטן פולן באַוווסטזיין דאָס, וואָס
זיי האָבן ביז איצט געטאָן בלויז פון גלויבן אין דער אויטאָ-
ריטעט, און דער עיקר דאַרף זי זיי מאַכן גרייט און פעאיק פאַר
די גרויסע אויפגאַבעס פון דעם כּלל. דורכדעם ווערט די מלוכה
פאַרוואַנדלט פון — אַ בלויז עמפּירישע אין אַ פאַרשטאַנד-מלוכה.
די אויפגאַבע פון דער פילאָזאָפיע באַשטייט דערביי אין דעם,
צו רייניקן די מענטשן דורך דער זעלבסטבאַגרייפונג פון זייער
אמתן וועזן פון די פאַרטריבונגען פון זייער עמפּירישער „איכקייט“,
און צו פאַרטיפן און גובר זיין דעם עגאָאיסטישן איינצל-באַ-
וווסטזיין פון די אינדיווידוען דורכן באַוווסטזיין פון דעם מין-
פאַרשטאַנד און זיינע איבער-אינדיווידועלע צילן.

אין ענגסטן צוזאַמענהאַנג מיט פיכטעס עטישער און מעטאַ-
פיזישער גרונד-אויפפאַסונג געפינען זיך זיינע רעליגיאָנס-
פילאָזאָפישע אָנשויאונגען. אויב די עקזיסטענץ איז אַ רעזולטאַט
פון אַבסאָלוטן „איך“ און פון „איכס“ ריינער טעטיקייט, דאַן פאַלט
צונויף דער אַבסאָלוטער „איך“ מיט דעמיעניקן, וואָס דער רע-
ליגיעזער מענטש באַצייכנט אַלס גאָט. גאָט איז אַזוי אַרום נישט
די אַבסאָלוטע עקזיסטענץ, ווי ביי שפּינאָזאַן, נאָר די אַבסאָלוטע
טעטיקייט, די טעטיקייט פון שאַפן די עקזיסטענץ און ברענגען
זי צום באַוווסטזיין. גאָט שרומפּט זיך תּמיד אַליין איין צו
ענדלעכע „איכן“, און דידאָזיקע זענען לויט זייער וועזן דער
אַבסאָלוטער „איך“, זיי האָבן דעריבער נישט קיין העכערע אויפ-
גאַבע, ווי גובר צו זיין די שראַנקען פון זייער ענדלעכקייט און
זיך אַליין דערהויבן צום אַבסאָלוטן. גאָט אַלס אַזעלכער איז
דעריבער אויך נישט באַוווסטזיניק. ער איז נישט קיין פּערזענ-
לעכקייט, נאָר ער ווערט אַ פּערזענלעכקייט און ער קומט צום
אייגענעם באַוווסטזיין אין די ענדלעכע פּערזענלעכקייטן. גאָט
גופא דאַקעגן איז די זיטלעכע וועלט-אָרדנונג, וואָס
איז לעבעדיק אין יעדן פון אונז, און וועלכע צווינגט אונז אויס-
צוגלייכן זיך מיט אונזער אמתן אַבסאָלוטן וועזן דורך גובר זיין
די נאַטור-באַשרענקונגען. דער עיקר וועזן פון דער רעליגיע איז

דער גלויבן אין דער מאָראַלישער וועלט-אָרדנונג. זי, דידאַקטיש מאָראַלישע וועלט-אָרדנונג, איז דאָס איינציקע איבערזינלעכע, וואָס ס'איז דאָ אויף דער וועלט, און וועלכעס מיר נעמען אויף אומ-מיטלבאַר אין אייגענעם איך-באַוווסטזיין. „דאָס איבערזינלעכע איז גאַנץ ווייט פון צו זיין אומגעוויס. ס'איז דעריבער דאָס איינציק געוויסע, און אַלדאָס אַנדערע איז נאָר געוויס אַ דאַנק אים; די געוויסהייט פונם איבערזינלעכן פליסט נישט אַרויס פון דער גע-וויסהייט פון דאָס זינלעכע, פאַרקערט, פון דער געוויסהייט פונם איבערזינלעכן פליסט אַרויס די טעאָרעטישע נויטווענדיקייט צו אָנערקענען די עקזיסטענץ פון דאָס זינלעכע, און די מאָראַלישע פליכט צו באַציען זיך צום זינלעכן מיט ערע אַלס צו אַ מיטל. די איבערזינלעכע וועלט איז אונזער געבורטס-אָרט און אונזער איינציקער פעסטער שטאַנדפּונקט; די זינלעכע וועלט איז בלויז דער אָפּשיין פון דער ערשטער". דעריבער טאַקע איז דער ציל פונם גלויבן נישט דאָס גליקלעך זיין, נאָר די זיטלעכקייט, דאָס האַנדלען בלויז אום גאָטס ווילן, נאָכמער, פּיכטע באַצייכנט אַלס אַטעאיזם דעם גלויבן אין אַ אַנדער גאָט און אין אַ אַנדערע באַלוינונג פאַר דער אייגענער אויפפירונג, ווי די פרייהייט, ווי זי ווערט אונז געזיכערט דורך אונזער טעטיקייט.

לויט דער אויפפאַסונג פון דער „וויסנשאַפט-לערע" איז דאָס זיין בלויז אַ באַוווסטזיין. די חושים-וועלט אַנטשטייט נאָר דורכן פאָרשטעלן זיך, זי איז נאָר אונזער פאָרשטעלונג. די ווירקלעכקייט, וואָס ווערט אַרויסגעפירט פון ריינעם פאַרשטאַנד, איז בכלל נישט קיין ווירקלעכקייט אין געוויינלעכן זינען פון דאַזיקן וואָרט, ווייל זי ווערט דורכדעם דעגראַדירט צו אַ בלויזער אילוזיע-וועלט. בלויז אַ דאַנק דעם זיטלעכן ווילן, דעם געזעץ פון דער איבער-זינלעכער וועלט, ווערט די וועלט ווירקלעכקייט און איך ווער געצוווּנגען, נישט געקוקט אויף איר פאָרשטעלונגס-נאַטור, אויפ-צופאַסן זי אַלס זעלבשטענדיקע, פון מיין אייגענעם באַוווסטזיין אומאָפּהענגיקע עקזיסטענץ. דער מענטש איז אַ דערשיינונג פון דער זיטלעכער וועלט-אָרדנונג. בלויז זיין זיטלעכער באַוווסטזיין איז אין אים רעאַל. דאָס איז דער וואָרצל פון אַלע אינדיווידועןן.

פון אים זויגן זיי זייער עקזיסטענץ. דער פאַרשטאַנדיקער אינהאַלט פון זיטלעכן ווילן, וואָס איז אידענטיש אין אַלעמען, איז די סיבה, פאַרוואָס אַלע אינדיווידועןזעען נישט נאָר דיזעלבע חושים־וועלט, הגם יעדער פון זיי האָט דאָך נאָר צו טאָן מיט זיין איי־גענער באַוווסטזיין־וועלט, נאָר אויך פון דעם, וואָס אַלע ווילן זיי דאָסזעלבע, נעמלעך: די פאַרווירקלעכונג פון דעם פאַרשטאַנד דורך דעם פראָגרעסירנדיקן גובר זיין פון נאַטור־גרעניצן. וואָרום וואָס וואָלט געקענט באַשרענקען דעם פאַרשטאַנד, סיידן דאָס, וואָס איז אַליין פאַרשטאַנד, און וואָס וואָלט געקענט באַשרענקען דעם ענדלעכן פאַרשטאַנד, סיידן דער אומענדלעכער? נאָר דער פאַרשטאַנד איז דער אומענדלעכער אין זיך, דער ענדלעכער אין אים און דורך אים. אונזער גלויבן אין אים איז דערזעלבער, ווי דער גלויבן אין אונזער פליכט, און דערדאָזיקער איז אונזער גאָט־גלויבן. „דאָס איז זיין ליכט, אין וועלכן מיר דערזעען דאָס ליכט און אַלץ, וואָס עס דערשיינט אונז אין דאָזיקן ליכט. אונ־זער גאַנץ לעבן איז גאָטס לעבן, און מיר זענען אייביק, ווייל ער איז דאָס. מיר ווייסן, אַז גאָט לעבט, אַז ער דערקענט, וויל און ווירקט, ווייל אונזער לעבן, אונזער זיטלעכעס באַוווסטזיין, אונ־זער זיטלעכע קראַפט איז אַלץ זיין ווירקונג, זיין עקזיסטענץ, איז די דערשיינונג פון אומענדלעכן פאַרשטאַנד: אין זיין ליכט פאַר־שווינדט די נאַטור, דער גורל, די אַזויגערופענע טויטע מאַסע. מיר זעען, ווי אַלץ ברויזט פון ליכט און קראַפט, און דאָסדאָזיקע גאַנצע ברויזנדיקע לעבן איז גאָטס לעבן”. אַזוי אַרום איז די רעליגיע איינס מיט דער זיטלעכקייט און פאַרט מער ווי זי, ווייל ערשט זי מאַכט דעם מענטשן אינערלעך שלימותדיק, מאַכט אים אייניק מיט זיך גופא, דערהויבט אים צו פרייהייט, קלאָר־קייט און גליקלעכקייט און גיט אים זיין העכסטע חשיבות, געבנ־דיק אים די מעגלעכקייט צו דערבליקן, אַז דער זיטלעכער גע־זעץ איז דער לעבעדיקער אַנטוויקלונגס־געזעץ פון איינהייטלעכן אומענדלעכן לעבן.

די פאָזיטיווע רעליגיעס זענען, לויט פיכטען, געשאַפן געוואָרן דורך זיטלעכע העלדן, כדי צו אַנטוויקלען דעם מאָראַ־

לישן חוש אין דער מענטשהייט. דאָס קריסטנטום אָבער איז דאָס עוואַנגעליום פון פרייהייט און גלייכהייט, נישט נאָר אין מעטאַפיזישן, נאָר אויך אין בירגערלעכן זינען. זיין וועזן און זיין אַבסאָלוטער צוועק איז די אַליינהערשאַפט פון קלאָר-דערקענטן און פריי פון אַלע אידייען געוואָלטן געטלעכן ווילן אין דער מענטשהייט, דאָס אייביקע לעבן אין דער צייט. דאַקעגן איז רעלאַטיוו ווערטלאָז זיין היסטאָרישע פאָרם, ווי זי איז אויסגעפורימט געוואָרן דורכן קעגנזאַץ פון די צייט-מיינונגען און פון די צופעליקע אומשטענדן. ווייל נאָר דאָס מעטאַפיזישע, אָבער נישט דאָס היסטאָרישע דערלייזט; דאָס לעצטע מאַכט נאָר פאַרשטאַנדיק. פאַר דעם, וואָס איז באמת פאַראייניקט מיט גאָט, איז גלייכגילטיק, אויף וואָסער וועג ער איז דערצו געקומען; ס'וואָלט געווען אַן אומנוציקע און פאַלשע באַשעפטיקונג, ווען מען זאָל אָנשטאָט צו לעבן מיט דער זאַך, תּמיד האַלטן אין זכרון דעם וועג, וועלכן מען האָט דורכגעמאַכט. יעזוס איז דער אָנזאָגער און ערשטער בירגער פון „מלכות שדי”, ד. ה., פון דער מהותדיקער איינהייט פון מענטש און גאָט. זיין וועג איז געוואָרן דער מיטל פאַר די איבעריקע אים נאָכצופאָלגן, ווייל די אידייע פון מלכות שדי שטעלט זיך זיי פאָר אַלס אידעאַל אין זיין פערזענלעכן ביישפיל. ער איז אַ מענטש, וואָס מען מוז אים באַוווּנדערן, אָבער קיין וווּנדער אין פשוטן זין פון דאָזיקן וואָרט האָט ער נישט געמאַכט, ווייל דידאָזיקע זענען בלויז „כשוף-מיטלען, וואָס זעצן פאָראויס אַ ווילקירלעכן גאָט”. אויב די פאַרקריסטלעכטע מענטשהייט האָט געגלויבט, אַז זי איז פאַרלאָזן פון גאָט און אויסגעשלאָסן פון זיין געמיינשאַפט, איז דורך יעזוסעס פרעדיק וועגן מלכות שדי איינמאָל פאַר אַלעמאָל באַזייטיקט געוואָרן דערדאָזיקער נידערשלאָגנדיקער באַוווּסטזיין. אָבער דערלייזן זיך פון דער זינד און הייליקן זיך מוז זיך יעדער מענטש אַליין. דאָס קען קיינער פאַר אונז נישט טאָן, דאָס מוז פאָרקומען אין יעדן פון אונז גופא, און נעמלעך: דורך זעלבסטפאַרלייקענונג, וואָס די הייליקע שריפט רופט אָן: שטאַרבן מיט קריסטוסן. די אויפגאַבע פון דער געשיכטע באַשטייט אין דעם, אַלץ מער און מער אָפּצושאַפן

די פאָרם פון דעם אויטאָריטעטס-גלויבן, אָבער גלייכצייטיק צו פאַרווירקלעכן זיין אינהאַלט, די הערשאַפט פון פאַרשטאַנד און פרייהייט, אין וועלכער גאָט איז דער אַליינהערשנדיקער פּרינציפּ פון דעם אַלץ. —

צום נאָר-וואָס סקיצירטן שטאַנדפּונקט פון זיין רעליגיאָנס-פילאָזאָפיע, ווי פיכטע האָט אים אַנטוויקלט דער עיקר אין זיין שריפט „וועגן דער באַשטימונג פון מענטשן" (1800) און אין די „גרונד-שטריכן פון דער איצטיקער תקופה" (1804), שטייען, ווי ס'שיינט, אין אַ סתירה די אויספירן פון זיין „אָנווייזונג צום אויסגעלייזטן לעבן" (1806), און צו זיינע שפּעטערע שריפטן. פריער האָט פיכטע פאַרשטאַנען אונטער דעם אויסדרוק „זיין" נאָר דעם פּראָדוקט פון דער פאָרשטעלונגס-טעטיקייט, די אין וויסן פיקסירטע טעטיקייט, דעם באַוווּסטזיין. איצט באַנוצט ער דעם אויסדרוק חוצדעם אויך פאַר דער אור-טעטיקייט גופא, נאָכמער, ער נעמט ווי ס'שיינט, אָן דעם אַבסאָלוטן זיין פון דער אור-טעטיקייט און דערמיט פאַלט ער צוריק אַריין אין שפּינאָזאַס שטאַנדפּונקט, פון וועלכן ער אונטערשיידט זיך גראָד דורכדעם, וואָס ער נעמט אָן אַלס די אור-סיבה פון דער ווירקלעכקייט נישט אַ פאַרגליווערטע סובסטאַנץ, נאָר גיכער די טעטיקייט און במילא פּאַסט ער אויף דאָס אַבסאָלוטע נישט אַלס עקזיסטענץ, נאָר אַלס לעבן. עס איז זיכער, אַז פיכטע איז געקומען צום דאָזיקן אויסדרוק-אופן אַ דאַנק שעלינגן און זיין אידענטיטעטס-פילאָזאָפיע. פונדעסטוועגן האַנדלט זיך דאָ נישט, ווי דאָס ווערט געוויינלעך אָנגענומען, וועגן אַ פאַרענדערונג אין זיין וועלט-אָנשויאונג גופא, נאָר וועגן אַ פאַרענדערונג אין אויסדרוק-אופן. באַטאָנט דאָך פיכטע נאָך אויך איצט דעם אַקטועלן כאַראַקטער פון אור-פּרינציפּ אין קעגנזאַץ צו שפּינאָזאַן, און סובסטאַנץ און טאַט פאַלן נאָך ביי אים ווי פריער אוממיטלבאַר צונויף אין איינס.

אַן אמתע פאַרענדערונג אָדער גיכער פאַרטיפונג פון זיינע פריערע אָנשויאונגען ליגט אין דעם, וואָס אין זיין שפּעטערער צייט לאָזט ער די טעטיקייט באַזירן אויף אַ פעאיקייט צו טעטיקייט און דאָס אַבסאָלוטע פּאַסט ער אויף אַלס די „פאָרמעלע פרייהייט

צו זיין טעטיק אָדער נישט. היות לויט דעם קומט אויס, אַז די עקזיסטענץ פון דער וועלט איז אייגנטלעך „צופעליק" און במילא נישטיק, קומט פיכטע אויפן סמך פון דעמדאָזיקן אויפפאַסונגס-אופן צו אַ פעסימיסטישער באַטראַכטונג פון דער וועלט: „אויב מען רעדט וועגן אַ בעסטער וועלט און וועגן די שפורן פון גאָטס גוטסקייט אין דערדאָזיקער וועלט, איז דער ענטפער אויף דעם: דידאָזיקע וועלט איז די ערגסטע פון אַלע, וואָס קענען נאָר געבן, אויף וויפל זי איז פאַר זיך גופא פולקאָם נישטיק. פונדעסטוועגן איז אין איר דווקא דערפאַר פאַרשפרייט די איינציק-מעגלעכע גוטסקייט פון גאָט, נעמלעך: וואָס פון איר און פון אירע באַדינגונגען קען זיך די אינטעליגענץ דערהויבן צום באַשלוס זי צו פאַרבעסערן". די פאַנטעאיסטישע אָדער מאָניסטישע גרונד-אויפפאַסונג בלייבט אַזוי אַרום ביי פיכטען אומגערירט. עס איז דעריבער די גרעסטע מיספאַרשטענדעניש צו מאַכן דעם פילאָזאָף צוליב זיין קריסטלעך-געפאַרבטן רעליגיעזן אויסדרוק-אופן אין זיין שפעטערן פעריאָד פאַר אַ טעאיסט 1).

נאָוואַליס און פר. שלעגעל.

דער גרונט געדאַנק פון דער פיכטעשער פילאָזאָפיע באַשטייט אין דורכפירן אַ גלייכונגס-צייכן צווישן דעם „זיין" און דעם באַוווסטזיין, אין דער הנחה, אַז די וועלט עקזיסטירט אינם „איך" און זי איז אָפהענגיק פונם „איך". ס'איז קלאָר, אַז דידאָזיקע אויפפאַסונג דריקט אַראָפּ די וועלט צו אַ נישט-ווירקלעכער פאָרשטעלונג, צו אַ בלויזער אילוזיע. פיכטע אַליין האָט זיך ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן אַרויסגעזאָגט אין דאָזיקן זינען, צום ביישפיל, ווען ער באַמערקט אין דער „באַשטימונג פונם מענטשן" וועגן זיין אָנשויאונג, אַז לויט איר איז נישטאָ קיין שום

1) פאַרגל. דערצו מיין ווערק: די דייטשישע ספעקולאַציע זייט קאַנט מיט באַזונדערער ריקזיכט אויף דעם וועזן פון דאָס אַבסאָלוטע און פון גאָטס פערזענלעכקייט, 1893, I, ז. 158 — 173.

דויערנדיקס, נישט אויסער מיר און נישט אין מיר, נאָר בלויז אַן אומאויפהערלעכער אָפּבייט-פּראָצעס. „איך ווייס אין ערגיץ נישט פון קיין עקזיסטענץ און אויך נישט פון מיין אייגענער. ס׳איז נישטאָ קיין עקזיסטענץ. איך גופא ווייס בכלל נישט און איך עקזיסטיר נישט. בילדער זענען דאָ, זיי זענען דאָס איינציקע, וואָס איז דאָ, און זיי ווייסן וועגן זיך לויט דער אַרט פון בילדער, — בילדער, וואָס שוועבן פאַרביי, בילדער, וואָס עס איז אין זיי קיין שום זאַך נישט אָפּגעבילדעט, אָן באַדייטונג און צוועק. איך גופא בין איינס פון דידאָזיקע בילדער, נאָכמער, איך גופא בין עס נישט, כ׳בין נאָר אַ פאַרבלאַסט בילד פון די בילדער. די גאַנצע רעאַליטעט פאַרוואַנדלט זיך אין אַ וווּנדערבאַרן טרוים אָן אַ לעבן, וועגן וועלכן עס ווערט געטרוימט, און אָן אַ גייסט, וועמען עס טרוימט זיך. דאָס אָנשויען איז דער טרוים. דאָס דענקען, דער מקור פון יעדער עקזיסטענץ און פון יעדער רעאַליטעט, וועלכע איך בילדע מיך איין, דער מקור פון מיין עקזיסטענץ, פון מיין קראַפט, פון מיינע צוועקן, איז דער טרוים וועגן יענעם טרוים". אָבער פיכטע, אַלס עטישער ענטוזיאַסט, האָט געמיינט, אַז ער קען גובר זיין דידאָזיקע אילוזיאָניסטישע קאָנסעקווענצן פון זיין טראַנסצענדענטאַלן אידעאַליזם דורך אָנווייזן אויף דעם פּראַקטישן כאַראַקטער פונם „איך". יענע איינווענדונג האָט אָבער תיכּף געמוזט ווידער קומען צום וואָרט דאָרט, ווו דער עטישער מאָמענט איז אין אַ גייסט געווען ווינציקער איינזייטיק און נישט אַזוי שטאַרק אַנטוויקלט און ווו דער פּראַקטישער „איך" האָט נישט געהאַט דיזעלבע איבערגעוויכט איבער דעם טעאָרעטישן, ווי דאָס איז געווען דער פאַל ביי פיכטען.

אַזאַ גייסט איז געווען נאָוואַליס (פרידר. פ. האַרדענבערג, 1772 — 1801). אַ טרוימערישע, כמעט ווייבלעכע נאַטור מיט עסטעטישע נייגונגען, האָט ער אָנגעקניפּט אין דעם פיכטעשן באַגריף פון דער פּראָדוקטיווער איינבילדונגס-קראַפט. ער האָט זי אויפגעפּאַסט אין זינען פון דער ריין-קינסטלערישער פאַנטאַזיע און ער האָט אומגעבילדעט פיכטעס עטישן אידעאַליזם אין אַ ווירקלעכקייטסלאָזן *טרוים-אידעאַליזם*: די וועלט-

שעפערישע טעטיקייט פונם „איך" האָט זיך אים פאַרגעשטעלט אַלס אַן אַרט מאַגישע הערשאַפט פון אומבאַוווּסטזיניקע און אומבאַשטימטע פאָרשטעלונגס־כּוחות. די וועלט איז אַ טרוים פונם „איך". וואָס ווערט אפשר אַליין אויך געטרוימט. בילדער זענען דאָס איינציק רעאַלע. אַלץ איז סימבאָליש און, ווי אין טרוים, אָן פעסטע גרעניצן, און איינס פאַרוואַנדלט זיך אינם צווייטן. אויך דיכטונג און פילאָזאָפיע זענען נישט קיין פאַרשידענע זאַכן. אויב די שפּיל מיט פאַרנעפּלטע אַנאַלאָגיעס שפּילט שוין ביי פיכטען אַ פאַטאַלע ראָל, כּדי דערנאָך אין שעלינגס נאַטור־פילאָזאָפיע שוין צו אָפּט צו פאַרבייטן מיט זיך די שטרענגקייט פון קלאָרע באַגריפן און אַרגומענטאַציע, פאַלט שוין נאָוואַליס פולשטענדיק אַריין אין אַ פאַנטאַסטישער אַנאַלאָגישער באַטראַכטונג. פון דער נאַטור, וואָס פאַרזינקט אַ סך מאָל אין פולשטענדיקער זינלאָזיקייט. —

אַ גאַנץ אַנדער קאָנסעקווענץ ווי נאָוואַליס, האָט אַרויסגעצויגן פון דער פיכטעשער איך־פילאָזאָפיע פ ר י ד ר י ך ש ל ע ג ע ל (1772 — 1829). אויב „זיין" און באַוווּסטזיין זענען אידענטיש, אויב דאָס עמפּירישע איז גלייכצייטיק דער אַבסאָלוטע „איך", איז פונקט אַזוי לאָגיש צו מאַכן צוזאַמען מיט פיכטען דעם אַבסאָלוטן „איך" צום ערשטן און דעם עמפּירישן „איך" צו זיין דערשיינונג, ווי אָפּצושאַפן דעם אונטערשייד צווישן ביידע און דערהויבן צום אמתן אַבסאָלוטן „איך" דעם „איך" אין זיין עמפּירישער געשטאַלט. פיכטע איז אויסדריקלעך אַרויסגעטרעטן קעגן פאַלש אויסטייטשן זיין פילאָזאָפיע אין זינען פון עגאָאיזם. שלעגעל אָבער דערקלערט דעם קעגנזאַץ צווישן אַבסאָלוטן און עמפּירישן „איך" פאַר באַזייטיקט, פאַר אַזאַ, וואָס לכל־הפּחות פאַרן אמתן פילאָזאָף און אמתן קינסטלער האָט ער נישט קיין באַדייטונג. און דורכדעם שטעלט ער אויפן אָרט פון דער פאַרשטאַנדנויטוועדיקייט די סוביעקטיווע ווילקיר פון געניאַלן אינדיווידואום. פאַרן געניאַלן מענטשן זענען נישטאָ קיין שום באַשרענקונגען, סיידן די, וועלכע זיין „איך" גופא שטעלט אויף פאַר אים און וועלכע ער איז דעריבער באַרעכטיקט לויט זיין פאַרלאַנג ווידער אָפּצושאַפן.

דאָס איז גילטיק נישט נאָר אויפן עסטעטישן, נאָר אויך אויפן עטישן געביט. דער זשעני קען נישט קיין העכערן צוועק, ווי דעם זעלבסט-געניס פון זיין פּראָדוקטיוויקייט. דער אידעאַל און די טוגנט פון געניאַלן מענטשן איז נישט די אַרבעט אין אינטערעס פון אַ צוועק, וואָס געפינט זיך מחוץ אים, נאָר דאָס ליידיק-גיין, דער גענוס, וואָס באַרוישט זיך אין זיין אייגענער פרייהייט. האָבנדיק דעם באַוווסטזיין, אַז אַלע צוועקן (וועלכע ער אַליין שטעלט דאָך אויף פאַר זיך) זענען הבל-הבלים, נעמט ער נישט ערנסט קיין איינעם פון זיי. דער „ראָמאַנטישער איך" נעמט אַפילו זיך גופא נישט ערנסט. עס שפּילט זיך נאָר מיט אַלץ, אויך מיט זיך גופא. בלויז דידאָזיקע פרייע שפּיל איז פאַר אים אַן ערנסט. די „ראָמאַנטישע איראָניע" באַשטייט אין דעם, אויפצולייזן יעדע אייגענע שאַפונג, צו שוועבן מיט סוווערענער פרייהייט איבער די סתירות און שפּילנדיק מיט דידאָזיקע לעצטע צו געניסן די אייגענע הערשאַפט איבער די געגנשטאַנדן. —

מיט דערדאָזיקער פילאָזאָפיע פון אַ ב ס אָ ל ו ט ן ע ג אָ א י ז ם האָט זיך די וויסנשאַפטס-לערע פאַרוואַנדלט אין איר פולשטענדיקן קעגנזאַץ און זיך פאַרבלאָנדזשעט אין אַ אומפילאָזאָפישן טעמפּן ווינקל. אַן אמתע ווייטערבילדונג פון פיכטעשן שטאַנדפונקט אין די ראַמען פון זיין אַלגעמיינער מעטאַפיזישער אַנשויאונג האָט געמוזט טאָן דאָס פאַרקערטע ווי שלעגעל: אָפּרייניקן דאָס אַבסאָלוטע פון דער „איך"-פאָרם, כדי אַריבערצושפּרייזן איבער דער דיאַלעקטיק אינם באַגריף פון אַבסאָלוטן „איך" און זיין פאַרבייטונג מיט דעם עמפּירישן „איך".

שעלינג.

די שטעלונג צו דער נאַטור בילדעט אין דער פיכטעשער וועלטאַנשויאונג דעמיעניקן פּונקט, וואָס קען אַמווייניקסטן אויסהאַלטן אַן אָנגריף. פיכטע האָט אויפגעפאַסט די נאַטור בלויז אַלס „נישט-איך", אַלס קעגנזאַץ צום „איך", אַלס אינהאַלט פון עגדלעכן באַוווסטזיין, וואָס עקזיסטירט אויך נאָר אין אַב-

סאָלוטן „איך״ און ער האָט איר נישט צוגעגעבן קיין שום זעלבשטענדיקע באַדייטונג. די נאַטור איז לויט פיכטען געווען בלויז דער „פּאַרזינלעכטער מאַטעריאַל פון דער פליכט״, דורך וועלכן דער ענדלעכער „איך״ איז אָפּהענגיק און אַ דאַנק וועלכן דער ענדלעכער „איך״ גופא אַנטוויקלט זיך צום „איך״. לויט פיכטען איז אַנטוויקלונג אייגן נאָר דעם „איך״; די נאַטור דאַקעגן האָט ער באַטראַכט אַלס אַ פאַרגליווערטן X, אַלס פּוסטע אַבסטראַקציע, אַלס עפּעס בלויז נעגאַטיווס, וואָס האָט אַן אויפגאַבע צו העלפן דעם „איך״ צו באַקומען אַ פּאָזיטיוון אינהאַלט. דאָ, אויף דעם פּונקט, הויבט שעלינג אָן צו דענקען, שטעלנדיק זיך אַלס אויפגאַבע, אָפּצורונדן פיכטעס וועלטאַנשויאונג צו אַ אינהאַלטפולערן און באַפרידיקנדיקערן גאַנצן דורך אַנטוויקלען זיין באַגריף וועגן דער נאַטור.

פרידריך ווילהעלם יאָזעף שעלינג איז געבאָרן געוואָרן אין 1775 אין לעאָנבערג, אין ווירטעמבערג. אין דעם טיבינגער אינסטיטוט (1790 — 1795) איז ער געווען באַפריינדעט מיט העלדערלינען און מיט העגעלן, וואָס איז עלטער געווען פאַר אים מיט פינף יאָר. די קלאַסישע בילדונג, וואָס ער האָט דאָ באַקומען, האָט ער דערגאַנצט דורך אַ גרינדלעכן שטודיום פון דער נאַטור-וויסנשאַפט, וועלכער ער האָט זיך געווידמעט נאָכן אויפגעבן די טעאָלאָגישע קאַריערע, אַלס הויז-לערער אין לייפּציק. דער שטודיום פון דער קאַנטישער און פיכטעשער פילאָזאָפיע האָט אים געמאַכט פאַר אַ באַגייסטערטן אָנהענגער פון טראַנסצענדענטאַלן אידעאַליזם און האָט אים געבראַכט דערצו, ער זאָל אין זיין שריפט „אידייען צו אַ פילאָזאָפיע פון דער נאַטור״ (1797) אָנווענדן די פּרינציפּן פון דער „וויסנשאַפטסלערע״ אויף דער פילאָזאָפישער נאַטור-דערקענטעניש. איינגעלאַדן קיין יענאַ אַלס אויסעראָרדנטלעכער פּראָפעסאָר, האָט ער דאָ, נעבן פיכטען, אַנטוויקלט אַ זייער דערפאָלגרייכע אַקאַדעמישע טעטיקייט. אָבער דער קעגנזאַץ צו פיכטען, וואָס האָט זיך גאָר גיך אָנגעהויבן אַרויסצווייזן, און חוצדעם, זיין באַציאונג צו די ראָמאַנטיקער, באַזונדערס צו שלעגעלן, וואָס איז געוואָרן

אַלץ ערגער צוליב זיינע באַציאונגען מיט קאַראָלינע שלעגעל, זיין שפּעטערדיקער פרוי, האָבן אים פאַרטריבן פון דאַנען. פון 1803 ביז 1806 איז ער געווען פּראָפעסאָר אין ווירצבורג. זיינע אינטערעסן האָבן זיך אַלץ מער און מער גענומען ווענדן צו דער רעליגיע. שעלינג האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט דער כוונה צו באַקומען אַ גרעסערע השפעה אויף דעם מלוכהשן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון בייערן דורך אַ רעליגיעז-אויסגעבילדעטער פילאָזאָפיע. אין 1806 איז ער געפאָרן קיין מינכען אַלס מיטגליד פון דער וויסנשאַפטן-אַקאַדעמיע און אַלס גענעראַל-סעקרעטאַר פון דער אַקאַדעמיע פאַר אָפּבילדנדיקע קונסטן. דאָ האָט דער טויט אָפּגעריסן פון אים זיין פרוי. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז ער האָט אָפּגעשטעלט אויף אַ לאַנגע צייט יעדע אַרט עפנטלעכע ליטעראַרישע טעטיקייט. איינמאָל האָט ער אין שטוטגאַרט געהאַלטן פּריוואַט-פאָרלעזונגען, אַ צייט לאַנג האָט ער אויך דאָצירט אין ערלאַנגען. אין יאָר 1827 האָט ער ווידער אָנגענומען אַ פּעסטן פּאָסטן אַלס לערער פון פילאָזאָפיע ביי דער ביי-געגרינדעטער אוניווערזיטעט אין מינכען, ווו ער האָט געווירקט אַלס אַזעלכער ביזן יאָר 1841. דאַן האָט ער אָנגענומען דעם פאָרשלאַג פון פרידריך ווילהעלם IV אָנצונעמען אַ פּראָפעסור אין דער בערלינער אַקאַדעמיע מיט דער אויסגעשפּראָכענער כוונה אַנטקעגנצווווירקן דער העגעלשער פילאָזאָפיע, וואָס האָט געגאָלטן אַלס מלוכה-און רעליגיע-געפערלעך, מיט אַן אייגענער בייער וועלטאָנשויאונג פון פּאָזיטיוו-קריסטלעכן כאַראַקטער. אָבער די גרויסע האָפנונגען, וועלכע מען האָט געלייגט אויף זיין פאָרלעזונגס-טעטיקייט, זענען נישט דערפילט געוואָרן. די נייע פילאָזאָפישע סיסטעם, וועלכע מען האָט געהאָפט צו הערן פון אים, האָט אין קיין שום פּרט נישט אַנטשפּראָכן די האָפנונגען, וועלכע מען האָט אויף איר געלייגט. פון אָנהויב האָבן זיינע לעקציעס צוגעצויגן אַ גרויסן עולם, אָבער גאָר גיך איז דער אינטערעס געפאַלן. און ווען דער שפּעטערער שאָפּענהויעריאַנער פרויענשטעט און זיין אַלטער קעגנער, דער היידלבערגער טעאָלאָג פּאַולוס האָבן אין 1843 אַרויסגעלאָזן אין דרוק, אַן

שעלינגס דערלויבעניש, אַ קאָפּיע פון זיינע פאָרלעזונגען, האָט דער פילאָזאָף מיט צאָרן זיך צוריקגעצויגן פון עפנטלעכן לעבן, כּדי שוין מער נישט אַרויסצוטרעטן פון שאָטן. אין יאָר 1854 איז שעלינג געשטאָרבן אין ראַגאַץ. זיינע געזאַמלטע ווערק אין 14 בענד האָבן פאַרעפנטלעכט זיינע זין.

*

*

די דריי אָדער פינף פעריאָדן, וועלכע מען פלעגט געוויינלעך אויסטיילן אין דער אַנטוויקלונג פונם שעלינגשן דענקען, קען מען בעיקר פאַנאַנדערטיילן אויף צוויי. דער ערשטער איז דער פעריאָד פון דער אידענטיטעטס-פילאָזאָפיע. זי פילט אויס די צייט פון 1797 — 1806. שעלינג ווייזט זיך אין אים אַרויס אַלס קאָנסעקווענטער ראַציאָנאַליסט. ער שטייט אויפן שטאַנדפונקט פון טראַנסצענדענטאַלן אידעאַליזם און איז אין רעליגיעזן פּרט אַ פּאַנטעאיסט, ד. ה., ער לייקנט צוזאַמען מיט פיכטען אין דער אינדיווידועלער אומשטערבלעכקייט, ווי אויך אין גאָטס פערזענלעכקייט און ער באַטראַכט די גאַנצעווירקלעכקייט אַלס דערשיינונג פון אַ אומבאַוווסטזיניקן און אומפּערזענלעכן אַבסאָלוט. דער צווייטער איז דער פעריאָד פון דער אַזויגערופענער פּאָזיטיווער פילאָזאָפיע, און פילט אויס די יאָרן 1806 — 1854. דער ראַציאָנאַליזם מאַכט פריי אַלץ מער פּלאַץ פאַר אַ איראַציאָנאַליסטישן מיסטיציזם, דערביי באַקומט דער ווילן אַ גלייכבאַרעכטיקטן פּלאַץ נעבן דעם פאַרשטאַנד. פרייהייט, אינדיווידועלע אומשטערבלעכקייט טרעטן אַרויס אין פאָדערגרונט פון שעלינגס אינטערעס. זיין דערקענטעניש-טעאָרעטישער אידעאַליזם דערנענטערט זיך אַלץ מער און מער צום רעאַליזם, און מיט דער הילף פון אַ פאַרענדערטער מעטאָדע זוכט דער דענקער אַ קאָנטאַקט מיט דער אויפשטייגנדיקער דערפאַרונגס-וויסנשאַפט. פונדעסטוועגן קען מען נישט ריידן וועגן אַ אייגנטלעכן „ברוך" אין שעלינגשן פילאָזאָפירן אַלס גאַנצעס,

ווייל די אויפפאַסונג פון צווייטן פעריאָד פון זיין דענקען האָט זיך לאָגיש אַנטוויקלט פון די הנחות פון זיין ערשטן פעריאָד און זי שטעלט פאָר, אין תוך גענומען, בלויז אַ ווייטערדיקע אַנטוויקלונגס-שטופע פון די שפּראָצלעך, וואָס זענען פאַראַן אין דעם ערשטן פעריאָד 1).

דער אויסגאַנגס-פונקט פון שעלינגס פילאָזאָפיע בילדעט, ווי געזאָגט, פיכטעס שטעלונג צו דער נאַטור. שעלינג איז מסכים מיט פיכטען, אַז די נאַטור שטעלט נישט פאָר מיט זיך קיין שום זעלבשטענדיקס, נאָר זי עקזיסטירט בלויז אַלס מיטל צו אַ באַשטימטן צוועק. דעם לעצטן צוועק פון דער נאַטור דאַרף מען זוכן אין דער זיטלעכקייט, אָבער נאָר דערפאַר, ווייל דאָס זיטלעכע איז פאַרשטאַנדיק און עס שטאַמט פון דעם פאַרשטאַנד. דער צוועק פון דער נאַטור באַשטייט אין דעם, צו העלפן דעם פאַרשטאַנד, דעם גייסט צו עקזיסטירן. דאָס געשיט דורך באַשאַפן דעם טעאָרעטישן „איך" אָדער די באַוווסטזיניקע אינטעליגענץ. דידאָזיקע בילדעט אַזוי אַרום די פאָר-הנחה פון יעדער אַרט זיטלעכקייט און במילא אויך פון פאַרשטאַנדיקן האַנדלען.

אויך ביי פיכטען איז די נאַטור פריער פאַרן (עמפירישן) איך, אָבער בלויז אַלס די איינצלנע באַזונדערע עמפינדונג, וואָס שטעלט פאָר מיט זיך דעם אור-עלעמענט און גלייכצייטיק דעם טויטן באַזיס פאַר די אַנטוויקלונגס-שטופעס פונם אינדיווידועלן באַוווסטזיין. אינדערמתן הויבט זיך אָן די אַנטוויקלונג שוין אין דער נאַטור גופא, מער נישט, וואָס זי מאַכט אומבאַוווסטזיניק די יעניקע טריט, וואָס דער גייסט מאַכט באַוווסטזיניק אויף דער שטופע פונם „איך". די נאַטור איז די פאָר-שטופע פון גייסט. אַלס דער מיטל און די פאָראויסזעצונג פון פאַרשטאַנד, איז זי שוין פאַר זיך גופא פאַרשטאַנד, אָבער נישט קיין באַוווסטזיניקער, נאָר אַן אומבאַוווסטזיניקער פאַרשטאַנד. די נאַטור איז די זיך-שאַפנדיקע אינטעליגענץ, אָבער אַלס אַזעלכע איז זי אַ נאָך אומרייפע, אומאַנטוויקלטע, דרימלענדיקע, פאַרגליווערטע

---

1) פאַרגל. וועגן דעם ע. פ. האַרטמאַן: שעלינגס פילאָזאָפישע סיסטעם.

אינטעליגענץ; שעלינג רופט זי אָן די „אָדיסייע פון גייסט" אין וועלכער דערדאָזיקער אַנטוויקלט זיך, דורכמאַכנדיק די פאַר־שידנסטע שטופעס, צו זיך גופא, כדי צולעצט צו געפינען, נאָך פאַרשיידענע בלאָנדזשעניש, זיין היימלאַנד, דעם באַוווּסט־זיין פון זיך גופא. די נאַטור איז נישט קיין אויסערלעכער אַגרעגאַט פון דערשיינונגען און געזעצן, וואָס עקזיסטירן אָן אַ זינען און אָן אַ צוזאַמענהאַנג נעבן־און נאָכאַנאַנדער, אדרבה, זי איז אַן איינהייטלעכער גרויסער אָרגאַניזם, וועמעס איינצלנע טיילן עס ווירקן צוזאַמען ציל־באַוווּסט, כדי צו שאַפן דעם גייסט, דעם באַוווּסטזיין. דאָס אָרגאַנישע לעבן, פון וועלכן עס בליט אַרויס דער באַוווּסטזיין, איז נישט קיין בלויזער צופעליקער רעזולטאַט פון מעכאַנישן צוזאַמענווירקן פון בלינד־הערשנדיקע און זעלבשטענדיקע נאַטורכוחות, פאַר־קערט — די נאַטור איז צוגעפּאַסט פאַרן לעבן און דעם אָרגאַניזם. זי גופא איז בעיקר נישט עפּעס אַנדערש, ווי לעבן, נאָר אומפולקאָמענעס, אידעעלעס, בלויז מעגלעכעס לעבן, וואָס שטרעבט אָבער צו ווערן פולקאָמענעס, ווירקלעכעס לעבן אין אַנימאַלישן אָרגאַניזם.

אַזוי אַרום איז בכלל נישטאָ קיין טויטע נאַטור. די אַזויגערופענע טויטע, ד. ה., אומאָרגאַנישע נאַטור איז נישט פריער, נאָר שפּעטער, ווי די אָרגאַנישע, אַ באַזייטיקטער מאָמענט אין אַלגעמיינעם צוזאַמענהאַנג פון לעבן, כדי מעגלעך צו מאַכן דאָס אָרגאַנישע לעבן און דערמיט אויך דעם באַוווּסטזיין. נאָכ־מער, אויך דאָס איינצלנע באַוווּסטזיין, דער אינדיווידועלער „איך" האָט נישט קיין זעלבשטענדיקייט פאַר זיך גופא, נאָר ער איז אויך נאָר אַ פאַריבערגייענדיקע דערשיינונג, אַ פאַרשווינדנדיקער מיטל אין אַלגעמיינעם לעבנס־פּראָצעס, אַ צייטווייליקער טרעגער פונם כלל־באַוווּסטזיין, צו וועלכן עס צילט דער קאַמף פון די נאַטיר־לעכע איינצל־כוחות, און אין וועלכן עס געפינט זיין השלמה דער נאַטור־פּראָצעס.

די נאַטור איז לויט איר מהות — דערקענטעניש, אַ שטרעבן פון אומבאַוווּסטזיניקן צום באַוווּסטזיין, פון אָביעקטיוון צום סוביעקטיוון.

קאַנט האָט געמיינט, אַז נאָר די אַלגעמיינסטע געזעצן און פּרינציפּן פון דער נאַטור קען מען אַרויסדרינגען אַ פּריאָרי פון דעם מהות פון דעם פאַרשטאַנד, אָבער דאָס אַרויסדרינגען פון אים די איינצלנע דערשיינונגען האָט ער דאַקעגן דערקלערט פאַר אוממעגלעך, ווייל דידאָזיקע זאָלן ווערן באַשטימט דורך זאַכן פאַר זיך, וואָס געפינען זיך מחוץ דעם דערקענענדיקן פאַרשטאַנד, דער אינטעליגענץ 1). פיכטע האָט, אמת, אָפּגעלייקנט די עקזיסטענץ פון זאַכן פאַר זיך און דורכדעם האָט ער די נאַטור פולשטענדיק אַריינגענומען אינם „איך", האָט זי אָבער דערדוצירט גאָר אין גאַנצן פון דעם מהות פון פאַרשטאַנד, נעמלעך — פון דעם „איכס" טעטיקייט צו באַגרעניצן זיך גופא אין נאָמען פון זיטלעכן האַנדלען. שעלינג דאַקעגן מאַכט דעם פּרווו אַרויס־צודרינגען אויך די איינצלנע דערשיינונגען און געזעצן פון דער נאַטור פון ריינעם פאַרשטאַנד און במילא מיט אַפּאָדיקטישער זיכערקייט. ער דערקלערט דאָס מיט דעם, וואָס **יענע איינצל־הייטן גופא** זענען אַ פּריאָרי, אַלדאָס איינצלנע אין דער נאַטור ווערט באַשטימט דורך דעם גאַנצן, איר פאָרם ווערט באַשטימט דורך זייער באַגריף און דעריבער, היות זי איז אונזער אייגענער פּראָדוקט, מוז זיין מעגלעך צו דערקלערן די נאַטור דורך די פאַרשידענע אַקטן פון איר באַשאַפונגס־אופן, די אומבאַוווסטזיניקע אַקטן פון פאַרשטאַנד, דורך וועלכע די נאַטור ווערט געשאַפן, מוז מען קענען באַלויכטן מיט דעם באַוווסטזיין אָדער, ווי שעלינג באַצייכנט דאָס: מען מוז קענען „קאָנסטרואירן" די נאַטור.

די פּרינציפּן, מיט וועלכע שעלינג באַנוצט זיך ביי דער־

---

1) בלויז אין זיין נאָכן טויט פאַרעפנטלעכטן ווערק „דער איבערגאַנג פון די מעטאַפיזישע אָנהויב־יסודות פון דער נאַטור־וויסנשאַפט צו פיזיק", האָט קאַנט געמאַכט אַ דורכגעפאַלענעם פּרווו אַרויסצופירן פון די פּרינציפּן פון זיין קריטיציזם אויך די איינצלנע געזעצן און ערשיינונגען פון דער נאַטור. פאַרגל. וועגן דעם מיין ווערק: „קאַנטס נאַטור־פילאָזאָפיע אַלס יסוד פאַר זיין סיסטעם" (1894).

דאָזיקער קאָנסטרוקציע, זענען דיזעלבע, וועלכע פיכטע האָט
אָנגעווענדט אויף צו דערקלערן דעם „איך”, אָבער אַלס פרינציפּן
פון דער נאַטור האָבן זיי נישט קיין סוביעקטיווע, נאָר אַן
אָביעקטיווע באַדייטונג. די פּראָדוצירנדיקע, צענטריפוגאַלע, עקס-
פּאַנסיווע טעטיקייט, וואָס איז דאָרט דערשינען אַלס איינבילדונגס-
קראַפט, ווירקט אויך אין דער נאַטור, ווי די רעפּראָדוקטיווע,
צענטריפעטאַלע, רעפלעקסירנדיקע אָדער פיקסירנדיקע טעטיקייט,
וואָס איז דערשינען אין איר אַלגעמיינסטער פאָרם אַלס פאַר-
שטאַנד. ביידע ווירקן צוזאַמען אויך דאָ, ביי יעדן נאַטור-פּראָדוקט:
אַ פּאָזיטיווע, פאָראויסטרייבנדיקע, פאַראַלגעמיינערנדיקע טעטיקייט
און אַ נעגאַטיווע, אָפּהאַלטנדיקע, באַזונדערע, מער נישט, וואָס
דאָ צַנטפלעקן זיי זיך אַלס צוויי קעגנזעצלעכע נאַטור-כּחות. פונקט
ווי ביי פיכטען זענען אַלע שטופעס און געשטאַלטן פון „איך”
אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס יעדער פּראָדוקט פון באַוווסטזיין
ווערט אַזוי ווי ווידער פאַרלאָזן, ווערט פונסניי אַ געגנשטאַנד פון
דער רעפלעקסיע און דער קעגנזאַץ פון די ביידע כּחות ווערט סינטע-
טיש פאַרבונדן אין אַ העכערן דריטן, אַזוי קומט אויך צושטאַנד
אין דער נאַטור יעדע באַזונדערע דערשיינונג דורך דעם אַנטאַ-
גאָניזם פון דער פּאָזיטיווער און נעגאַטיווער קראַפט, דורך דעם
דואַליזם און דער פּאָלאַריטעט פון זייער ווירקונגס-אופן, און
נעמלעך אַזוי, אַז ביידע אַנטאַגאָניסטישע כּוחות ווערן אויפגעלייזט
אַלס מאָמענטן אין אַ דריטן, דורך וואָס עס ווערט באַשטימט די
שייכות פון זייער פאַראייניקונג און די מאָס פון זייער אינטענ-
סיווקייט, — אַ עיקרדיקער פאַקט פון דער נאַטור, וואָס איז פאַר
שעלינגן פאַרקערפּערט אינם מאַגנעט מיט זיין פאַראייניקן
פּאָלאַר-קעגנזעצלעכע כּוחות. אַזוי אַרום זענען אין דער נאַטור
דאָ בלויז כּוחות און דער קעגנזאַץ פון אַזעלכע און דאָס, וואָס
שטעלט זיך אונז פאָר אַלס עקזיסטענץ, אַלס אַ זעלבשטענדיקע,
פעסטע ווירקלעכקייט, איז אינדעראמתן, ווי ביי פיכטען,
בלויז דער רעזולטאַט פון אַ טעטיקייט, וואָס באַזירט אויפן קאָנ-
פליקט און דעם גלייכגעוויכט פון די אַנאַנדער אַנטקעגנווירקנדיקע
און מיטאַנאַנדער קעמפנדיקע נאַטור-כּחות.

די שעלינגשע נאַטור-פילאָזאָפיע איז אַזוי אַרום דינאַמיש, ווי די קאַנטישע, אין קעגנזאַץ צו דער מעכאַניסטישער נאַטור-אויפפאַסונג פון געוויינלעכן מאַטעריאַליזם. זי פאַסט אויף די „קאַטעגאָריעס פון דער נאַטור" אַלס פאַרשידענע פאָרמען אָדער שטופעס, מיט וועמעס הילף דער אומבאַוווסטזיניקער גייסט אַנטוויקלט זיך צו זיין דערשיינען אין באַוווסטזיין, און באַזונדערס באַטראַכט זי די מאַטעריע אַלס אַן אָביעקטיווע דערשיינונג, אַ פּראָדוקט פון כוחות, נעמלעך – פון דער אָפּשטויס-קראַפט און דער צוציאונגס-קראַפט, וואָס בילדןביידע די הויפּט-פאָרמען, אין וועלכע עס צעפאַלט די איין אידענטישע אור-קראַפט, דער פאַרשטאַנד, דאָס לעבן, די „וועלט-נשמה" אָדער, – וואָס איז פאַקטיש דאָסזעלבע, – די נאַטור אויף איר אונטערשטער שטופע.

שווער-קראַפט, פאַראייניקונגס-קראַפט און עלאַסטישקייט שטעלן פאָר מיט זיך די וויכטיקסטע אונטערשיידן פון דער פּאָנדעראַבלער מאַטעריע. איר קעגנזאַץ איז די אומפּאָנדעראַבלע מאַטעריע, דער עטער, און די פאַראייניקונג פון ביידע איז דאָס ליכט, די וואַרימקייט. אין די מאַגנעטישע, עלעקטרישע און כעמישע דערשיינונגען קומט בולטער צום אויסדרוק דער פּאָלאַרער כאַראַקטער פון דער נאַטור. פּונקט ווי די צוויי זענען פאַרבונדן אין דריטן, אַזוי ווערן אַלע דריי אָפּגעשאַפט, אַלס מאָמענט, אין באַגריף פון דאָס אָרגאַנישע. דעם מאַגנעטיזם אַנטשפּרעכט די רעפּראָדוקציע, דער עלעקטריציטעט–די רייצבאַרקייט, די פּעאיקייט פון אָרגאַניזם צו רעאַגירן אויף אויסערלעכע רייצן, דעם כעמישן פּראָצעס – די פילבאַרקייט, די פעאיקייט פון דער נשמהשער עמפינדונג. אין די נידעריקסטע אָרגאַניזמען נעמט די אויבערהאַנט די רעפּראָדוקציע, אין די העכערע – די פילבאַרקייט, בעת די רעפּראָדוקציע קומט דאָ צום אויסדרוק אין דער פּאָלאַרער פאָרם אַלס געשלעכטלעכע באַשאַפונג, און די דערשיינונגען פון דער אומאָרגאַנישער נאַטור אונטערשיידן זיך פון אַנאַנדער בלויז דורך דער שטופע פון דער אָפּשטויס- און דער צוציאונגס-קראַפט.

ביים שילדערן דידאַזיקע שטופען-באַוועגונג איז שעלינג נישט תמיד געווען אויסגעהאַלטן. אָבער דעם גרונד-געדאַנק פון זיינע פאַרשידענע שילדערונגען פון דער נאַטור-פילאָזאָפיע בילדעט די אָנשויאונג, אַז אַלע שטופעס און געשטאַלטן פון דער נאַטור זענען דערשיינונגען פון דערזעלבער עיקרדיקער קראַפט, באַשרענקונגען און באַגריפן פון דעמזעלבן אַלגעמיינעם וועזן, און זיי זענען פאַרבונדן צווישן זיך דורך אַן אַלגעמיינעם לעבן, און דערביי גייען איבער די נידעריקערע פאָרמען, די פאָרמען פון אַלגעמיינערן אומפולקאָמענערן מין אין אַלץ העכערע, ד. ה. פאַרוויקלטע, באַשטימטערע, פולקאָמענערע פאָרמען, און דורכדעם ווערט דער נאַטור-פראָצעס אַ אַנטוויקלונגס-פּראָצעס. אַ חוץ אין די אויבן-דערמאָנטע „אידייען צו דער פילאָזאָפיע פון דער נאַטור" געפינט מען דידאָזיקע אָנשויאונג קודם כל אין דער אָפּהאַנדלונג וועגן דער וועלט-נשמה (1798), ווי אויך אין דעם „עסקיז פון אַ סיסטעם פון דער נאַטור-פילאָזאָפיע" (1799). דערביי פאַרשטייט שעלינג די אַנטוויקלונג נישט אַלס אַ צייטלעכן פּראָצעס, נאָר גיכער אַלס אַ אידעעלע באַציאונג פון די דערשיינונגען צואַנאַנדער, און דעם פילאָזאָף גייט בלויז אין דעם, אָנצווייזן יעדער איינער פון דידאָזיקע דערשיינונגען איר באַזונדערן פּלאַץ אין דער סיסטעם פון דעם גאַנצן, און דער ריכטונג-געבנדיקער אויסגאַנגס-פונקט פון דערדאָזיקער נאַטורדערקלערונג איז נישט די סיבה, ווי אין דער מאָדערנער נאַטור-וויסנשאַפט, נאָר דער צוועק, וועמען אויך דער מעכאַניזם פון די נאַטור-כוחות דינט בלויז אַלס מיטל צו זיין פאַרווירקלעכונג. —

די נאַטור דערגרייכט איר ציל אין דער עמפינדונג, דורך אַריינציען די מיטאַנאַנדער קאָנפליגירנדיקע טעטיקייטן פון דער אויסערלעכער אין דער אינערלעכער וועלט, דורך וואָס דער „זיין" פון דער נאַטור ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ באַוווסטזיין. די נאַטור-פילאָזאָפיע, וואָס פאַרנעמט זיך מיט דאָס אָביעקטיווע, גייט אַזוי אַרום פון זיך גופא איבער צום סוביעקטיוון געביט פונם „איך". דורכדעם ווערט די נאַטור-פילאָזאָפיע — אַ ט ר אַ נ ס צ ע נ ד ע נ ט אַ ל פ י ל אָ ז אָ פ י ע, ווי שעלינג האָט זי אַנטוויקלט

קודם-כל אין זיין „סיסטעם פון „טראַנסצענדענטאַלן אידעאַליזם" פון יאָר 1800.

די טראַנסצענדענטאַל-פילאָזאָפיע בילדעט די סוביעקטיווע פּאַרטנער-טייל און די דערגאַנצונג צו דער אָביעקטיווער נאַטור-פילאָזאָפיע. אויב אין דערדאָזיקער לעצטער האַנדלט זיך וועגן דעם, אַרויסצודרינגען דאָס אידעאַלע פון דאָס רעאַלע, דעם גייסט — פון דער נאַטור, האַנדלט זיך אין יענער, פאַרקערט, אין דעם, צו באַגרייפן דאָס רעאַלע פונם אידעאַלן, ד. ה., די נאַטור — פון דעם גייסט. די אָפּשטויסנדיקע און צוציענדיקע טע-טיקייט פון דער נאַטור דערשיינען אין גייסט אַלס רעאַלע און אידעאַלע, אַלס אָביעקטיווע און סוביעקטיווע טעטיקייט, פון וועלכע יענע שאַפט די אָביעקטן, בעת די דאָזיקע דערהויבן זיי צום באַוווסטזיין. די פאַרשידענע שטופעס און דערשיינונגען פון דער נאַטור אַנטשפּרעכן אויף דער סוביעקטיווער זייט די פון שעלינג אַזויגערופענע „עפּאָכן פונם זעלבסטבאַוווסטזיין" און אין וועלכע דער גייסט קומט אַלץ דייטלעכער צום באַוווסטזיין פון זיין אייגענעם מהות, נעמענדיק אין אַכט די נאַטור. די אויסערלעכע אַנטוויקלונגס-שטופעס פון דער נאַטור גייען פּאַראַלעל צו דער אינערלעכער אַנטוויקלונג פונם זעלבסטבאַוווסטזיין. די נאַטור איז דער זעבאַרער, אָביעקטיווער גייסט, דער גייסט — די אומזעבאַרע, סוביעקטיווע נאַטור. אַזוי אַרום איז די קעגנזייטיקע באַציאונג פון גייסט און נאַטור, ווי די באַציאונג צווישן סוביעקט און אָביעקט. אָבער די פילאָזאָפיע, אין איר צווייפאַכער געשטאַלט אַלס נאַטור- און טראַנסצענדענטאַל-פילאָזאָפיע, דערציילט די „געשיכטע פון זעלבסטבאַוווסטזיין", אויפווייזנדיק, ווי אַזוי די „נאַטור אַנטוויקלט זיך צום „איך", און דער „איך" -- צו דער נאַטור, און וויביידע לייזן זיך אויף אין דער איינהייט פון באַוווסטזיין מיט זיין אינערלעכן קעגנזאַץ פון אָביעקט און סוביעקט. גלייכצייטיק באַקומט דורכדעם אַ באַפרידיקנדיקע דער-קלערונג די דערקענטניש-טעאָרעטישע גרונד-פּראָבלעם, די האַרמאָניע צווישן דעם אָביעקטיוון און סוביעקטיוון, פון דער עקזיסטענץ און דעם דענקען און במילא דאָס וויסן.

בײַ דער נענטערער דורכפֿירונג פֿון דאָזיקן גרונד-געדאַנק שליסט זיך שעלינג אָן ענג אין פֿיכטען. ווי פֿיכטע, און אפֿשר נאָך מיט מער אַנטשידנקייט, באַשטימט ער די רעאַלע, פּראָדוקטיווע טעטיקייט, דורך וועלכער אַ נאַטור, אַ וועלט פֿון געגנשטאַנדן אָדער אָביעקטן ווערט אַרײַנגעטאָן אינם „איך", אַלס פּאָזיטיוו באַוווּסטזיניק אָדער אומבאַוווּסטזיניק; זי איז אַ טעטיקייט, וועלכע קומט צום באַוווּסטזײַן נישט אַלס אַזעלכע, נאָר בלויז דורך אירע רעזולטאַטן. ווי בײַ פֿיכטען, אַנטשטייען בײַ אים די פֿאַרשידענע „עפּאָכן" פֿון באַוווּסטזײַן — די עמפּינדונג, די אָנשויאונג, די רעפֿלעקסיע — דורך דער שטופֿנאַרטיקער זעלבסטבאַשרענקונג פֿון דער רעאַלער קראַפֿט דורך דער אידעאַלער, כּדי ענדלעך צו פֿאַרפֿולקאָמען זיך אין דער פֿאָרם פֿון פֿרייען „איך", וואָס באַגרײַפֿט זיך גופֿא אַלס ווילן און וואָס שטעלט זיך קעגנאיבער דער וועלט. דורכדעם הערט אויף די אָפּהענגיקייט פֿון דער באַוווּסטזיניקער פֿון דער אומבאַוווּסטזיניקער טעטיקייט, דער טעאָרעטישער „איך" פֿאַרוואַנדלט זיך אין אַ פּראַקטישן, און די באַוווּסטזיניקע טעטיקייט ווערט באַשטימענדיק פֿאַר דער אומבאַוווּסטזיניקער.

די נידעריקסטע פֿאָרם פֿון ווילן איז דער אינסטינקט, די העכסטע איז די פֿרייע זעלבסטבאַשטימונג פֿונם אינדיווידואום, אַרויסגייענדיק פֿון דעם אייגענעם מהות. די פֿראַגע, ווי אַזוי איז מעגלעך פֿאַרשטאַנד און צוזאַמענהאַנג אין גאַנצן, נישט געקוקט אויף דערדאָזיקער אינדיווידועלער פֿרייהייט, ווי אַזוי איז מעגלעך צו ברענגען אין הסכּם די נויטווענדיקייט, וואָס קוקט אַרויס פֿון דעם כּלל-רעזולטאַט פֿון אַלע איינצל-האַנדלונגען, מיט דער פֿרייהייט פֿון די איינצלנע אינדיווידוען, — דידאָזיקע פֿראַגע איז די פֿילאָזאָפֿישע גרונד-פּראָבלעם פֿון דער ג ע ש י כ ט ע. איר לייזונג ליגט אין דעם, וואָס אַלע פֿאַרשידענע אינדיווידוען זענען נישט עפּעס זעלבשטענדיקס, נאָר בלויז דערשײַנונגען פֿון זעלבן איינעם, פֿון יענער אומבאַוווּסטזיניקער, פּראָדוקטיווער אור-טעטיקייט, וועלכע שעלינג רופֿט אָן „ד אָ ס א ײ ב י ק-א ו מ ב אַ ו ו ו ס ט ז י נ י ק ע", „וואָס פֿאַרבאָרגט זיך גופֿא דורך זײַן אייגענעם אומגעטריבט ליכט, ווי די אייביקע זון אין דער ממשלה פֿון די גייסטער" און ברענגט

צושטאַנד די האַרמאָניע פון דער פרייהייט מיט דער נויטווענדי-
קייט דורכדעם, וואָס ער דריקט אַרויף אויף אַלע פרייע האַנדלונ-
גען דעם שטעמפּל פון זיין אידענטישן וועזן. דער אינדיווידואום,
וואָס גלויבט, אַז ער האַנדלט זעלבשטענדיק, פריי, פירט אינדער-
אמתן אויס נאָר די אומבאַוווּסטזיניקע צוועקן פונם אַבסאָלוטן, אויף
וויפל דער עיקר מהות איז אין אַלעמען אידענטיש. די געשיכטע
איז אַ פאָרשטעלונג, אין וועלכער יעדער, דאַכט זיך, שפּילט זיין
ראָל אינגאַנצן פריי, לויט זיין אייגענעם איינזען. היות אָבער
דער גייסט איז א י י נ ע ר, וואָס דיכטעט אין אַלע, וואָס שפּילט
אַליין די פאַרשידנסטע ראָלן, וואָס האָט שוין אויף פאָראויס
געבראַכט אין האַרמאָניע דעם אָביעקטיוון דערפאָלג פון גאַנצן
מיט דער פרייער שפּיל פון אַלע איינצלנע, דעריבער מוז סוף-
כל-סוף אַרויסקומען עפּעס פאַרשטאַנדיקעס. די געשיכטע איז אַזוי
אַרום אַלס גאַנצעס אַ כסדרדיקע, בהדרגהדיק זיך-אַנטפּלעקנדיקע
התגלות פונם אַבסאָלוט. גאָט א י ז קיינמאָל נישט, נאָר ע ר אַ נ ט-
פּ ל ע ק ט זיך כסדר. דער ציל פון דער געשיכטע איז די פול-
קאָמענע איינהייט פון ווילקיר און געזעצמעסיקייט, די פאַרווירק-
לעכונג פון אַ קאָסמאָפּאָליטישן רעכט-צושטאַנד. דער מענטש באַ-
ווייזט דורך איר כסדר גאָטס עקזיסטענץ, אָבער נאָר דורך דער
גאַנצער געשיכטע קען דערדאָזיקער באַווייז פאַרענדיקט ווערן.

ווי הויך עס זאָלן נישט זיין אַנטוויקלט דער טעאָרעטישער
און פּראַקטישער „איך״: זיי געפינען זיך פונקט אַזוי אין אַ סתירה
צווישן זיך, ווי די אָביעקטיווע נאַטור און דער סוביעקטיווער
גייסט. ווי שטאַרק די נאַטור זאָל נישט רעדוצירן דורך דער
טעטיקייט פון דער צוזאַמענגעס-קראַפט און דער איינשרענקונג איריע
אָפּשטויס-כוחות און דורכדעם זיך דערנענטערן צום גייסט, — וועט
זי פאָרט זיין אַ וועלט פון אָביעקטיוון, וואָס לייזט זיך קיינמאָל נישט
אויף אינגאַנצן אין סוביעקטיוויטעט און גייסטיקייט. ווי אַנטשידן
די אידעאַלע טעטיקייט פון גייסט זאָל נישט ווערן פאַרוואַנדלט
דורך דער רעאַלער טעטיקייט אין — נאַטור, ווי שטאַרק זי זאָל
נישט איינוואָרצלען אין גייסט די אָנשויאונג פון דער נאַטור און
דורכדעם אים פאַרוואַנדלען אין נאַטור: תמיד בלייבט די רעאַלע

טעטיקייט שטיין פאַר אַ סוביעקטיוויטעט, וועלכע זי קען נישט גובר זיין מיט אייגענע כּוחות. פאַר דעם גייסט איז און בלייבט די נאַטור אַ שטער, ווי פריי ער זאָל זיך נישט אַנטוויקלען. סוביעקט און אָביעקט, אומבאַוווּסטזיניקע און באַוווּסטזיניקע טעטיקייט, וויסן און האַנדלען, נויטווענדיקייט און פרייהייט בלייבן אָפּגעזונדערט און זיי לויפן פּאַראַלעל, ווי צוויי ליניען, וועלכע טרעפן זיך, העכסטנס, אין אין-סוף. און פּאָרט איז דער „איך" לויט זיין מהות אַן איינהייטלעכער און ער שטרעבט דערצו צו פאַרווירקלעכן אויך אויסערלעך דידאָזיקע אינערלעכע איינהייט פון זיין וועזן. אַזוי אַרום מוז זיין לעבן דער נאַטור און דעם גייסט, לעבן דעם טעאָרעטישן און פּראַקטישן „איך" אַ העכערעס דריטעס, אין וועלכן עס גלייכן זיך אוים די דערמאָנטע סתּירות.

דאָסדאָזיקע דריטע איז, לויט שעלינגן, די **עסטעטישע טעטיקייט**. אין אים פאַראייניקט זיך די אומבאַוווּסטזיניקע טעטיקייט פון דער נאַטור מיט דער באַוווּסטזיניקער טעטיקייט פון גייסט, און ביידע ברענגען צושטאַנד אַ פּראָדוקט, אין וועלכן די נאַטור און דער גייסט זענען נישט מער ווי מאָמענטן, ווו די נאַטור איז אינגאַנצן פאַרגייסטיקט געוואָרן און דער גייסט איז אינגאַנצן געוואָרן נאַטור, ווו די פרייהייט פון גייסט איז גלייכצייטיק אַ נאַטירלעכע נויטווענדיקייט און דורכדעם ווערט דערגרייכט דער ציל פון יעדער טעטיקייט בכלל. דער **זשעני** איז אומבאַוווּסטזיניק-באַוווּסטזיניקע טעטיקייט. דאָס קונסט-ווערק איז די התגלות פון דער האַרמאָניע פונם סוביעקטיוון און אָביעקטיוון, פונם אומענדלעכן און ענדלעכן, וואָס שילדערט דעם מהות און די סיבּה פון אַלע ענדלעכע דערשיינונגען. אין אים ווערט אָפּגעשטעלט דער פּראָצעס פון דער נאַטור, ווייל זי איז אין אים פולשטענדיק פאַרגייסטיקט. אין אים דערגרייכט רו דער פּראָצעס פון גייסט, ווייל ער איז אין אים דורך און דורך געוואָרן — נאַטור.

אַזוי אַרום איז נישט די פילאָזאָפיע, נאָר די **קונסט** דעריעניקער געביט, אין וועלכן עס ווערן געלייזט אַלע רעטענישן, ווו עס ווערן האַרמאָנירט אַלע סתּירות: די פולקאָמענסטע גע-

שטאַלטונג פונם „איך" אין דער דערשיינונג און דעריבער — דער העכסטער אָרגאַן פון דער פילאָזאָפיע. דער ערשטער פילאָזאָף איז — אַ קינסטלער, דאָס עסטעטישע איז דער באַשטימענדיקער מאָמענט פון דער וועלט אָנשויאונג. אונטער דער ווירקונג פון קאַנטס „קריטיק פון דער אורטיילס-קראַפט" מיט איר לערע וועגן זשעני און שילערס לערע וועגן שפּיל-אינסטינקט אַלס דער העכסטער טעטיקייט פון מענטשן, אין וועלכן די סתירות פון זיין וועזן ווערן אויסגעגליכן אין אַ פולקאָמענער זינלעכער איינהייט, האָט זיך פיכטעס עטישער אידעאַליזם אַנטוויקלט צום עסטעטישן אידעאַליזם, און די מיטאָלאָגיע, אין וועלכער פילאָזאָפיע און דיכטונג זענען פאַרשמאָלצן אין איינס, טויכט אויף אויפן הימל פון ספּעקולאַטיוון דענקען אַלס אַ מין אידעאַל, צו וועלכן עס שטרעבט די מענטשהייטלעכע אַנטוויקלונג סיי פון דער עסטעטישער, ווי פון דער פילאָזאָפישער זייט. —

שעלינגס ביזאיצטיקע פילאָזאָפיע איז באַהערשט פון דער סתירה צווישן דער נאַטור-און דער טראַנסצענדענטאַל-פילאָזאָפיע. די נאַטור איז אורשפּרינגלעך געהאַט געווען פאַר אים, ווי ביי פיכטען, נאָר אַן אינהאַלט פונם „איך", און דער שטאַנדפונקט פונם פילאָזאָף אין דאָזיקן פּרט — אַ סוביעקטיווער אידעאַליזם. אָבער אומבאַמערקט איז פאַר אים די נאַטור געוואָרן אַ זעלבשטענדיקע רעאַליטעט נעבן דעם „איך", און דער סוביעקטיווער אידעאַליזם האָט זיך במילא פאַרוואַנדלט אין אַן אָביעקטיוון. נאַטור און „איך" ווייזן-אָן איינס אויפן צווייטן, זענען אָפּהענגיק איינס פונם צווייטן און וואָרצלען אין איין געמיינזאַמער סיבה, אין אַ אידענטישער אור-טעטיקייט, וואָס צעגאָפּלט זיך אָבער אין צוויי פאַרשידענע ריכטונגען, פונקט ווי די סוביעקטיווע און די אָביעקטיווע טעטיקייט זענען, לויט פיכטען, בלויז די התגלות-אופנים און די טעטיקייטס-אופנים פון זעלבן אַבסאָלוטן „איך".

שעלינג איז אָבער דערווייל אַלץ מער און מער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דידאָזיקע אַבסאָלוטע סיבה פון דער נאַטור און פונם „איך" זענען עפּעס „נישט-איכלעכעס", עפּעס

אזוינס, וואָס ליגט מחוצן „איך“, און ער האָט דאָס דעריבער מער נישט געקענט באַצייכענען אַלס „איך“. די סיבה פונם סוביעקטיוון און פונם אָביעקטיוון איז אַליין נישט סוביעקטיוו, נישט באַוווסטזיניקער גייסט און נישט נאַטור, נישט אידעעלעס און ניש רעאַלעס. שעלינג האָט זי פשוט גערופן — דאָס אַ ב ס אָ ל ו ט ע אָ ד ע ר ד י א י ד ע נ ט י ט ע ט פ ו ן ד ע ם ס ו ב י ע ק ט י ו ו ן א ו ן פ ו ן ד ע ם אָ ב י ע ק ט י ו ו ן. דורכדעם איז ער אַרויפגעטראָטן אויפן באָדן פון דעם א י ד ע נ ט י ט ע ט - ס י ס ט ע ם, וועלכעס ער האָט אַנטוויקלט אין דעם „אומריס פון מיין סיסטעם פון דער פילאָזאָפיע“ (1801), אין דער שריפט וועגן „ברונאָ אָדער דער געטלעכער און נאַטירלעכער פרינציפּ פון די זאַכן“ (1803), אין די „פאָרלעזונגען איבער דעם מעטאָד פון אַקאַדעמישן שטודיום“ און אין אַנדערע שריפטן און אַרטיקלען.

אויב די ווירקלעכקייט דאַרף דערקענט ווערן אַ פּריאָרי, דאַן קען, נאַטירלעך, אויך דאָס אַבסאָלוטע נישט בלייבן מחוץ דער דערקענטעניש, נאָר עס האָט אויך געמוזט געמאַכט ווערן צום געגנשטאַנד פון אַ אַפּריאָרישער קאָנסטרוקציע. עס איז דעריבער נויטיק צו געפינען אין ענדלעכן דענקען אַ פּונקט, אין וועלכן עס איז איינס מיטן אַבסאָלוטן, אַן אוממיטלבאַרע דערקענטעניש פונם אַבסאָלוטן, אין וועלכער זיין און דענקען אָדער אָביעקט און סוביעקט פאַלן צונויף אין איינס, און דידאָזיקע איז — דער „איך“. דער „איך“ דאַרף אָנערקענט ווערן אַלס דאָס אַבסאָלוטע; אין דעם באַשטייט די א י נ ט ע ל ע ק ט ו ע ל ע אָ נ ש ו י א ו נ ג, דער אייגנטלעכער אָרגאַן פון דער פילאָזאָפיע, די באַדינגונג פון וויסנשאַפטלעכן גייסט בכלל. דידאָזיקע אינטעלעקטועלע אָנשויאונג איז אַ געניאַלע אינטואיציע, אַן אַ ב ס אָ ל ו ט ע ר ד ע ר ק ע נ ט ע נ י ש - א ו פ ן, וועלכן נישט יעדן איז באַשערט צו פאַרווירקלעכן, הגם אַלע באַזיצן זי, אין דער פּאָטענץ, לכל הפחות. די אינטעלעקטועלע אָנשויאונג איז דער דערקענטעניש-אופן פונם אַבסאָלוטן, דער געגנעטיוו סיי אין אָביעקטיוון, סיי אין סוביעקטיוון זינען. די דערקענטעניש, וואָס

איך האָב פונם אַבסאָלוטן, איז אַלס אַזעלכע גלייכצייטיק די דערקענטעניש, וואָס דאָס אַבסאָלוטע האָט, זי איז אַ זעלבסט-אַנשויאונג פון דאָס אַבסאָלוטע גופא, ווייל דאָס וויסן וועגן אַבסאָלוטן און דאָס אַבסאָלוטע פאַלן צונויף אין איינס. דאָס אַבסאָלוטע איז אַזוי אַרום נישט בלויז די אידענטיטעט פון דעם סוביעקט און דעם אָביעקט, נאָר עס איז בכלל נישט עפּעס אַנדערש ווי די *אַבסאָלוטע דערקענטעניש גופא.* זיין מהות איז דערקענען, זיין עקזיסטענץ באַשטייט נאָר אין זיין וויסן, זיין רעאַליטעט — אין זיין אידעאַליטעט. און שעלינג באַצייכנט דאָס טאַקע אויך אַלס דעם *אַבסאָלוטן פאַרשטאַנד.* אַזוי אַרום איז דער פאַרשטאַנד דער אמתער קערן פון די געגנשטאַנדן; אויסער אים איז גאָרנישטאָ, און אין אים איז דאָ אַלץ. דערביי איז ער אָבער נישט דאָס באַוווּסטזיין, ווייל היות דאָס דערקענענדיקע אין אים איז צו גלייכער צייט דאָס דערקענטע. דער סוביעקט איז גלייך צום אָביעקט, קען ער העכסטנס זיין דער *פּרינציפּ* פון באַוווּסטזיין, פון וועלכן ער אַנטשטייט ביי דער פאַנאַנדערדרייסונג פון יענע סתירות, פאַר זיך גופא איז ער אָבער אַן *אומבאַוווּסטזיניקעס אַבסאָלוטעס וויסן,* וועלכן שעלינג באַצייכנט אויך (אַריינפירנדיק אַזוי-אַרום אין אַ טעות) אַלס אַבסאָלוטן באַוווּסטזיין" 1).

אויף דער צעשיידונג פון די קעגנזאַצן, וואָס דרימלען אינם אַבסאָלוטן, און זייער ווידער-פאַראייניקונג באַזירט, לויט שעלינגן, דער וועלט-פּראָצעס, אַלס פּראָצעס פונם אַבסאָלוטן. אין דאָזיקן זינען, אַלס די בלויזע מעגלעכקייט פון די קעגנזאַצן, הייסט דאָס אַבסאָלוטע אויך — די *אַבסאָלוטע אינדיפערענץ* פון דידאָזיקע, און דער פאַרלויף פון פּראָצעס איז פאָלגנדיקער: פון דער אינדיפערענץ דורך דער דיפערענץ צו אידענטיטעט, ד. ה., דער באַוווּסטזיניקער און בפירושער פאַראייניקונג פון די

1) וועגן דער שייכות פון דידאָזיקע געדאַנקען מיט דער גרונד-אידייע פון דער פּלאָטינישער פילאָזאָפיע פאַרגל. מיין ווערק: פּלאָטין און דער אונטערגאַנג פון דער אַנטיקער וועלטאַנשויאונג, 1907.

סתּירות אינם אַבסאָלוטן. דאָס אַבסאָלוטע איז אַן א י י ב י ק ע ר ד ע ר ק ע נ ט ע נ י ש - אַ ק ט, וואָס באַקומט נישט זיין אינהאַלט פון דרויסן (אויסער אים איז דאָך גאָרנישטאָ), ווי דאָס ענדלעכע דערקענטעניש, נאָר זי גופא איז פאַר זיך שטאָף און פאָרם, אַ פּראָדוצירן, ביי וועלכן עס אָביעקטיווירט זיך גופא אויף אַן אייביקן אופן און נעמט זיך כּסדר ווידער אַריין אין זיך גופא און זיין „זיין" אין זיין באַוווסטזיין: איך דענק — זיך, דאָס געדענקטע ווערט אויפגענומען אַלס דאָס דענקנדיקע.

דערביי ווייזט זיך די עקזיסטענץ אַרויס אַלס נ אַ ט ו ר. אין איר קומט צום אויסדרוק די רעאַלע זייט פונם אַבסאָלוטן, אָבער קודם-כּל נישט אַלס צייטלעכע, נאָר אַלס א י י ב י ק ע נ אַ ט ו ר. אַלס אָביעקט, וואָס איז אַנטהאַלטן אינם אַבסאָלוטן און האָט זיך פון אים אַרויסגעריסן, אַלס natura naturans: די נאַטור אַלס געדאַנק פונם אַבסאָלוטן. אינם דענקען דאַקעגן איז טעטיק די אידעאַלע זייט פונם אַבסאָלוטן, און דידאָזיקע לאָזט זיך דערקענען אַלס ג י י ס ט, אויף וויפל דאָס „זיין" ווערט אָנערקענט אַלס געדאַנק פונם אַבסאָלוטן און דערמיט דערהויבן אין באַוווסטזיין. נאַטור און גייסט זענען אַלזאָ נישט פאַרשיידן צווישן זיך לויט זייער תּוך, נאָר בלויז מאָמענטן אָדער אַנטפּלעקונגס-אופנים, צוויי פאַרשיידענע זייטן אינם אַבסאָלוטן דערקענטעניש-פּראָצעס, נישט קיין רעאַלע, נאָר בלויז אידעאַלע קעגנזאַצן, וועלכע דערשיינען אַלס קעגנזאַצן בלויז אין דעם ענדלעכן באַוווסטזיין, בעת אינם אַבסאָלוטן זענען זיי איינס. אין דעם באַשטייט ש ע ל י נ ג ס אַ ב ס אָ ל ו ט ע ר א י ד ע אַ ל י ז ם: דאָס רעאַלע איז דאָס אידעאַלע; זייער קעגנזאַץ איז בלויז אַן אידעעלער פון דעם אַבסאָלוטן דענקען, וואָס נאָר ער אַליין איז וועזנטלעך רעאַל. אויף דער פראַגע, אויף וואָס עס באַזירט די באַזונדערקייט פונם זיין, ענטפערט שעלינג: אויף דער פאַרשיידענער שטופע, אין וועלכער דאָס אַבסאָלוטע פאַרווירקלעכט זיך. די נאַטירלעכע, ווי די גייסטיקע דערשיינונגען, זענען איינהייטן פון אידעאַלעס און רעאַלעס, מער נישט וואָס ביי די נאַטירלעכע דערשיינונגען נעמט די אויבערהאַנט דאָס רעאַלע, ביי די גייסטיקע — דאָס אידעאַלע. די ק וו אַ נ ט י-

טאַטיווע דיפערענץ, די פּאָדערהאַנט פון איינעם אָדער פון צווייטן פאַקטאָר דיקטירט יעדע פאַרשיידנקייט פון די ענדלעכע זאַכן. יעדעס איינצלנע פון זיי איז אַלס אַזעלכעס אַליין דאָס גאַנצע אַבסאָלוטע, איז די אידענטיטעט פון די סתירות, רעאַל און אידעאַל צוגלייך, אָבער אין יעדן פון זיי איז די שייכות פון דידאָזיקע ביידע קעגנזאַצן צואַנאַנדער אַ פאַרשידענע, און דעריבער דערשיינען זיי אַלס פאַרשיידן. דידאָזיקע פאַרשיידענע שטופעס פון דעם אומענדלעכנס אַריינפּאַנטאַזירן זיך אין דאָס ענדלעכע באַצייכנט שעלינג אַלס פּאָטענצן. די ענדלעכע זאַכן זענען רעלאַטיווע אידענטישקייט און גאַנצקייט, דאָס אַבסאָלוטע דאַקעגן — די אַבסאָלוטע אידענטישקייט און גאַנצקייט פון אַלע קעגנזאַצן. אין דעם באַשטייט זיין אַבסאָלוטקייט.

„אין דער אייביקער נאַטור", דריקט זיך שעלינג אויס וועגן דעם, „ווערט דאָס אַבסאָלוטע פאַר זיך גופא אין זיין אַבסאָלוטקייט אַ באַזונדערעס, אַן עקזיסטענץ, אָבער אויך דערין איז עס עטוואָס אַבסאָלוט אידעאַלעס, אַבסאָלוטער אַקט פון דערקענטעניש. אין דער דערשיינענדיקער נאַטור ווערט נאָר די באַזונדערע פאָרם דערקענט אַלס באַזונדערע. דאָס אַבסאָלוטע הילט זיך דאָ איין אין עפּעס, וואָס איז אַנדערש, ווי עס איז גופא אין זיין אַבסאָלוטקייט, אין עפּעס ענדלעכס, אַן עקזיסטענץ, וואָס איז זיין סימבאָל און אַלס אַזעלכער, ווי יעדער סימבאָל, פירט ער אַן אומאָפּהענגיק לעבן פון דעם, וואָס ער באַדייט. אין דער אידעאַלער וועלט וואַרפט עס פון זיך אַראָפּ די הילע, עס דערשיינט אַלס דאָס, וואָס עס איז, אַלס אידעאַלעס, אַלס אַקט פון דערקענטעניש, אָבער אויף אַזאַ אופן, אַז עס פאַרלאָזט לגמרי די אַנדערע פאָרם און ווערט נאָר דאָס איינע, דאָס ווידער אויפלייזן די ענדלעכקייט אין דער אומענדלעכקייט, דאָס באַזונדערע אין דעם מהות". ווען מיר זאָלן קענען אַלץ, וואָס עקזיסטירט, דערזען אין דער גאַנצקייט, וואָלטן מיר אינם גאַנצן געזען אַ פולקאָמענעם קוואַנטיטאַטיוון גלייכגעוויכט פון סוביעקטיוויקייט און אָביעקטיוויקייט, פון אידעאַלעס און רעאַלעס, ד. ה., נישט עפּעס אַנדערש, ווי די ריינע אידענטישקייט, אין וועלכער עס זענען נישטאָ קיין שום אונטער-

שיידן. אָבער היות דאָס איז אונז נישט מעגלעך, נעמען מיר אָן דאָס, וואָס איז לויט זיין וועזן איינהייטלעך, אָן שום אונטער־שיידן, אַלס אַ פּילקייט, אַ פאַרשידנאַרטיקייט, אַ באַזונדערקייט, וואָס טראָגט אין זיך די אונטערשיידן פון אידעאַליטעט און רעאַליטעט.

אַזוי אַרום שטאַמט יעדע פּילקייט און פאַרשיידנקייט פון די זאַכן פון דער ענדלעכקייט אָדער באַשרענקטקייט פון אונזער אויפנאַם־פעאיקייט. אינדעראמתן איז אַלץ — איינס. די פּילקייט איז נישט קיין אמתע שפּאַלטונג פון דער אורשפּרינגלעכער איינ־הייט, נאָר אַ רעזולטאַט פון באַטראַכטונגס־אופן. גאָט אָדער דער אמתער קאָסמאָס איז אומטיילבאַר, אייביק און אומענד־לעך. היות זיין פּראָדוצירן מוז זיך פאָרגעשטעלט ווערן מחוץ יעדער שייכות צו צייט און רוים, היות גאָט איז אַ דענקען און דאָסדאָזיקע איז איבעררוימלעך און איבערצייטלעך, איז דעריבער אין אים אַלץ וואָס מעגלעך — אויך ווירקלעך. פונדעסטוועגן טרעט שעלינג אַרויס קעגן דעם, מען זאָל באַטראַכטן גאָט אַלס פּוסטע אָדער אַבסטראַקטע איינהייט, נאָר ער וואָלט וועלן, ער זאָל אויפגעפאַסט ווערן אַלס קאָנקרעטע איינהייט, ווייל אַלס איינהייט שליסט ער דאָך איין אין זיך אַלע סתירות און זיין לעבן, ווי געזאָגט, באַשטייט דאָך טאַקע אין דעם, צו אַנטוויקלען זיך אין דער פּילקייט און דידאָזיקע ווידער אויפצונעמען אין זיין אורשפּרינגלעכער און וועזנטלעכער איינהייט.

דער שפּינאָזיסטישער כאַראַקטער פון דער גרונדאָנשויאונג פון שעלינגס דאָזיקן נייעם שטאַנדפּונקט וואַרפט זיך אין די אויגן. דעם קעגנזאַץ פון דער אויסשפּרייטונג און דעם דענקען ביי שפּינאָזאַן אַנטשפּרעכט ביי שעלינגן דער קעגנזאַץ פון נאַטור און גייסט, וועלכע גייען אָן סיי דאָ, סיי דאָרט, אַלס גלייכבאַרעכטיקטע, נעבנאַנאַנדער שטייענדיקע פּרינציפּן. אַ וועזנט־לעכער אונטערשייד איז אָבער דאָ אין דעם אַרויסדרינגען די ענדלעכע אונטערשיידן פון דער קוואַנטיטאַטיווער דיפערענץ אין דער שייכות פון דיביידע פּרינציפּן צואַנאַנדער, וואָס זענען, לויט שפּינאָזאַן, אומעטום גלייכמעסיק באַטייליקט, ווי

אויך, קודם-כל, אין דער טעלעאָלאָגישער אָדער וויטאַליסטישער גרונדאויפפאַסונג פון דער שעלינגשער פילאָזאָפיע (ווי זי איז אוממיטלבאַר אַרויסגעדרונגען פון זיין, דורך קאַנט און פיכטע סטימולירטן טראַנסצענדענטאַלן אידעאַליזם), אין קעגנזאַץ צו דער מעכאַניסטישער פון שפינאָזאַ. שעלינג גופא האָט זיך איצט געפילט אַזוי קרובהש צום באַגרינדער פון דער סובסטאַנץ-לערע, אַז ער האָט אַפילו פרובירט נאָכצומאַכן די געאָמעטרישע מעטאָדע פון זיין „עטיק" מיט אירע אַקסיאָמעס, טעאָרעמעס, באַווייזן און אַזוי ו. און ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין אים אויך לויט זיין אויסדרוק-אופן. אָבער אויסצובילדן פולשטענדיק זיין סיסטעם אין זינען פון זיין נייער אויפפאַסונג איז שעלינגן נישט באַשערט געווען, הגם ער האָט דערצו געמאַכט אַזוי פיל פאַרשיידענע פרוון. בלויז די נאַטור-פילאָזאָפיע האָט ער גענויער באַאַרבעט אונטער דעם שטאַנדפונקט פון אַבסאָלוטן אידעאַליזם, אָבער אויך אין דאָזיקן געביט איז ער נישט געקומען צו אַן ענטגילטיקן סך-הכל און זיינע אויספירן קענען נישט גילטן אַלס אַ וועזנטלעכע פאַרבעסערונג לגבי דער פריערדיקער באַהאַנדלונג פון דאָזיקן געגנשטאַנד. —

אינצווישן האָבן שוין ווידער גענומען ווירקן אויף אים נייע איינפלוסן און האָבן געפירט דערצו, ער זאָל אומבילדן און ניי אויסבויען זיין גרונד אָנשויאונג. די פלאַטאָנישע אידעען-לערע, אין דער פאָרם, וועלכע זי האָט באַקומען דורך פלאָטינען,—אַ פאָרם, וועלכע עס האָט אויסגענוצט אויך דזשאָרדאַנאָ ברונאָ אין זיין נאַטור-פילאָזאָפיע,—האָט אים אָנגעהויבן אַריינצוציען אין איר צויבער-קרייז, נאָכדעם, ווי ער האָט זי שטודירט ביי ברונאָן. דער געדאַנק פון ק אָ ס מ אָ ס, אַלס אַ טאָטאַלקייט פון אַלע באַגריפן פונם אַבסאָלוטן, וועלכער אַנטהאַלט אַלץ און אין וועלכן אַלץ, וואָס איז מעגלעך, איז אויך ווירקלעך, ווערט דערקלערט, ווי ביי ברונאָן, אַלס העכסטער באַגריף פון אַבסאָלוטן און צווינגט שעלינגן אַוועקצושטעלן אַלץ אַנטשידענער די אַליניקייט פון אַלדאָס עקזיסטירנדיקע אין מיטלפונקט פון זיין געדאַנקען-וועלט. די פאַרשיידענע געשטאַלטן אָדער פאָטענצן,

אין וועלכע דאָס אַבסאָלוטע דיפערענצירט זיך, זענען אידייען, פאָרמען פון דער זעלבסטאָנשויאונג פונם אַבסאָלוטן, וואָס איז טאַקע נישט עפּעס אַנדערעס ווי אינטעלעקטועלע אָנשויאונג. דער קאָסמאָס אָדער די גאַנצקייט פון דידאָזיקע אַלע זעלבסט-אָנשויאונגען פונם אַבסאָלוטן איז די אַ ב ס אָ ל ו ט ע א י ד י י ע, די אידייע פון אַלע אידייען, פון וועלכע יעדע איינע איז פאַר זיך גופא דאָס אַבסאָלוטע, מער נישט — געזען אין אַ באַזונדערער פאָרם.

אָבער פונוואַנעט נעמט זיך דאַן די באַזונדערקייט? יעדע אידייע איז פאַר זיך גופא די אַבסאָלוטע אידענטיטעט, די צו-נויפפאַלונג און באַזייטיקונג פון די אונטערשיידן: זיין און דענ-קען, באַזונדערעס און אַלגעמיינעס, ענדלעכעס און אומענדלעכעס אין איינס; אויך דער אונטערשייד פון נעבן-און נאָכאַנאַנדער, פון רוימלעכעס און צייטלעכעס ווערט אין אים פאַרשווונדן. די פּיליקע, צייטלעכע, ענדלעכע וועלט איז אַ סימבאָל פון דאָס אומענדלעכע, אַ דערשיינונג פונם אַבסאָלוטן. זיין אמתן וועזן קענען מיר באַגרייפן בלויז דורך אינטעלעקטועלער אָנשויאונג און מיר דערקענען עס דאַן אַלס אַן אַבסאָלוטעס איינהייטלעכס. אָבער ווי קומט דאָס, וואָס דאָס אַבסאָלוטע הילט זיך איין אין אַ סימבאָל און רופט אַזוי אַרום אַרויס אַן אילוזיע, אַז נישט די אַבסאָלוטע אידענטישקייט, נאָר די דיפערענץ, די פאַרשיידנ-קייט פון די איינצל-געגנשטאַנדן איז דאָס באמת ווירקלעכע? און פונוואַנעט נעמט זיך דאָס לעבן פון דער ענדלעכקייט, אויב אַלץ איז אומענדלעך און די דערשיינונג אַלס אַזעלכע איז אוממיטל-באַר איינס מיט איר וועזן?

דער אַבסאָלוטער אידעאַליזם געפינט זיך דאָ פאַר זיין אַנטשיידונגס-פראַגע. די טיטאַנישע אָנשטרענגונג אַרויסצודרינגען די גאַנצע ווירקלעכקייט פון איר פאַרשטאַנדיקער סיבה און במילא אַ פּריאָרי מיט אַפּאָדיקטישער זיכערקייט, אַן אָנשטרענגונג, וואָס האָט סטימולירט זייט פלאַטאָנען די גאַנצע פילאָזאָפיע, — דידאָזיקע אָנשטרענגונג איז מיט שעלינגן אָנגעקומען צו דעם פּונקט, ווו זי האָט געמוזט פאַרווירקלעכט ווערן אָדער ענטגילטיק

אָפּזאָגן זיך פון זיך גופא. פיכטע האָט געמיינט, אַז ער וועט קענען באַגרינדן די פילקייט פון די ענדלעכע דערשיינונגען דורך דער פּראַקטישער נאַטור פונם „איך", דורך דעם זיטלעכן געזעץ און דער דורכדעם געפאָדערטער נויטווענדיקייט פון אַ פילקייט קעגנזייטיק זיך-באַווירקנדיקע אינדיווידועןֹ. עס איז אים אָבער נישט געלונגען אויפצווייזן, פאַרוואָס עס זענען פון דאָזיקן שטאַנדפּונקט נויטיק מער ווי צוויי ענדלעכע „איכס", ווייל ס'איז דאָך קלאָר, אַז אויך זיי געניגן שוין אויף צו פאַרווירקלעכן די זיטלעכע באַציאונגען. שעלינג מוז, ביי דעם בעיקר טעאָרעטישן כאַראַקטער פון זיין פילאָזאָפיע, זוכן אַ לאָגישע סיבה פאַר דער עקזיסטענץ פון אַ ענדלעכער וועלט און דער כלומרשטיקער זעלבשטענדיקייט פון די אידייען; אָבער אַזאַ סיבה לאָזט זיך נישט געפינען. דאָס אַרויסדרינגען די וועלט אויף אַ ריין-לאָגישן אופן פון איר אייביקער שכלדיקער סיבה פירט העכסטנס צו אַן אייביקער, שכלדיקער וועלט, צו יענער נישט-רוימלעכער און איבערצייטלעכער וועלט פון אידייען, וואָס האָט כמעט נישט קיין ענלעכקייט מיט דער וועלט, אין וועלכער מיר לעבן, מיט דער אוממיטלבאַר-געגעבענער זינלעכער וועלט. דער ראַציאָנאַליזם בלייבט שטעקן מיט זיינע דעדוקציעס אין דאָס ריין-לאָגישע און דערגייט גאָרנישט צו דער ווירקלעכער, פיליקער, ענדלעכער וועלט. דער מאָניזם פון אַבסאָלוטן פאַרשטאַנד פירט נישט אַרויס איבער דער גרעניץ פון בלויזן אַבסטראַקטן באַגריף, פון דעם אַלגעמיינעם געדאַנק וועגן אַ וועלט. ער איז נישט ביכולת צו דערקלערן דאָס איינצלנע ווירקלעכע, דאָס אינדיווידועלע, באַשטימטע און ער איז דעריבער אַן **אַבסטראַקטער מאָניזם**, וואָס באַפרידיקט נישט פאַר קיין פאַל דאָס ענדלעכע. אַ געוויסע צייט האָט שעלינג געגלויבט, אַז ער קען באַהאַנדלען די געגנשטאַנדן, ווי שפּינאָזאַ, אַלס ריינע אילוזיע און דערקלערן דעם באַוווסטזיין, די סוביעקטיווע אויפפאַסונג פון דער עקזיסטענץ, וואָס צעשפּליטערט דאָס איינע אין אַ פילקייט פון רוימלעך-צייטלעכע דערשיינונגען, אַלס די סיבה פון דער געטריבטקייט פון דער אַבסאָלוטער אידענטישקייט. ער האָט זיך

אָבער תּיכּף געמוזט איבערצייגן, אַז די פּראָבלעם וועגן דעם אַנטשטיין פון די ענדלעכע געגנשטאַנדן פון אַבסאָלוטן ווערט דורכדעם בלויז אָפּגערוקט אין אַ זייט, אָבער נישט געלייזט.

דאַן איז אין יאָר 1803 דערשינען די שריפט פון זיין תּלמיד עשענמייער וועגן „דער פילאָזאָפיע אין איר איבער-גאַנג צו נישט-פילאָזאָפיע", ווו ער פּרובירט אויפצווייזן, אַז דער אַנטשטיין פון די אידייען פונם אַבסאָלוטן איז פאַרן פאַרשטאַנד אַן אומדורכדרינגלעך געהיימניש, אַ מיסטעריע, וועלכע די פילאָ-זאָפיע, אַלס וויסנשאַפט פון ריינעם פאַרשטאַנד, מוז איבערלאָזן פאַר דער רעליגיע. שעלינג האָט נישט געקענט נישט אָנער-קענען די באַרעכטיקטקייט פון דאָזיקן געדאַנק.

דער אַבסאָלוטער דערקענטעניש-אַקט, דאָס אַבסאָלוטע, קען פּראָדוצירן נאָר אידייען, וואָס זענען ווידער פון זייער זייט אויך אַבסאָלוט. אויב די אידייע שטייט פאַר אונז אין דער ענד-לעכקייט אַלס אַ פילקייט פון זעלבשטענדיקע, רוימלעך-צייטלעכע אינדיווידועןפון זינלעכער נאַטור, דאַן קען די סיבה דערפון נישט ליגן אינם אַבסאָלוטן אָדער, ווי שעלינג דריקט זיך פון איצט אָן אויס, אין גאָט אַלס אַזעלכן, נאָר אין דער אָפּטריניקייט פון די אידייען פון זייער געטלעכן מהות. דידאָזיקע אָפּטריניקייט וועלכע שעלינג באַטראַכט, לויטן מוסטער פון דער אָריענטאַלישער מיסטיק, אַלס אַ „זינדנפאַל",) אַ דאַנק וועלכער די אידייען באַקומען, אמת, זעלבשטענדיקייט, אָבער דערפאַר פאַרלירן זיי זייער אַב-סאָלוטקייט, קען נישט באַגריפן ווערן דורך גאָטס וועזן, דורך דעם ריינעם פאַרשטאַנד, און במילא קען עס אויך נישט נאָכגע-וויזן ווערן אַלס נויטווענדיקייט, – עס קען בלויז אָנערקענט און באַטראַכט ווערן אַלס אורפאַקט. זי שטעלט פאָר מיט זיך אַ צופעליקע אָדער – וואָס איז, אייגנטלעך, דאָסזעלבע – פרייע האַנדלונג פון די אידייען, און דער וועלט-פּראָצעס דער-שיינט אַלס דער אומקער-פּראָצעס פון די פאַרענדלעכטע אידייען צו זיך גופא, ד. ה., צו זייער אַבסאָלוטן אורשפּרונג. דער וועלט-פּראָצעס איז אַזוי אַרום אַ מין „דערלייזונגס-פּראָצעס" אין רעלי-גיעזן זינען פון דאָזיקן וואָרט.

מיט דערדאָזיקער הנחה האָט שעלינג בכלל פאַרלאָזן דעם אַבסאָלוטן אידעאַליזם, נאָכמער — דעם ראַציאָנאַליסטישן שטאַנד-פּונקט; דער „ברוך" אין זיין פילאָזאָפיע איז געוווען פאַרענדיקט. דאָס, וואָס האָט אים צוגעגעבן קראַפט צום דאָזיקן טריט, איז געווען זיין פּערזענלעכע פריינטשאַפט מיטן מינכענער פילאָזאָף פראַנץ באַאַדער (1765 — 1841), דעם באַגייסטערטן פאַרערער פון יאַקאָב בעהמע, וואָס האָט אין אַ גאַנצער ריי, מייסטנס אַפאָריזם-אַרטיק געשריבענע ביכער, געפּרוּווט פאַרשמעלצן זיינע קאַטוילישע גרונט-איבערצייגונגען מיט דער בעהמישער מיסטיק און באַגרינדן אַ „קריסטלעכע פילאָזאָפיע". דורך באַאַדערן איז שעלינג סטימו-לירט געוואָרן אויך דערצו, גובר צו זיין די חסרונות פון זיין ביזאיצטיקער פילאָזאָפיע און צו פאַרוואַנדלען דעם פּאַנטעאיזם פון זיין אידעאַליסטישער ספּעקולאַציע אין אַ קריסטלעך-געפאַרבטן ספּעקולאַטיוון טעאיזם. —

די ערשטע און וויכטיקסטע פּרוכט פון דערדאָזיקער נייער טעאָזאָפישער פאַזע פון זיין דענקען בילדן די „פילאָזאָפישע אונטערזוכונגען איבער דעם וועזן פון דער מענטשלעכער פרייהייט" (1809). לויטן נאָמען פון דערדאָזיקער שריפט באַצייכנט מען שעלינגס דאָזיקן פּעריאָד אויך אַלס פּעריאָד פון דער „פרייהייטס-לערע".

אויב די עקזיסטענץ פונם ענדלעכן באַזירט אויף אַן אַקט פון פרייהייט, איז דער ווילן די סיבה פון דאָס ענדלעכע. און אויב דאָס ענדלעכע און אומענדלעכע בילדן איין וועזן, מוז די סיבה פון דער עקזיסטענץ פונם אומענדלעכן ליגן אין זיין ווילן, ד. ה., דער ווילן איז דער פּרינציפּ פון דער עקזיסטענץ, און אין לעצטן סך-הכל איז גאָר נישטאָ קיין אַנדער עקזיסטענץ אַלס ווילן. „ווילן איז אור-עקזיסטענץ", סיי בנוגע די ענדלעכע געגנשטאַנדן, סיי בנוגע גאָט, ווו דער ווילן דערשיינט אַלס די „נאַטור אין גאָט", וועגן וועלכער מיר לייענען ביי די מיסטיקער. אָבער אַלס סיבה פון דער גאַנצערווירקלעכ-קייט איז דער ווילן נישט קיין באַוווסטזיניקער און פאַרשטאַנ-דיקער, ווי דער ראַציאָנאַליזם האָט אים ביז איצט אויפגעפאַסט,

נאָר אַן אומבאַוווסטזיניקער, אומפאַרשטאַנדיקער, טונקעלער אינ־סטינקט, אַ רייסן זיך צו ליכט און דערקענטעניש. דורכדעם ווערט געשאַפן אין גאָט אַ פאַרשטעלונג וועגן זיך גופא, און דער פ אַ ר ש ט אַ נ ד, דאָס „וואָרט“, דער לאָגאָס, בעהמעס סאָפיאַ, שטעלט זיך נעבן דעם בלינדן ווילן און שאַפט מיט אים צוזאַמען די וועלט. דערביי ווייזט זיך דער ווילן גלייכצייטיק אַרויס אַלס דער פרינציפ פון דער אינדיווידואַליטעט, אויף וויפל די זעלבּ־שטענדיקייט און אייגנאַרטיקייט פון די באַשעפענישן באַזירט אויף זייער אָפּרייסן זיך פון אַבסאָלוטן, וואָס דער ווילן האָט אַרויסגערופן. דער פאַרשטאַנד דאַקעגן ווייזט זיך אַרויס אַלס פרינציפ, וואָס גלייכט אויס די אונטערשיידן, וואָס שטעלט זיך העכער פאַר די אינדיווידואַל-ווילנס און מאַכט שלום צווישן זיי דורכדעם, וואָס ער שטעלט זיך אַנטקעגן דעם אינ־דיווידועלן ווילן אַלס „אוניווערסאַלער ווילן“ און שטעלט דעם ערשטן אין דינסט פון זיינע אייגענע צוועקן.

דער פאַרשטאַנד איז די סיבה פון דער געזעצמעסיקייט און שיינקייט, פון דער האַרמאָניע און צוועקמעסיקייט פון דער וועלט. דער ווילן אָבער איז צוליב זיין אייביק-שטרעבנדיקער און קיינמאָל נישט באַפרידיקטער נאַטור דער „מקור פון דער טרויעריקייט“ אויף דער וועלט; דערמיט דערקלערט זיך יענער „שלייער פון טרויער“, וואָס ליגט אויסגעשפרייט איבער דער גאַנצער נאַטור. צוליב איר ווילנס-נאַטור איז די וועלט בעיקר אַ וועלט פון שמערץ און שרעק. שמערץ איז דעריבער עפּעס אַלגעמיינס און נויטווענדיקס אין יעדן לעבן, די געשיכטע — אַ גרויסע טראַגעדיע, וואָס ווערט אויפגעפירט אויף דער טרויער־בינע פון דערדאָזיקער וועלט.

„לאָמיר זיך נאָר דערמאָנען דאָס שרעקלעכע אין דער נאַטור און אין דער וועלט פון גייסט און דאָס נאָך שרעקלעכערע, וואָס אַ גוט-ווינשנדיקע האַנט שיינט עס צו פאַרהילן פאַר אונז, דאַן וועלן מיר מער נישט צווייפלען, אַז די גאָטהייט טראָגט איבער אַ וועלט פון שרעקן און אַז לויט דעם, וואָס עס איז פאַר־באָרגן אין און דורך גאָט, קען מען אים אָנרופן נישט סימבאָליש

באָר טאַקע אין פשוטן זינען פון וואָרט — דער שרעקלעכער, דער גרויליקער".

דאָס, וואָס גאָט האָט, נישט געקוקט אויף דעם, פאָרט געשאַפן די וועלט, דערקלערט זיך דערמיט, וואָס אָן זיין דאָזיקער זעלבסטאַנטפּלעקונג וואָלט ער נישט געווען ער גופא, ער וואָלט נישט געווען קיין פּערזענלעכקייט און קיין גייסט. אמת, גאָט פאַרמאָגט טאַקע אין זיך ביידע סתירותדיקע פּרינציפּן פון ווילן און פאַרשטאַנד, אָבער זיי קומען אים נישט צום באַוווסטזיין. דאָסדאָזיקע באַוווסטזיין דערגרייכט ער ערשט דאַן, ווען די ביידע פּרינציפּן פאַרווירקלעכן זיך אין זייער דיפערענץ, טרעטן אַרויס פיינטלעך איינער קעגן צווייטן און באַשרענקען זיך קעגנזייטיק, ד. ה. אָבער — אין דער ענדלעכער וועלט. דער וועלט-פּראָצעס איז אַזוי אַרום דער פּראָצעס פון בהדרגהדיקער באַוווסטזיין-אַנטוויקלונג, פון גאָטס בהדרגהדיקער פּערסאָנאַליזירונג, און אויף אַזוי פיל איז ער גלייכצייטיק אַ טעאָגאָנישער פּראָצעס, דורך וועלכן גאָט פאַרווירקלעכט ערשט זיך גופא.

ביידע פּרינציפּן, דער פינסטערער און דער ליכטיקער, דער ווילן פון דער סיבה און דער פאַרשטאַנד זענען אין גאָט אומצערייסבאַר פאַרבונדן צווישן זיך. אין דער אונטערמענטשלעכער וועלט איז דער אינדיווידואַל-ווילן פולשטענדיק אונטערגעוואָרפן דעם אוניווערסאַל-ווילן און ווערט פון אים באַהערשט, אַ צושטאַנד, וואָס קומט צום אויסדרוק אין דער אומדערשיטערלעכער געזעצמעסיקייט פון נאַטור-לעבן. אין מענטשן ווערן זיי צעשיידט. דאָ איז דער אינדיווידואַל-ווילן מורד אינם אוניווערסאַל-ווילן און ווייזט זיך אַזוי אַרום אַרויס אַלס דאָס שלעכטס. דאָס שלעכטס איז נישט קיין מאַנגל אָדער אָפּוועזנהייט פון דעם גוטן, ווי עס מיינט דער ראַציאָנאַליזם, נאָר עפּעס פּאָזיטיווס און ווירקלעכס, נעמלעך — די ווירקזאַמקייט פון בלינדן ווילן, די אומדרייאונג פון דער ריכטיקער שייכות צווישן דעם אינדיווידועלן און אַבסאָלוטן ווילן. דער „זינדנפאַל" איז אַ פרייע, איראַציאָנאַלע, פאַרצייטלעכע טאַט פון מענטשן, דורך וועלכער ער האָט אַליין אויסגעווילט זיין „אינטעליגיבלען כאַראַקטער"; אויף דעם באַזירט

זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט. אין דער געשיכטע שפּילט זיך אָפּ דער קאַמף צווישן ביידע קעגנזעצלעכע פּרינציפּן. איר ציל באַשטייט אין פולשטענדיקן זיג פון פאַרשטאַנד איבערן ווילן אין מענטשן, די ווידעראויפשטעלונג פון דער ריכטיקער שייכות פון די ביידע פּרינציפּן צוזאַמען דורך איינרייען דעם אינדיווידועלן אין אַלגעמיינעם ווילן און דורכדעם — דער צוריקקער פון דער קרעאַטור צו גאָט. דורכדעם ווערט דאָס שלעכטס רעדוצירט צום צושטאַנד פון בלויזער מעגלעכקייט און גאָט, אַלס גייסט, וואָס איז דאָס לויט זיין וועזן, ווערט פאַרווירקלעכט אין דער פולקאָמענער אידענטישקייט פון די אין אים פאַראַנענע סתירות.

די עיקרדיקע באַדייטונג פון דערדאָזיקער נייער פאַזע פון דער שעלינגשער פילאָזאָפיע ליגט אין איר דערקענטעניש, אַז דער פאַרשטאַנד אָדער דאָס לאָגישע אַלס אַזעלכע איז נישט אומשטאַנד אויסצושעפּן די ווירקלעכקייט, און במילא אָנערקענט זי די איראַצייאָנאַלע, אַלאָגישע נאַטור פון דער עקזיסטענץ. דער ראַציאָנאַליזם דערהויבט דעם פאַרשטאַנד צום אַליינהערשנדיקן פּרינציפּ פון דער פילאָזאָפיע. דער ראַציאָנאַליזם פאַרזיכערט,ווי שעלינג האָט דאָס פריער אַליין געטאָן, אַז דער פאַרשטאַנד איז אַלץ און אויסער אים איז גאָרנישט נישטאָ. פאַרוואָס אָבער גראָד פאַרשטאַנד, פאַרוואָס נישט נישט-פאַרשטאַנד? פון ריין-פאַרשטאַנדיקע סיבות איז נישט צו פאַרשטיין נישט די אייגנשאַפטן פון דער וועלט, נישט די נויטװענדיקייט פון אַ וועלט-פּראָצעס, און אויך נישט די ווירקלעכקייט בכלל און איר אונטערשייד פון דעם בלויז פאָרגעשטעלטן. אַלץ וואָס איז, איז לויט זיין אינהאַלט אָדער לויט זיין אייגנשאַפט, שכלדיק. די אידייע איז אַזוי אַרום דער אמת וועגן אַלץ. אָבער אויף אַזאַ אופן איז זי בלויז דאָס נעגאַטיווע פון דער עקזיסטענץ, דאָסיעניקע, אָן װעלכעס קיין זאַך קען נישט עקזיסטירן, אָבער דאָס הייסט נאָך אָבער נישט, אַז אַלץ עקזיסטירט אויך נאָר דורך איר. דער פאַרשטאַנד באַשטימט דעם „וואָס" פון דער עקזיסטענץ; ער מאַכט, אַז איך פאַרשטיי אַ געגנשטאַנד, ער פאַרמיטלט מיר אַ באַגריף פון געגנשטאַנד. אָבער

דאָס, דאַקעגן, וואָס עפּעס איז און עס איז נישט גאָרנישט, וואָס דאָס פאַרשטאַנדיקע אַלס אַזעלכעס איז ווירקלעך, ד. ה. דער דאָס, די ווירקלעכקייט פון די געגנשטאַנדן, ליגט מחוץ פון פאַרשטאַנד און קען נישט באַגריפן ווערן דורכן באַגריף. דאָס איז דער פעלער פון דער ראַציאָנאַלער פילאָזאָפיע, קודם-כל העגעלס, צו מיינען, אַז זי קען אַרויסדרינגען און באַגרייפן די ווירקלעכקייט פון דאָס ריין-לאָגישע. לויט זיין נאַטור נאָך שאַפט תמיד דער ראַציאָנאַליזם בלויז אַ נעגאַטיווע פילאָזאָפיע: העכסטנס ווייזט ער נאָר אויף, אַז אויב עפּעס עקזיסטירט, מוז עס האָבן אַזאַ און אַזאַ אייגנשאַפט. אָבער דאָס, אַז עפּעס עקזיסטירט, דאָסדאָזיקע פּאָזיטיווע פון דער ווירקלעכקייט, די רעאַליטעט פון די געגנשטאַנדן בלייבט בויט-װענדיק פאַרשלאָסן פאַר זיין ריין-אידעאַלער געדאַנקען-אַנטוויקלונג. אויך די אידענטיטעטס-סיסטעם איז געווען בלויז אַ ראַציאָנאַלע און במילא — אַ נעגאַטיווע פילאָזאָפיע. דערדאָזיקער פילאָזאָפיע שטעלט איצט שעלינג אַנטקעגן זיין נייעם שטאַנדפּונקט אַלס פּאָזיטיווע פילאָזאָפיע, אַלס אַ פילאָזאָפיע, וואָס פאַרנעמט זיך נישט מער בלויז מיט די באַגריפן פון די געגנשטאַנדן און זייער לאָגישער שייכות צואַנאַנדער, נאָר מיט דער ווירקלעכקייט אַלס אַזעלכע.

ווירקלעך זיין הייסט אַזוי אַרום אַזוי גוט ווי ווירקן. אָבער דאָס אייגנטלעך-ווירקזאַמע און ווידערשטאַנד-שטעלנדיקע אין דער וועלט איז דער ווילן, יענע טונקעלע סיבה פון דער עקזיסטענץ, וועלכן מיר מוזן דעריבער באַצייכענען אַלס דעם פּרימוס פון פאַרשטאַנד און אַלס דעם אמתן אָנהויב פון דער פילאָזאָפיע. היות ער געפינט זיך פאַר יעדער שכלדיקער עקזיסטענץ און ער קען דערקענט ווערן בלויז דורך זיינע ווירקונגען, איז דערפון געדרונגען, אַז די פּאָזיטיווע פילאָזאָפיע וואָס באַגרייפט די וועלט דורך דעם ווילן, קען מער נישט זיין דעדוקטיוו, אַ פּריאָרי, נאָר זי מוז זיין אינדוקטיוו, אַ פּאָסטעריאָרי. זי מוז זיך שטיצן אויף דער דערפאַרונג און זיין אַן עמפּיריזם, אמת אַן עמפּיריזם, וואָס נעמט צוערשט אין חשבון ביי שעלינג

בלויז די פּסיכאָלאָגישע דערפאַרונג פון ווילן און שטרעבט אויסצוגלייכן די אייגזייטיקייט פון דאָזיקן עמפּירישן באַזיס דורכדעם, וואָס ער דערגאַנצט דעם אינדוקטיוון אויפשטייגן פון דער אינערלעכער נשמה-דערפאַרונג דורך דעם דעדוקטיוון אַראָפּשטייגן פון די העכסטע פּרינציפּן.

אַלס דידאָזיקע באַטראַכט שעלינג דאָס מעגלעך-עקזיסטירנדיקע, דאָס „אומגעדענקלעכע זיין", ד. ה., דעם ווילן פאַר זיין איבערגאַנג צום וועלן, דעם ווילן אַלס בלויזע פּאָטענץ פונם וועלן, דערנאָך — דאָס ריין-עקזיסטירנדיקע, די לאָגישע אידייע פאַר איר פאַנאַנדערוויקלונג אין אירע איינצלנע מאָמענטן, און די סובסטאַנציעלע אידענטיטעט פון ביידע, די אַבסאָלוטע סובסטאַנץ מיט אירע אַטריבוטן — ווילן און פאָרשטעלונג.

דער איבערגאַנג פון ווילן צום וועלן געשעט פריי, צופעליק. ער באַזירט אויפן „אור-צופאַל", וועלכער ווערט אָבער דורכדעם „פאַטאַל", ווייל דער ווילן הערט אויף צו זיין דאָס מעגלעך-עקזיסטירנדיקע און ווערט — דאָס נויטווענדיק-עקזיסטירנדיקע, בעת דאָס ריין-עקזיסטירנדיקע, די אידייע, ווייזט זיך איצט אַרויס אַלס דאָס, וואָס מוז עקזיסטירן, אויף וויפל זי ווערט סטימולירט דורך דעם וועלן, וואָס איז פאַרבונדן מיט איר, צו פאַנאַנדערוויקלען די אין איר אַנטהאַלטענע מאָמענטן.

אַזוי אַרום ווערט די גאָטהייט אַראָפּגעשלעפּט פון איר אורשפּרינגלעכן צושטאַנד פון „איבער-עקזיסטענץ" אין דער ווירקלעכער עקזיסטענץ, ווו זי ווערט אונטערגעוואָרפן דעם צוואַנג פון דער נויטווענדיקייט. דער ציל פון פּראָצעס, וואָס ווערט דורכדעם אָנגעהויבן, קען זיין בלויז איינער: ווידער אויפצוריכטן די אורשפּרינגלעכע רוענדיקע איינהייט פון דעם מעגלעך-עקזיסטירנדיקן און ריין-עקזיסטירנדיקן, די פרייהייט זיך אויסצווירקן אָדער נישט אויסצווירקן זיך. דורכדעם ווערט די אידענטישקייט פון דידאָזיקע ביידע קעגנזאַצן צו דאָס, וואָס דאַרף עקזיסטירן, און דאָסדאָזיקע ווייזט זיך אַרויס נישט

נאָר אַלס דער צוועק פון טעאָגאָנישן פּראָצעס, וואָס איז אַלס אַזעלכער גלייכצייטיק דער וועלט-פּראָצעס, נאָר אויך אַלס דאָס-יעניקע, וואָס פירט מיט אַ כיוון דעם פּראָצעס טאַקע צום דאָזיקן ציל. זי ווערט דעריבער געשטעלט אַלס דריטע ווירקנדיקע „פּאָטענץ“ אין איין ריי מיט די ביידע אַנדערע ווירקנדיקע פּאָטענצן און ווערט באַצייכנט אַלס דער גייסט.

אויף וויפל דאָס אַבסאָלוטע ווירקט דערביי פריי, פון אייגענעם ווילן, באַצייכנט עס שעלינג אַלס פּערזענלעכקייט און פּאַרטיידיקט דורכדעם גאָטס פּערזענלעכקייט אין טעאיס-טישן זינען פון דאָזיקן וואָרט. דערביי איז פאַר אים דאָס מעגלעך-עקזיסטירנדיקע דער פּאָטער, דאָס ריין-עקזיסטירנדיקע — דער זון, וואָס דאַרף עקזיסטירן — דער הייליקער גייסט, בעת די פּאָטענצן גופא זאָלן ווידער זיין באַזונדערע פּערזענלעכקייטן און דורך זייער פאַראייניקונג און זייער אַנטהאַלטן-זיין אינם אַבסאָלוטן זאָלן זיי באַגרינדן די קריסטלעכע דרייאייניקייט.

אויך לויט דערדאָזיקער אָנשויאונג איז דער שעלינגשער גאָט אומבאַוווּסטזיניק לויט זיין אייגנטלעכן מהות. אַ באַוווּסטזיין באַקומט ער, — ווי פריער, — ערשט אין דער וועלט. אָבער דאָס באַצייכענען די דריי פּאָטענצן אַלס פּערזענלעכקייטן איז שוין צוליב דעם אַליין נישט ריכטיק, ווייל דער „זון“ האָט דאָך באַרנישט קיין אייגענעם ווילן און דער „גייסט“ איז דאָס נאָר אַלס די איינהייט פון די דריי פּאָטענצן, וואָס זייער ווילן פאַלט צונויף מיטן ווילן פון פּאָטער 1).

פון דאָזיקן שטאַנדפּונקט באַטראַכט שעלינג אוויך די געשיכטע אויסשליסלעך פון רעליגיעזן שטאַנדפּונקט. אַלס פּראָצעס פון פּראָגרעסירנדיקער אויסגלייכונג פון דער וועלט מיט גאָט און פון איר אויסלייזונג פון צושטאַנד פון גאָט-פאַרפרעמדקייט, מאַכט זי דורך די ביידע פּעריאָדן פון היידנטום און קריסטנטום. מיטן ערשטן פּעריאָד פאַרנעמט זיך די פילאָזאָפיע פון דער

1) פאַרגל. דערצו די אַהער געהעריקע אויספירן אין מיין ווערק: די דייטשישע ספּעקולאַציע זייט קאַנט (דייטש.).

מיטאָלאָגיע, מיטן צווייטן — די פילאָזאָפיע פון דער התגלות. היות די אַנטוויקלונג פון דער וועלט פאַלט צונויף מיט דער אַנטוויקלונג פון דער גאָטהייט, דעריבער מוזן זיך די געטלעכע פּאָטענצן אָפּשפּיגלען אין רעליגיעזן באַוווּסטזיין פון דער מענטשהייט, און די אַנטוויקלונג פון גאָט-באַגריף גייט האַנט אין האַנט מיט דער אַנטוויקלונג פון געטלעכן ווען אַפילו ביים גובר זיין דעם אומפאַרשטאַנדיקן ווילן דורך דעם גייסט און ביי דער פולשטענדיקער אויפריכטונג פון גאָטס אור־שפּרינגלעכן מהות אין דער נישט-געטריבטער איינהייט פון זיינע דריי פּאָטענצן. אינם מיטאָלאָגישן באַוווּסטזיין פון דער מענטשהייט הערשט תמיד בלויז איינע פון די דאָזיקע פּאָטענצן, אָבער אין דער התגלות, ווי זי קומט צום אויסדרוק אין קריסטנטום, דער־גרייכן זיי די איינהייט.

אין זיין שילדערונג פון קריסטנטום שטעלט זיך שעלינג אַרויס דורך און דורך אַלס גנאָסטיקער פון באמת מאַסיווער „גלויביקייט”. ער דעדוצירט נישט בלויז די געשיכטלעכע ווירק־לעכקייט פונם גאָט-מענטשן, נאָר אויך זיין איבערנאַטירלעכע געבורט, קריסטוסעס צוויי נאַטורן, דעם דערלייזונגס-טויט אויפן קרייץ, די נסיעה אין גהינום, קריסטוסעס תחית-המתים, אַפילו דעם פאַרקערפּערטן טייוול, די עקזיסטענץ פון אַ מלאכים-וועלט, מיט איין וואָרט — דעם גאַנצן קאָמפּליצירטן אַפּאַראַט פון אַ ריין־אויסערלעכער דערלייזונגס-מאַגיע. דערביי אונטערשיידט ער דעם פּעטרינישן קריסטנטום פון קאַטאָליציזם, פון פּאַולינישן פון פּראָטעסטאַנטיזם.

די קאַטוילישע קירכע איז די קירכע פון שטרענגער געזעצלעכקייט, וואָס איז אויפגעבויט אויפן אויטאָריטעט פון פּעטרוסן. זי פאַרמאָגט אַפילו דעם געשיכטלעכן צוזאַמענהאַנג מיט קריסטוסן, אָבער נאָר ריין-אויסערלעך, בלינד און נישט-פריי. דער פּראָטעסטאַנטיזם, פאַררופנדיק זיך אויפן אַפּאָסטאַל פּאַולוס, האָט אַפילו באַפרייט די מענטשהייט פון דער אויסערלעכער הערשאַפט פון געזעץ, אָבער ער גופא איז בלויז איבערגאַנג, פאַרמיטלונג. ער האָט נאָך נישט געבראַכט זיין אמתע פרוכט.

ער פֿאַרמאָגט נאָך אין זיך צו פֿיל קירכע אין זין פֿון קאַטאָלי־ציזם. ער האָט נאָך נישט אויפֿגעפּאַסט קריסטוסן אין זיין אמתן וועזן. דאָס געשעט ערשט אין דער דריטער און העכסטער פֿאָרם פֿון קריסטנטום, וואָס זיין רעפּרעזענטאַנט איז דער עוואַנגעליסט יאָהאַנעס, דער אַפּאָסטאָל פֿון גייסט, ווי פּוילוס איז דער אַפּאָסטאָל פֿון זון און פּעטרוס — פֿון פֿאָטער; ער איז דעריבער דער אַפּאָסטאָל פֿון דער צוקונפֿט. ערשט אין אים איז דאָס קריסטנטום געוואָרן אַ אוניווערסאַלע רעליגיע, ערשט אין אים ווערט קריסטוס דערקענט אַלס אַלגעמיינער גייסט, וואָס געפֿינט זיך אין יעדן איינצלנעם, און דורכדעם ווערט אויסגעגליכן דער שטרייט צווישן גלויבן און וויסן אין אַ עכטער רעליגיע פֿון ליבע. „אין אַ אַנדער פֿאָרם קען מער דאָס קריסטנטום נישט באַהערשן דעם דייטש. נאָך דער רעפֿאָרמאַציע קענען מיר אים אָנערקענען אַלס אונזערן בלויז אין דער געשטאַלט, אָדער מיר וועלן זיך אָפּזאָגן פֿון אים" 1).

שעלינגס אָנהענגער.

וואָס קלענער עס איז געוועזן די השפּעה פֿון דערדאָזיקער לעצטער פּאַזע פֿון שעלינגס פֿילאָזאָפֿיע (אגב אורחא איז דידאָזיקע לעצטע פֿאַזע באַקאַנט געוואָרן אַ ברייטערן קרייז ערשט נאָך זיין טויט), אַלץ שטאַרקער האָט ער געווירקט אויף זיינע צייט־מענטשן מיט די פֿריערדיקע פּאַזעס פֿון זיין פֿילאָזאָפֿיע. באַזונ־דערס האָט געפֿונען באַגייסטערטע אָנהענגער זיין נאַטור־פֿילאָזאָ־פֿיע, וואָס אירע פּרינציפּן האָבן זיי פּרובירט אָנווענדן אויף די באַזונדערע נאַטור־געביטן.

דער נאָרוועגער סטעפֿענס (1773—1843) האָט אין

---

1) פֿאַרגלייך צו דעם: „שעלינגס מינכענער פֿאָרלעזונגען: צו דער גע־שיכטע פֿון דער נייערער פֿילאָזאָפֿיע און די שילדערונג פֿון פֿילאָזאָפֿישן עמפּיריזם". ניי אַרויסגעגעבן און פֿאַרזען מיט דערקלערנדיקע אָנמערקונגען דורך אַרטור דרעווס, 1902.

זיינע „אָפּהאַנדלונגען איבער דער אינערלעכער נאַטור-געשיכטע פון דער ערד" (1801) אַריינגעפירט דידאַקטיק פרינציפּן אין דער געאָלאָגיע. ער האָט, אַלס ערשטער, אויפגעשטעלט די אידייע פון אַ געאָלאָגישער אַנטוויקלונגס-געשיכטע פון אונזער פּלאַנעט, וואָס בילדעט זיך אויס דורכדעם אַלס טרעגער פון אָרגאַנישן לעבן, און ער האָט אויפגעוויזן, ווי אַזוי די גייסטיקע קאַטאַ-סטראָפעס שפּיגלען זיך אָפּ אין דער געשיכטע פון דער ערד.

לאָרענץ אָקען (1779—1851) האָט („די באַדייטונג פון די שאַרבן-ביינער", 1807, און „לערנבוך פון דער נאַטור-פילאָזאָפיע", 1809) פּראָקלאַמירט די איינהייט פון אַלע פאָרמען פון דער אָרגאַנישער וועלט, ער האָט אָנגענומען, אַז די אָרגאַניזמען-סקאַלאַ האָט זיך אַנטוויקלט פון אַ אור-שליים, און ער האָט דעם אָרגאַניזאַציע-פּראָצעס דערקלערט אַלס דעם וועג פון דער נאַטור צו דערגרייכן איר צוועק, דורך ענדלאָזע נישט-געלונגענע פאָרמען, אין דער באַוווּסטזיניקער אינטעליגענץ פונם מענטשן.

ג. ה. שובערט (1780—1860, „מיינונגען וועגן דער שאָטן-זייט פון דער נאַטור-וויסנשאַפט", 1808), קאַרוס (1789—1869, „פּסיכע", 1846), בורדאַך און ענעמאָזער האָבן אַריינגעבראַכט שעלינגס נאַטורפילאָזאָפישע פּרינציפּן אין דער פּסיכאָלאָגיע, און באַטאָנענדיק באַזונדערס שטאַרק דעם באַגריף פון דאָס אומבאַוווּסטע, האָבן זיי אַריינגעצויגן אין קרייז פון זייערע באַטראַכטונגען די שאָטן-זייטן פון מענטשלעכן נשמה-לעבן, ווי אַנונגען, העלזעעריי, סאָמנאַמבוליזם, חיהשער מאַגנעטיזם און אַז. וו.

אָבער אויך שעלינגס אידענטיטעט-סיסטעם, — ווי שנעל ער גופא זאָל אים נישט האָבן פאַרלאָזן, — האָט געמאַכט אויף זיינע צייט-מענטשן אַ טיפן איינדרוק, וואָס האָט זיך באַזונדערס געלאָזט מערקן אויפן עסטעטישן געביט. אויפן דאָזיקן געביט איז אַ זעלבשטענדיקער ווייטערשפּינער פון שעלינגשן געדאַנק געווען סאָלגער (1780—1819).

אין מעטאַפיזישער באַציאונג אַן אַבסטראַקטער מאָניסט, ווי שעלינג, האָט ער אין זיין „ערווין" (1815) און אין זיינע

פילאָזאָפּישע שמועסן" (1817) פּרובירט אַריינצופירן דעם ראָמאַנ־טישן פּרינציפּ פון איראָניע אין דער מעטאַפיזיק און עסטעטיק; ער האָט די איראָניע באַטראַכט אַלס אַן אייגנאַרטיקע פאָרם פון דער פאַרזינלעכטער אידייע אָדער דערשיינונג, כדי אויפצולייזן די אין איר פאַראַנענע סתירה צווישן ענדלעכן און אומענדלעכן דורך אַריינגיסן זיך אין דאָס אַבסאָלוטע. אויפן רעליגיעזן געביט אַנטשפּרעכט דער איראָניע די ליבע, וואָס איז זיך אַליין מקריב, און ביידע באַזירן אויפן פאַקט, וואָס אין יעדן אינדיווידואום קומט צו דערשיינונג די גאַנצע אידייע, און דידאָזיקע דערשיינונג איז יאָ און איז נישט, טאַקע גראָד צוליב איר באַזונדערקייט, אַ דערשיינונג פון אַבסאָלוטן.

אַלס ווייטערדיקע אָנהענגער פון דער אידענטיטעט־סיסטעם דאַרף מען אָנרופן פאָן בערגערן, קליינען, טראָקס־לערן און י. וואַגנערן. ביים לעצטן דעגענערירט אָבער די שעלינגשע מעטאָדע פון דער קאָנסטרוקציע אין אַזאַ טרוקענעם און פעדאַנטישן סכעמאַטיזם, אַז עס דערפירט דעמדאָזיקן מעטאָד ממש צו אַ אַבסורד. —

שעלינגס דאָזיקע אַלע אָנהענגער האָבן געטיילט מיט אים דעם גרונט־חסרון פון זיין אידענטיטעט־סיסטעם: דעם אַבסטראַקטן מאָניזם מיט זיין אומפעאיקייט צו באַגרייפן די פילקייט פון די ענדלעכע דערשיינונגען און אידייען דורך דער אַבסאָלוטער אידענטיטעט פון דאָס אידעאַלע און רעאַלע, און די דערפון אַרויספליסנדיקע גרינגשעצונג פון די דערפאַרונגס־פאַקטן. אויף דער באַמיאונג צו לייזן אויפן באַזיס פון אַבסאָלוטן אידעאַליזם די העכסטע אויפגאַבע פון דער וויסנשאַפט, די דעדוקציע פון די דערשיינונגען פון זייער אינערלעכסטן וועזן, פון זייער טיפסטן מקור, — אויף דערדאָזיקער באַמיאונג באַזירט העגעלס לאָגישער אידעאַליזם אָדער פאַנלאָגיזם.

העגעל.

געאָרג ווילהעם פרידריך העגעל איז געבאָרן געוואָרן אין שטוטגאַרט אין 1770. ער האָט שטודירט אין די יאָרן 1788—1793 אין טיבינגער אינסטיטוט, ווו ער האָט זיך באַגייסטערט, צוזאַמען מיט שעלינגן און העלדערלינען, מיטן גריכישן אַלטערטום, און פון 1793—1800 איז ער געווען אַ הויז-לערער אין בערן און פראַנקפורט ביים מיין. דאָ איז ביי אים רייף געוואָרן דער פּלאַן פון זיין צוקונפטיקער סיסטעם. אין 1801 האָט ער גענומען לייענען לעקציעס אין יענאַ און צוזאַמען מיט שעלינגן האָט ער אַרויסגעגעבן דעם „קריטישן זשורנאַל פון דער פילאָזאָפיע". אין 1807 איז דערשינען די „פענאָמענאָלאָגיע פון גייסט", דאָס פּראָגראַם-ווערק פון דער גאַנצער העגעלשער פילאָזאָפיע, וואָס האָט אַרויסגערופן אַן אָפענעם ברוך צווישן אים און שעלינגן, אַ ברוך, וואָס האָט זיך שוין געהאַט אָנגעמערקט פריער, דורך שעלינגס ווענדונג צו טעאָזאָפיע. צוליב דער פרייסיש-פראַנצויזישער מלחמה האָט העגעל פאַרלאָרן זיין אויסעראָרדנטלעכע פּראָפעסור, וועלכע ער האָט באַקומען אין 1805, ער האָט אַ צייט-לאַנג געלעבט אין באַמבערג אַלס רעדאַקטאָר פון אַ קליינער צייטונג און אין 1808 האָט ער איבערגעוואַנדערט קיין נירנבערג אַלס גימנאַזיע-דירעקטאָר. דאָ, אין נירנבערג, האָט ער אַרויסגעגעבן זיין „וויסנשאַפט פון דער לאָגיק" (1812—1816). אין 1816 איז ער איינגעלאַדן געוואָרן אין דער אוניווערזיטעט אין היידלבערג, ווו ער האָט אַרויסגעגעבן אין 1817 די „ענציקלאָפּעדיע", און דערנאָך, אין יאָר 1818, האָט ער אָנגענומען די איינלאַדונג קיין בערלין, ווו ער האָט אין דאָרטיקן אוניווערזיטעט, אַלס „פּרייסישער מלוכה-פילאָזאָף", אַנטוויקלט אַ גלענצנדיקע און זייער דערפאָלגרייכע לערער-טעטיקייט ביז צו זיין טויט אין יאָר 1831. אַליין אַרויסגעגעבן האָט ער אין דערדאָזיקער צייט (נישט אַריינרעכענדיק איינציקע רעצענזיעס אין די „יאָרביכער פאַר וויסנשאַפטלעכער קריטיק", דעם אָרגאַן פון זיין שולע) בלויז די „גרונדליניעס פון דער רעכטס-פילאָזאָפיע" (1821). זיינע פאָרלעזונגען וועגן דער פילאָזאָפיע פון דער געשיכטע, וועגן עסטעטיק,

רעליגיאָנס-פילאָזאָפיע און געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע זענען מיט זיינע נאָטיצן און די קאָפּיעס פון די צוהערער אַריינגענומען געוואָרן אין זיינע געזאַמלטע ווערק (1832—1845).

ווי געזאָגט, איז דער ציל פון דער פילאָזאָפיע זייט פּלאַטאָנען געוועזן אַרויסצודרינגען דעם גאַנצן אינהאַלט פון דער ווירקלעכקייט אַ פּריאָרי און במילא מיט אַפּאָדיקטישער זיכערקייט פון אַ לעצטער און העכסטער ווירקלעכקייט. דעקאַרט האָט דעמדאָזיקן אור-מקור פון יעדער דערקענטעניש געפונען אין אייגענעם „איך", אין דער עקזיסטענץ פון אינדיווידועלן זעלבסטבאַוווסטזיין. פיכטע האָט פאַרביטן דעם אינדיווידועלן „איך" מיטן אַבסאָלוטן. שעלינג האָט געמאַכט אַ טריט ווייטער און איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די אומבאַוווסטזיניקע סיבה פונם „איך" קען טאַקע צוליבן דאָזיקן טעם מער נישט הייסן „איך" און ער האָט באַצייכנט מיטן נאָמען „פאַרנונפט" די אידענטישקייט פון אידעאַלן און רעאַלן. דער גרונד-געדאַנק פון זיין דענקען איז באַשטאַנען אין דעם, אַז די ווירקלעכקייט מוז זיין פאַרנונפט, כּדי צו קענען דערקענט ווערן דורך דער פאַרנונפט, און אַזוי אַרום בילדעט די פאַרנונפטיקייט פון דער וועלט די פאָר-הנחה פאַר איר פאַרנונפטיקער דערקענטעניש. נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל די ווירקלעכקייט גופא איז — דענקען, קען זי דורך אונז געדענקט ווערן, און נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל דאָס אָביעקטיווע דענקען פון דער ווירקלעכקייט איז אידענטיש מיטן סוביעקטיוון דענקען פון פילאָזאָף, קען זי דערקענט ווערן אַ פּריאָרי, מיט אָן-ספקדיקער זיכערקייט. די דאָזיקע איבערצייגונג האָט שוין געהאַט פּלאַטאָן. שעלינג האָט מיט איר צוריקגעפירט די דייטשישע ספּעקולאַטיווע פילאָזאָפיע צום שטאַנדפּונקט פון אַלטן גריכישן דענקער. 1) צום דאָזיקן געדאַנק וועגן דער אידענטישקייט פון דענקען און עקזיסטענץ איז געקומען אויך העגעל אויפן סמך פון זיין באַשעפטיקונג מיט קאַנט און פיכטע און זיינע היסטאָרישע שטודיעס, ווען ער האָט אָנגעוואָרפן דעם פּלאַן צו אַן אייגענער סיסטעם פון דער פילאָזאָפיע.

---

1) פאַרגל. מיין ווערק: פּלאַטין און דער אונטערגאַנג פון דער אַנטיקער וועלטאַנשויאונג.

אַלץ וואָס עקזיסטירט איז פאַרנונפטיק, און נאָר דאָס פאַרנונפטיקע עקזיסטירט: דאָס זענען די צוויי פאַרשיידענע אויסדרוקן פאַרן איינציקן אמת, אַז די פאַרנונפט מאַכט אויס דעם מהות פון געגנשטאַנדן און די געגנשטאַנדן שטעלן אַזוי אַרום פאָר מיט זיך בלויז פאַרשיידענע פאָרמען און דערשיינונגען פון דער איינציקער אידענטישער פאַרנונפט. אָבער אויב אַזוי מוז אויך מעגלעך זיין אַרויסצודרינגען פון דער פאַרנונפט-דערקענטעניש נישט נאָר די ווירקלעכקייט בכלל, ווי שעלינג האָט דאָס געטאָן, נאָר די ווירקלעכקייט אין דער גאַנצער פאַרנונפטיקער גלידערונג און באַזונדערקייט פון אירע פאַרשיידענע דערשיינונגס-אַרטן.

אָבער די ווירקלעכקייט, ווען מען באַטראַכט זי אוממיטלבאַר, שטייט אין אַ סתירה צום דענקען. דענקען און עקזיסטענץ זענען זיך קעגנזייטיק סותר; זיי בילדן ממש אַן אור-סתירה. און אויב זיי זענען, נישט געקוקט אויף דעם, אידענטיש, הייסט עס, אַז אין וועזן פון די געגנשטאַנדן גופא ליגט אַ סתירה, נאָכמער, אַז די סתירה געהער צום פאַרנונפטיקן וועזן פון די געגנשטאַנדן, אַז זי בילדעט אַ נויטווענדיקן מאָמענט אין דער פאַרנונפט-דערקענטעניש, פונקט ווי לויט פיכטען איז די רעאַליטעט פון די סתירות פון דער צענטער-לויפנדיקער און צענטער-שטרעבנדיקער טעטיקייט פון „איך" געוועז דער פרינציפ פון דער וויסנשאַפטס-לערע, און פונקט ווי שעלינג האָט אויפגעבויט זיין נאַטור- און טראַנסצענדענטאַל-פילאָזאָפיע אויף דער סתירה פון דער סוביעקטיווער און אָביעקטיווער, דער רעאַלער און אידעאַלער פונקציע אין אַבסאָלוטן. אָבער פונקט ווי די פאַראייניקונג פון יענע סתירות אין אַ העכערן דריטן קאָנסטיטואירן, לויט פיכטען און שעלינגן, דעם באַוווסטזיין, אין וועלכן די ווירקלעכקייט ווייזט זיך אַרויס אַלס גייסט, אַזוי קען אויך לויט העגעלן די אמתע ווירקלעכקייט געפונען ווערן אין דער פאַרנונפט נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל זי איז גובר דעם ווידערשפרוך און די סתירות פון אידעאַלן און רעאַלן געפינען זיך אין איר אַלס אָפּגעשאַפטע מאָמענטן, אַזוי, למשל, ווי דער „איך" שטעלט פאָר

מיט זיך די אידענטיטעט פון באַוווסטזיין (דאָס אידעאַלע) און דער עקזיסטענץ (דאָס רעאַלע) אין דער העכערער איינהייט פון באַוווסטזיין. די סתּירה אָדער דאָס נעגאַטיווע אין דער עקזיסטענץ, ווי העגעל רופט זי אויך אָן, איז אַזוי אַרום נישט עפּעס ענט-גילטיקס און אַבסאָלוטעס, נאָר עס איז דאָ נאָר אויף דעם, מען זאָל עס גובר זיין, אַ נויטווענדיקער דורכגאַנגס-פּונקט צו אַ העכערער איינהייט, וועלכע טראָגט אָבער אויך אין זיך אַ סתּירה. דאָס ווירקלעכע איז אַזוי אַרום נאָר פּאַרנונפטיק און דאָס פּאַרנונפטיקע איז נאָר ווירקלעך אַלס **פּראָצעס**; די פּאַרנונפט שטעלט פאַר זיך אַליין איר קעגנזאַץ, כּדי דורך גובר זיין דעמדאָזיקן אַליין-זיך-געשטעלטן ווידערשפּרוך אויפצוהויבן זיך בהדרגהדיק צו אַלץ העכערע פאָרמען פון איר ווירקלעכקייט, ביז זי דערגרייכט די העכסטע שטופע און דערקענט זיך אַלס די אַבסאָלוטע אידענ-טיטעט פון די סתּירות, אַלס באַוווסטזיין, און פאַרווירקלעכט זיך גופא פולשטענדיק. דעמדאָזיקן פּראָצעס באַצייכנט העגעל אַלס **דיאַלעקטיש**. ער איז דער **אוניווערסאַלער דענק-פּראָצעס**, און דער **דיאַלעקטישער מעטאָד** באַשטייט אין דעם, וואָס דער פילאָזאָף דענקט דעמדאָזיקן פּראָצעס מיט דער הילף פון די סתּירות, וואָס געפינען זיך אין יעדן באַגריף, און באַזייטיקט זיי אין אַ העכערן דריטן.

יעדער באַגריף איז גלייכצייטיק ער אַליין און זיין קעגנ-זאַץ. אַזוי אַרום פאַרוואַנדלט ער זיך, אין זיין קעגנטייל, די באַגריפן וועלכע זענען אין אים פריער געוועזן נאָר „אַן זיך", מאַכט ער זיי „פאַר זיך", נעמט דידאָזיקע ווידער אויף אין זיך אַלס זיינע מאָמענטן און דערהויבט זיך דורכדעם אַפילו אין זיין „אַן-און-פאַר-זיך-זיין" צו אַ העכערער שטופע פון זיין ווירקלעכקייט, וועלכע איז אַלס אַזעלכע גלייכצייטיק אַ קאָנקרעטערער באַגריף. דאָס רופט העגעל אָן — די **רעאַליזירונג פון באַגריף**. דאָס איז אַ תּמידער קאָנקרעטיזירן זיך פון דאָס אַבסטראַקטע, אַן אָפּזונדערן זיך פון דאָס אַלגעמיינע, וואָס ערשט דורכדעם אַנט-שפּרעכט ער זיין אמתן כאַראַקטער. מיט יעדער שטופע פון דער באַגריפס-אַנטוויקלונג קומט דער פּראָצעס ווידער אָן צו זיין אויס-

באַנגס-פונקט, אָבער איצט שוין אויף אַ העכערן ניוואָ, באַרייכערט מיט די באַגריפן, וועלכע ער האָט אויפגענומען אין זיך ביים דורכמאַכן די באַגריפלעכע באַזונדערקייטן. מיטן דערגרייכן דעם העכסטן, אַבסאָלוט-קאָנקרעטן באַגריף קערט די גאַנצע באַוועגונג ווידער צוריק צו איר ערשטן אויסגאַנגס-פונקט.

אַזוי אַרום איז די ווירקלעכקייט די ממשלה פון סתירות, וואָס שליסט גלייכצייטיק איין אין זיך די אויסגלייכונג פון די-דאָזיקע לעצטע. די פילאָזאָפיע איז דאָס דענקען איבער די דאָזיקע סתירות; און היות דאָס אַבסאָלוטע איז אַ פּראָצעס, די ווירקלעכ-קייט — די פאַרקערפּערונג פון דאָזיקן פּראָצעס, מוז דעריבער אויך די פילאָזאָפיע, אַלס וויסנשאַפט פון דער ווירקלעכקייט, זיין אַ פּראָצעס, דאָס הייסט — אַ געדאַנקען-באַוועגונג אָדער אַנטוויקלונג אין דיאַלעקטישן זינען, אַ סיסטעם פון באַגריפן, ביי וועלכן יעדער איינער ברענגט אַרויס פון זיך דעם פאָלגנדיקן, ביז זיי שליסן זיך אַלע צוזאַמען אין איין לעצטן אַלאומפאַסנדיקן באַגריף, דעם באַגריף פון אַבסאָלוטער עקזיסטענץ, פון דער אַבסאָלוטער אידענטיטעט פון דאָס אידעאַלע און רעאַלע אָדער פון אַבסאָלוטן גייסט. דער אָרגאַן פון דער פילאָזאָפיע איז די פאַר-נונפט. זי באַציט זיך נישט, ווי דער אַבסטראַקט-רעפלעקטירנ-דיקער פאַרשטאַנד, נעגאַטיוו צו דער סתירה, זי האַלט נישט איין די באַגריפן אין זייער שטרענגער אָפּגעזונדערטקייט, זי גלויבט אויך נישט, ווי שעלינגס אינטעלעקטועלע אָנשויאונג, אַז זי זאָל קענען באַהערשן דאָס אַבסאָלוטע מיט איין שפּרונג, נאָר זי זעט בולט די פליסנדיקייט פון די באַגריפן, זי דערקענט די רעאַליטעט פון דער סתירה און זי אַנטוויקלט זיך מיט איר הילף דורך טעזע און אַנטיטעזע צו דער העכסטער אָפּשליסנדיקער סינטעזע.

דורכדעם ווערט ענדלעך דערגרייכט דער אמתער באַגריף פון דער פילאָזאָפיע. און איצט, דאַכט זיך, ווערט גלייכצייטיק געלייזט די גרונד-פּראָבלעם פון דער גאַנצער פילאָזאָפיע זייט פּלאַטאָנען: מען באַקומט אַ אַפּאָדיקטיש-זיכערע דערקענטעניש פון וועזן פון באַגריף גופא, אַ דערקענטעניש

פון דער ווירקלעכקייט פון ריינער פאַרנונפט אָן דער הילף פון דער דערפאַרונג. ווייל איצט איז דאָס שוין נישט דער סוביעקט אין זיין ווילקיר און צופעליקייט, וואָס דענקט די אָביעקטיווע געדאַנקען פון דער ווירקלעכקייט, ווי דאָס איז געווען ביי פיכטען און אַפילו נאָך ביי שעלינגן, נאָר דאָס סוביעקטיווע דענקען פון פילאָזאָף איז אַלס אַזעלכעס גלייכ-צייטיק אַן אָביעקטיוועס דענקען: מיט דער הילף פון דער סתירה, וועלכע דער באַגריף טראָגט אין זיך, גיט ער זיך אַליין זיין אינהאַלט; דער ספעקולאַטיווער געדאַנקען-פראָגרעס איז דער אַדעקוואַטער אויסדרוק פון דער באַוועגונג פון געגנשטאַנד; דאָס דענקען פון דער עקזיסטענץ איז דאָס דענקען פון דער עקזיסטענץ סיי אין סוביעקטיוון, סיי אין אָביעקטיוון זינען; די דערקענטעניש גופא איז אָביעקטיוו. דער אַבסאָלוטער אידעאַליזם האָט זיך אַנטוויקלט צו אַ ריין-לאָגישן אידעאַליזם, וואָס אָנערקענט נישט קיין שום אַנדער זאַך ווי דאָס אָביעקטיווע אָדער ריכטיקער — אַבסאָלוטע דענקען. די ווירקלעכקייט איז די זעלבסטבאַוועגונג פון באַגריף. דער פילאָזאָף קוקט זיך נאָר צו צו דערדאָזיקער באַוועגונג און רעגיסטרירט איר אינהאַלט. —

אויב לויט דעם קומט אויס, אַז די זעלבסטבאַוועגונג פון באַגריף איז די אַנטוויקלונג פון אַבסאָלוטן גייסט, בילדעט דער-דאָזיקער צוערשט אין זיין צושטאַנד, ווי אַזוי ער איז „אַן-זיך", דעם געגנשטאַנד פון דער אַבסאָלוטער דערקענטעניש. די וויסנשאַפט וועגן דאָזיקן „אַן-זיך-זיין" פון אַבסאָלוטן גייסט איז די לאָגיק. זי באַ-שעפטיקט זיך מיטן אידעאַלן אָדער מיט דער אידייע בכלל. אָבער דאָס „אַן-זיך-זיין" דערהויבט זיך צום „פאַר-זיך-זיין", דאָס אידעאַלע ווערט רעאַל, נאַטור, און דידאָזיקע בילדעט דעם געגנשטאַנד פון דער נאַטור-פילאָזאָפיע. בעת לויט שעלינגן שטייט די נאַטור זייט ביי זייט מיטן גייסט, שטעלט העגעל דעם גייסט איבער דער נאַטור: די נאַטור איז נאָר אַ דורכגאַנגס-שטופע אין דער אַנט-וויקלונג פונם אַבסאָלוטן, די אידייע אין איר אַנדערש-זיין. דאָס אַבסאָלוטע איז שוין געווען גייסט, איידער ס'איז געוואָרן נאַטור, אָבער נישט „פאַר-זיך", נאָר — „אַן-זיך", און עס ווערט נאַטור,

כדי דורך איר פאַרמיטלונג צו ווערן ווירקלעכער, ד. ה., באַוווּסט־זיניקער, גייסט, און במילא „אַן־און־פאַר־זיך". מיט דערדאָזיקער פאָרם פון גייסט, ווו ער קומט אין דער נאַטור צו זיך גופא פון דעם צושטאַנד פון אַנדערש־אָדער אויסערלעך־זיין און ווערט „פאַר־זיך", באַשעפטיקט זיך די פילאָזאָפיע פון גייסט. —

אַ מין אַריינפיר אין העגעלס גאַנצער סיסטעם בילדעט די פענאָמענאָלאָגיע פון גייסט. איר כּוונה איז צו דערהויבן דעם אינדיווידואום אָדער דאָס געווייגלעכע מענטשלעכע דענקען צום שטאַנדפּונקט פון אַבסאָלוטן אידעאַליזם מיט זיין אידענטישקייט פון סוביעקט און אָביעקט, פון וויסן און עקזיס־טענץ. זי איז אַזוי אַרום אַ לערע וועגן די דערשיינונגס־פאָרמען אָדער „געשטאַלטן פון באַוווּסטזיין", וועלכע דאָס איינפאַכע באַוווּסטזיין מוז דורכמאַכן, כּדי צו ווערן אַ פילאָזאָפיש באַ־וווּסטזיין.

די פאַרשיידענע אופנים, ווי דאָס באַוווּסטזיין באַציט זיך צו זיינע געגנשטאַנדן, ווערן דאָ אויפגעוויזן אַלס די נויטווענדיקע שטופן, דורך וועלכע די גייסטיקע סובסטאַנץ אַנטוויקלט זיך גופא צום אַבסאָלוטן וויסן מיט אינערלעכער דיאַלעקטישער נויטווענדיקייט.

מיטן דערקענטעניש־טעאָרעטישן שטאַנדפּונקט פאַרבינדט העגעל דעם פּסיכאָלאָגישן, און מיטן דאָזיקן לעצטן דעם גע־שיכטס־פילאָזאָפישן און פילאָזאָפיש־געשיכטלעכן שטאַנדפּונקט צו זייער אַ רייצנדיקער, אָבער גלייכצייטיק אַזאַ פאַרוויקלטער און שווער־פאַרשטענדלעכער גאַנצקייט, אַז דאָסדאָזיקע ווערק געהער בכלל צו די שווערסטע אין דער גאַנצער פילאָזאָפישער ליטעראַטור.

אַלס די שטופן, וועלכע דער גייסט מאַכט דורך באַצייכנט העגעל דעם (זאַכלעכן) באַוווּסטזיין, דעם זעלבסט־באַוווּסטזיין און די פאַרנונפט. אין דערדאָזיקער ווייזט זיך אַרויס דאָס מענטשלעכע זעלבסטבאַוווּסטזיין אַלס דער צו זיך גופא געקומענער אַלגעמיינער גייסט. זיין העכסטע פאָרם

אין די פילאָזאָפיע, דאָס אַבסאָלוטע וויסן, דער גייסט, וואָס קען זיך אין דער געשטאַלט פון גייסט, וואָס האָט נישט מער זיין אינהאַלט מחוץ זיך, נאָר אין זיך, כּדי אים צו אַנטוויקלען, ריכטנדיק זיך לויט דעם דיאַלעקטישן מעטאָד. —

די לאָגיק באַטראַכט דעמדאָזיקן אינהאַלט קודם-כּל אין דער ספּערע פון זיין ריינער אידעאַליטעט, די אידייע אין איר אַבסטראַקטער מהותדיקייט, וועלכע ווערט נאָך ערשט געדענקט, אָבער נישט באַטראַכט, וועלכע איז נאָך נישט קיין עכטעווירקלעכקייט. זי באַשעפטיקט זיך אַזויצוזאָגן מיט דער אַלגעמיינער פאַרנונפט פון דער ווירקלעכקייט, מיטן גייסט אין זיין ריין-אידעאַלן „אַן-זיך-זיין”, ווי אַזוי ער אַנטוויקלט בלויז אין זיך, נאָך פאַר דער וועלט-ווירקלעכקייט, די געדאַנקלעכע מעגלעכקייט פון דערדאָזיקער לעצטער. איר געגנשטאַנד איז — ד י ל אָ ג י ש ע א י ד י י ע. איר אינהאַלט בילדן די קאַטעגאָריען, נישט אַלס בלויזע סוביעקטיווע דענק-פאָרמען, ווי ביי קאַנטן, נאָר אַלס אָביעקטיווע געשטאַלטן פון וועלט-לעבן, אַלס רעאַלע געזעצן פון ווירקלעכן געשעען. די לאָגיק אַנטהאַלט שוין אין זיך, אין אַבסטראַקטער פאָרם, אַלע עיקרדיקע באַגריפן פון דער ווירקלעכקייט, אַלדאָס-יעניקע, וואָס וועט אין דער לעצטער קומען צום אָנשוילעכן אויסדרוק. די לאָגישע אידייע, אַלס די בלויזע מעגלעכקייט פון דער נאַטור און פון גייסט, שפּיגלט אָפּ די ווירקלעכקייט פון דידאָזיקע לעצטע אין איר אידעאַלער ספּערע. אַזוי אַרום אַנטשפּרעכט אין דער לאָגיק דער נאַטור — די ספּערע פון דער ע ק ז י ס ט ע נ ץ, דעם ענדלעכן גייסט — די ספּערע פון מ ה ו ת, דעם אַבסאָלוטן גייסט — די ספּערע פון ב אַ ג ר י ף, און נעמלעך אַזוי, אַז יעדע פון דידאָזיקע לאָגישע ספּערן נעמען אַרום אַלע יענע דענק-באַגריפן, וועלכע וועלן קומען צו דער-שיינונג אין דער ווירקלעכקייט פון דער נאַטור און אין דער ווירקלעכקייט פון גייסט. די העגעלשע לאָגיק איז אַזוי אַרום בלייכצייטיק — מ ע ט אַ פ י ז י ק (קאַטעגאָריענלערע), וואָס העגעל דריקט אויך אויס אויף פאָלגנדיקן אופן: איר אינהאַלט איז — דאָס שילדערן גאָט, ווי אַזוי ער זעט אויס איז זייי אייביקן

מהות פאַרן שאַפן די נאַטור און דעם אַ ענדלעכן גייסט. —

די העכסטע שטופע פון דער לאָגישער אידייע איז די אַבסאָלוטע אידייע, די קאָנקרעטע טאָטאַלקייט פון אַלע לאָגישע עקזיסטענץ-פאָרמען, אָבער דידאָזיקע טאָטאַלקייט איז נאָך ערשט אַן אומפולקאָמענע, נעמלעך — אַ באַגריפלעכע, אַן אידעאַלע. אָבער דורכדעם וואָס די אידייע רעאַליזירט זיך, ווערט זי איר אייגענער קעגנזאַץ; די אידעאַלע טאָטאַלקייט ווערט אַ רעאַלע פון דענקען, די פאַרנונפט פון דער ווירקלעכקייט פאַרוואַנדלט זיך אין דער ווירקלעכקייט פון דער פאַרנונפט, און דאָס דאָזיקע אַנדערש-זיין פון אַבסאָלוטן גייסט, ווו דאָס דענקען איז אַזוי ווי אונטערגעגאַנגען אין דער עקזיסטענץ, איז די נאַטור.

אויך די נאַטור איז אַזוי אַרום — לויט איר מהות נאָך — גייסט, אָבער דער גייסט איז דאָ פאַרפרעמדט פון זיך גופא, אַן אויסערלעכע, זינלאָזע עקזיסטענץ, אַ פאַרזאַכלעכט לעבן פון כלומרשט אומגייסטיקע נאַטור-געשטאַלטן. דערפון נעמט זיך דאָס פילע אומלאָגישע, צוועקלאָזע און צופעליקע אין דער נאַטור, דערפון נעמט זיך, וואָס די נאַטור-געשטאַלטן ווערן מעכאַניש באַשטימט פון אויסן, די שטערונג דורך פרעמדע השפעות, די „אָנמעכטיקייט פון דער נאַטור", וואָס איז נישט אימשטאַנד איינ-צוהאַלטן אירע באַגריפלעכע נאָרמעס, און זי גיט זיי אָפּ אָן אַ ווידערשטאַנד דעם שפּיל פון די אויסערלעכע השפעות. אמת, אויך אין דער נאַטור הערשט דער צוועק, נעמלעך — צו פאַר-ווירקלעכן איר אידעאַלן מהות. אָבער אין קיין איין געביט נישט, נישט אין דער מעכאַניק, נישט אין דער פיזיק, נישט אין דער אָרגאַניק, וואָס ווערן באַהאַנדלט דורך דער נאַטור-פילאָזאָפיע אַלס די דערשיינונגס-פאָרמען פון דער נאַטור, באַוויזט זי נישט צו דערגרייכן אַ פולקאָמענע האַרמאָניע פון דער ווירקלעכקייט מיט איר אידעאַלן מהות. די נאַטור איז פאַרווירקלעכטע פאַרנונפט אָבער אַפילו אין מענטשלעכן אינדי-ווידואום בלייבט די ווירקלעכקייט ווייט הינטער איר באַגריף. בלויז אינם מין קומט צום דורכברוך די פולקאָמענע האַרמאָניע

צווישן דער אידייע און איר רעאַליטעט, בעת די אינדיווידועןן
גייען אונטער און האָבן בלויז אַ באַדייטונג אַלס בלויזע דורכ-
גאַנגס-פונקטן אינם לעבן פון דער אידייע, ווייל זייער מין-
באַגריף ווערט נישט פאַרווירקלעכט אין קיינעם פון זיי אין
אַ ריינער פאָרם. —

דאָס, וואָס די נאַטור אַנטשפּרעכט נישט דעם גייסט, פירט
צו דער אַנולירונג פון דער נאַטור. דער גייסט באַגרייפט זיך
גופא אין זיין קעגנזאַץ צו דער נאַטור און ער ווערט „פאַר-זיך"
אין באַוווסטזיין. דערמיט באַשעפטיקט זיך די פילאָזאָפיע
פון גייסט. זי באַשעפטיקט זיך אין דער אַנטראָפּאָלאָגיע
מיט דעם גייסט אַלס נאַטור-וועזן, אין זיין נאַטירלעכער נויט-
ווענדיקייט. דערביי קומען צום וואָרט די אונטערשיידן פון די
ראַסן, פעלקער, מינים, לעבנס-עלטער, די גייסטקראַנקהייטן און אַז. וו.
זי חזרט איבער אין דער פענאָמענאָלאָגיע די שילדערונג
פון פּראָצעס, ווי אַזוי דער באַוווסטזיין אַנטוויקלט זיך דורך
דעם זעלבסטבאַוווסטזיין צו פאַרנונפט, און באַטראַכט אין דער
פּסיכאָלאָגיע די טעאָרעטישע אינטעליגענץ אַלס אָנשויאונג,
פאָרשטעלונג און דענקען, די פּראַקטישע אינטעליגענץ — אַלס גע-
פיל, אינסטינקט און גליק, און די איינהייט פוןביידע אַלס
פרייען אָדער פאַרנונפטיקן ווילן, וואָס איז אָביעקטיוו, וואָס פילט
זיך אַלס אַלגעמיינע פאַרנונפטיקייט.

מיטן דערגרייכן דידאָזיקע שטופע ווערט דער סוביעק-
טיווער גייסט צום אָביעקטיוון. די לערע וועגן אָביעק-
טיוון גייסט באַשעפטיקט זיך מיט די פאָרמען פון דער מין-
פאַרנונפט אין מענטשלעכן גייסט-לעבן. איר נידעריקסטע פאָרם
איז דאָס נאַטור-רעכט, די פעסטשטעלונג פון די-יעניקע אויסער-
לעכע נאָרמען, אָן וועלכע ס'איז נישט מעגלעך אַ צוזאַמענלעבן
פון די מענטשן. אַזוי-אַרום דערשיינט עס אַלס אייגנטום-רעכט,
אָפּמאַך-רעכט און שטראָף-רעכט; אין דאָזיקן לעצטן ווערט בולט,
ווי אַזוי דאָס רעכט ווערט ווידער אויפגעריכט קעגן דעם אומ-
רעכט און יאָס אומרעכט ווערט דערוויזן אַלס עפּעס מינדער-
ווערטיקס.

אַ העכערע שטופע פאַר דער לעגאַליטעט בילדעט די מ אָ ר אַ ־ ל י ש ק י י ט, דער מהות פון די אינערלעכע פאָרמען פון האַנדלען, דידאָזיקע לעצטע באַזירן דערויף, וואָס דער אָביעקטיווער גייסט, דער אינדיווידואום, וואַרפט אונטער זיין ווילן דעם אָביעקטיוון גייסט, דער איבער־אינדיווידועלער מין־פאַרנונפט, און האַנדלט לויט איר שטאַנדפונקט.

אָבער היות דאָס גוטע, ד. ה., די האַרמאָניע פון דער אינדיווידועלער און דער מין־פאַרנונפט איז אַן אויפגאַבע, וואָס קען קיינמאָל נישט דערפילט ווערן אינגאַנצן, דערהויבט זיך דעריבער דאָס וועזן פון אָביעקטיוון גייסט צו שלימות ערשט אין דער פאַראייניקונג פון דער לעגאַליטעט מיט דער מאָראַלישקייט, און דאָס געשעט אין דער ז י ט ל ע כ ק י י ט.

זי קומט צום אויסדרוק אין יענע אינסטיטוציעס, אין וועלכע די מין־פאַרנונפט האָט זיך געגעבן אַן אויסערלעכע געשטאַלט און ווו דער רעכטלעכער און מאָראַלישער אינהאַלט דרינגען זיך פולשטענדיק דורך קעגנזייטיק, ד. ה., אין דער פ אַ ־ מ י ל י ע (חתונה), ד ע ר ג ע ז ע ל ש אַ פ ט און אין דער מ ל ו כ ה.
די מלוכה איז די העכסטע פאָרם פון אָביעקטיוון גייסט, די שלימותדיקעווירקלעכקייט פון דער פרייהייט.

העגעל פאַסט אויף די מלוכה אין אַנטיקן זינען, אַלס די לעבעדיק־געוואָרענע מין־פאַרנונפט פון מענטשן, אין וועלכער דער איינצלנער ווערט פולשטענדיק אויפגעלייזט, כדי צו העלפן דער פאַרנונפט צו עקזיסטירן דורך דער קרבנותפולער טרייקייט צום אַלגעמיינעם. אין די מלוכהשע אינסטיטוציעס, אין דער געזעצגעבנדיקער, רעגירנדיקער און פירשטלעכער מאַכט, קומט יעדעסמאָל צום אויסדרוק דער גייסט פון אַ פאָלק. די פולקאָמענסטע מלוכה־פאָרם איז די קאָנסטיטוציאָנעלע ירושה־מאָנאַרכיע, די פאַראייניקונג פון דעם פירשטס פערזענלעכער מאַכט מיט דער בעזעצגעבנדיקער מאַכט פון פאָלק. דער מיטל, דורך וועלכן עס ווערט דערגרייכט דידאָזיקע העכסטע פאָרם פון דער מלוכה, איז אָבער נישט די רעוואָלוציע, די געוואַלט־באַזייטיקונג פון דער ביזאיצטיקער מלוכה־אָרדנונג. כדי אויף איר אָרט אַוועקצושטעלן די

אָרדנונג פון דאָקטרינערער ווילקירלעכקייט, נאָר די פאַרנונפטיקע אַנטוויקלונג, די בהדרגהדיקע זעלבסטבאַפרייאונג פון דער אין דער מלוכה קאָנקרעט-געוואָרענער פאַרנונפט דורך דער פאַמעלעכדיקער פאַרווירקלעכונג פון דעם גייסט פון גאַנצן פאָלק. —

דער פּראָצעס פון דערדאָזיקער אַנטוויקלונג איז די ג ע ש י כ ט ע. זי איז דער וווּקס פון דער פאַרנונפטיקער מלוכה, דער פּראָגרעס אין באַוווּסטזיין פון דער פרייהייט. דער פרינציפּ, וואָס הערשט אין איר, איז דער וועלט-גייסט. זיינע ווערקצייג זענען די איינצלנע פאָלקס-גייסטער און אין זיי ווידער אַמאָל די גרויסע מענער. דידאָזיקע מיינען, אַז זיי האַנדלען בלויז אין זייער אייגענעם אינטערעס, בעת זיי האַנדלען גאָר אין אינטערעס פון זייער פאָלק און די פעלקער ווידער אַמאָל אין אינטערעס פון פאַרנונפטיקן גייסט גופא 1).

אין יעדער פעריאָד פון דער געשיכטע נעמט איבער די אָנפירנדיקע ראָל אַ באַזונדער פאָלק, כדי צו פאַרווירקלעכן יענעם אינהאַלט, וואָס דער כלל-גייסט האָט אָנגענומען גראָד אויף דערדאָזיקער שטופע פון זיין אַנטוויקלונג. נאָכן דערפילן דידאָזיקע אויפגאַבע ווערט דאָסדאָזיקע פאָלק רעכטלאָז און מוז אָפּטרעטן זיין הערשאַפט אַן אַנדער פאָלק, וואָס פירט איצט פון זיין זייט די אַנטוויקלונג ווייטער, און לעבט דאַן איבער דעמזעלבן גורל. די וועלט-געשיכטע איז אַזוי אַרום דאָס וועלט-געריכט, וואָס ווערט אָפּגעהאַלטן איבער די פעלקער. אין דאָזיקן זינען בייט אָפּ די אַריענטאַלישע וועלט — די גריכישע, די גריכישע — די רוימישע און דידאָזיקע לעצטע — די גערמאַנישע. זייער באַדייטונג שעפּט זיך אויס דערמיט, ווי ווייט און אין וועלכן זינען

1) העגעל איז אַזוי אַרום גאַנץ ווייט פון דער קינדישער געשיכטס-אויפפאַסונג, וואָס איז היינט ווידער שטאַרק אין דער מאָדע אין די טעאָלאָגישע קרייזן, אַז די געשיכטע ווערט „געמאַכט" דורך די „גרויסע פערזענלעכקייטן", וועלכע מוזן שטיין אין אָנהויב פון אַ געשיכטלעכער באַוועגונג; אַדרבה, לויט זיין מיינונג, זענען די גרויסע פערזענלעכקייטן בלויז די אָרגאַנען, וואָס דורך זייער הילף פאַרווירקלעכט זיך די אַלגעמיינע אידייע, וואָס הערשט אין גאַנצן געשעען.

עס ווערט פאַרווירקלעכט דורך זיי די פרייהייט. אַזוי, למשל, איז אין דער אָריענטאַלישער וועלט געווען פריי נאָר איינער, דער הערשער, אין דער גריכישער און רוימישער זענען געווען פריי מערערע, בעת די אויפגאַבע פון דער גערמאַנישער וועלט באַשטייט אין דעם (נאָכדעם ווי דאָס קריסטנטום האָט באַגרינדעט די אינערלעכע פרייהייט), אַז אַלע זאָלן אויך אויסערלעך (פּאָליטיש) ווערן פריי און דורכדעם זאָל דער אָביעקטיווער גייסט פולשטענדיק פאַרווירקלעכט ווערן אין דער אַלגעמיינער רעאַליזירונג פון דער אידייע פון דער אידעאַל-מלוכה. —

די איינהייט פון סוביעקטיוון און אָביעקטיוון גייסט איז דער אַ ב ס אָ ל ו ט ע ר גייסט. אין דאָזיקן לעצטן איז דער ווידערשפּרוך פון עקזיסטענץ און דענקען באַזייטיקט און דאָס אומענדלעכע ווערט דערקענט אַלס וועזן פון ענדלעכן. קודם-כל קומט ער אונז אַנטקעגן אין דער פאָרם פון דער זינלעכער אָנשויאונג פון דער שיינקייט און בילדעט דעם געגנשטאַנד פון דער ע ס ט ע ט י ק. דאָס שיינע איז די פאַרזינלעכטע אידייע, די אידייע אין דער דערשיינונג אָדער גענויער — די זינלעכע אילוזיע פון דער אידייע. בעת דאָס נאַטור-שיינע שטעלט פאָר מיט זיך נאָר אַ דיאַלעקטישן מאָמענט פון דער אמתער שיינקייט, טרעפט זיך דידאָזיקע אָדער דער „אידעאַל" בלויז אין דער קונסט. אויב די דערשיינונג לאָזט נאָר אַנען די אידייע, איז דאָס דאַן די ס י מ ב אָ ל י ש ע קונסט-פאָרם; איר טיפּישער רעפּרעזענטאַנט איז די אָריענטאַלישע קונסט צוזאַמען מיט דער עגיפּטישער. אויב די אָנשויאונג און די אידייע אָדער דער אידעאַלער אינהאַלט און די זינלעכע דערשיינונג דעקן זיך פולקאָם, האָבן מיר דאַן פאַר זיך די ק ל אַ ס י ש ע קונסט-פאָרם פון די גריכן. אויב די אויבערהאַנט האָט, דאַקעגן, די אידייע, אַזוי אַז די דערשיינונג ווערט געשטעלט דורך איר אין שאָטן, אַנטשטייט די ר אָ מ אַ נ ט י ש ע קונסט-פאָרם פון קריסטנטום מיט דער אַריינפירונג פון אַזעלכע נייע עמפּינדונגען אין דער קונסט, ווי ליבע, טרייקייט, ערע, שמערץ, חרטה, תשובה און אַזוי ו., מיט דעם אַוואַנטוריזם פון ריטערטום און מיט דער שילדערונג פון רעאַלי-

גיעזע צושטאַנדן. אין דער סיסטעם פון די קונסטן אַנטשפּרעכט די אַרכיטעקטור דער סימבאָלישער, די סקולפּטור — דער קלאַסישער קונסט-פאָרם, בעת מאַלעריי, מוזיק און דיכטקונסט האָבן אַן אויסגעשפּראָכן ראָמאַנטישן כאַראַקטער. —

די אײנהייט פון אומענדלעכן און ענדלעכן, וואָס קומט צום אויסדרוק אין דער קונסט, קומט צום באַוווסטזיין אין דער רעליגיע אין דער פאָרם פון דער פאָרשטעלונג. רעליגיע און פילאָזאָפיע זענען אידענטיש לויטן אינהאַלט: ביידע האָבן זיי אַלס געגנשטאַנד דאָס אַבסאָלוטע גופא; זיי אונטערשיידן זיך נאָר דורך דער פאָרם, אויף ווי ווייט די רעליגיע אַנטהאַלט אין אַ פאָרשטעלונגס-מעסיקער סימבאָלישער געשטאַלט דעמזעלבן ספּעקולאַטיוון אינהאַלט, וועלכן די פילאָזאָפיע קליידט אָן אין דער אַדעקוואַטער פאָרם פון אומזינלעכן באַגריף. די רעליגיע איז אַזוי אַרום נישט בלויז אַ געפיל פון אמתדיקן (שלייערמאַכער), נאָר אַ דענקען וועגן אַבסאָלוטן, אָבער נישט אין דער פאָרם פון דענקען, און די פאַרשידענע רעליגיעס זענען בלויז אַזויפיל פאַרשידענע אופנים, ווי די מענטשן שטעלן זיך פאָר דאָס אַבסאָלוטע, פאָרשטעלונגסשטופן, וועלכע דער אַבסאָלוטער גייסט נעמט אָן אין רעליגיעזן באַוווסטזיין פון דער מענטשהייט.

די ערשטע פון דידאָזיקע שטופעס איז די באַשטימטע רעליגיע, די נ אַ ט ו ר-ר ע ל י ג י ע אַלס רעליגיע פון כשוף. זי קומט צום אויסדרוק אַלס רעליגיע פון דער מאָס ביי די כינעזער, אַלס רעליגיע פון דער פאַנטאַזיע ביי די בראַמאַנער, אַלס רעליגיע פון „אינזיכזיין" ביי די בודיסטן, שטייגט איבער זיך אַריבער אין דער פערסישער רעליגיע פון ליכט, אין דער סירישער פון ליידן, אין דער עגיפּטישער פון סוד און דערהויבט זיך צו אַ ר ע ל י ג י ע פ ו ן ג ײ ס ט י ק ע ר א י נ ד י ו ו י ד ו אַ ל י ט ע ט, כדי דאָ אַרויסצוטרעטן פאַר אונז אַלס יידישע רעליגיע פון דערהויבנקייט, אַלס גריכישע רעליגיע פון שיינקייט און אַלס רוימישע רעליגיע פון דער צוועקמעסיקייט אָדער פון פאַרשטאַנד. אין ק ר י ס ט נ ט ו ם דערגרייכט דאַן די רעליגיעזע אַנטוויקלונג

איר העכסטע שטופע, זי ווערט די „אבסאָלוטע רעליגיע”. דאָ דערשיינט גאָט אין זיין אמת אַלס דער אַבסאָלוטער גייסט און במילא אַלס דרייאייניקער. אַלס פאָטער איז ער די אייביקע אידייע, וועלכע אַנטוויקלט זיך אַלס וועלט. אַלס זון איז ער די דערשיינענדיקע אידייע, אין וועלכער דאָס אייביקע קומט צום באַוווסטזיין פון זיך גופא. אַלס הייליקער גייסט איז ער דער גייסט פון דער עדה, וועלכע שליסט זיך אינערלעך צוזאַמען דורך דער פאַרמיטלונג פון זון מיטן פאָטער.

די קריסטוס-געשיכטע, ווי אַזוי זי לעבט אין דעם גלויבן פון דער עדה, איז די געשיכטע פון גאָט גופא, קלאָר מאַכנדיק פאַרן מענטשלעכן באַוווסטזיין זיין נאַטור אַלס גייסט, אַלס ליבע, אַלס פּרינציפּ, וואָס גלייכט אויס די צעצווייטקייט פון דער ענדלעכקייט. אין דעם ליגט די איינציקע באַשטעטיקונג פון איר אמתדיקייט, ווייל איר אויסערלעכער באַווייז דורך וווּנדער איז אַ גייסטלאָזער אופן פון באַשטעטיקונג. אָבער דער גייסטיקער אמת איז פאַרשידן אויך פון דער היסטאָרישער באַשטעטיקונג; דעריבער האָט זי קיין באַדייטונג נישט, שוין צוליב דעם נישט, ווייל זי איז מאַטעריעל. ווייל דאָס, וואָס זאָל זיין אַן אמת פאַרן גייסט, דאָס, וואָס ער זאָל גלויבן, קען נישט זיין קיין זינלעכער גלויבן, און העגעל געפינט שאַרפע ווערטער קעגן די-יעניקע, וועלכע פאַסן אויף קריסטוסן בלויז היסטאָריש און גלויבן, אַז אין דעם, אין זיין געשיכטלעכער פערזענלעכקייט, האָבן זיי דערקענט דעם מהות פון קריסטנטום. צום באַדויערן איז אָבער לגמרי נישט געלונגען זיין אייגענער ספּעקולאַטיווער באַווייז פאַר דער געשיכטלעכער פאַרווירקלעכונג פון דער אידייע פון דער גאָט-מענטשהייט און פאַר דער אויסגלייכונג אין נייעם קריסטוס. קריסטוס איז פאַר אים אינדעראמתן נאָר אַ סימבאָל; זיין פאַרצווייפלטער פּרווו צו ברענגען אין האַרמאָניע סימבאָל אוןווירקלעכקייט און דורכדעם צו דערווייזן די אמתדיקייט פון קריסטנטום אויף אַ ריין לאָגיש-באַגריפלעכן וועג, איז פולקאָמענסטע סכאָלאַסטיק (זע מיין נייע אויסגאַבע פון העגעלס רעליגיע-פילאָזאָפיע, 462 ז. און ווייט.). דער עכטער פּרינציפּ פון זיין

רעליגיאָנס-פילאָזאָפיע, דורך וואָס עס ווערט, לויט אים, דערגרייכט די אויסלייזונג פונם מענטשן און זיין אויסגלייכונג מיט גאָט, איז פאַר העגעלן די וועזנטלעכע אידענטיטעט פון ביידע, זייער איינהייט אין מענטשלעכן באַוווּסטזיין.

גאָטס וויסן וועגן מענטשן איז דעם מענטשנס וויסן וועגן גאָט. דאָס מענטשלעכע זעלבסטבאַוווּסטזיין איז דאָס באַוווּסטזיין פון מענטשן וועגן דעם געטלעכן מהות פון אייגענעם איך. די דערלייזונג און אויסלייזונג קומט צושטאַנד דורכדעם, וואָס דער מענטש דערהויבט דאָס באַוווּסטזיין פון דערדאָזיקער אידענטיטעט צום מיטל, כּדי גובר צו זיין די נאַטירלעכקייט, און זי פאַרווירקלעכט זיך פולשטענדיק נאָר דורכדעם, וואָס זי בלייבט נישט פאַרשלאָסן טיף אין האַרצן, וואָס זי בלייבט נישט בלויזער געדאַנק אָדער שטימונג, וואָס זי קומט נישט צום אויסדרוק בלויז אין מאָנאַכישן סיגוף, נאָר אויך אין דער גאַנצער ווירקלעכקייט, ד. ה. אָבער — אין דער זיטלעכקייט. 1) —

דאַן אָבער, ווען דער אַבסאָלוטער אינהאַלט, וואָס ליגט אין גרונט פון דער רעליגיע, ווערט אָנגעקליידט אין דער אים אַליין פּאַסיקער פאָרם פון באַגריף, איז דאָס — פילאָזאָפיע. מיט איר ווערט אָפּגעשלאָסן דער גאַנצער אַנטוויקלונגס-פּראָצעס פון גייסט, ווייל די זעלבסטדערקענטעניש פון גייסט, וואָס בילדעט זיין מהות, איז אויך דער מהות פון דער פילאָזאָפיע. דידאָזיקע איז — די זיך גופא דענקנדיקע אידייע, דאָס זיך גופא באַגרייפנדיקע וויסן, די פולקאָמענע אידענטישקייט פון עקזיסטענץ און וויסן, דאָס אַבסאָלוטע וויסן, וואָס באַקומט נישט זיין אינהאַלט פון דרויסן, נאָר עס אַנטוויקלט אים אַרויס אוממיטלבאַר פון זיך גופא מיט דער הילף פון דיאַלעקטישן מעטאָד. איר ווירקלעכקייט מאַכט אויס די גאַנצע סיסטעם פון דער פילאָזאָפיע, ווי העגעל האָט דאָס אויפגעוויזן. דאָס באַטראַכטן די אַנטשטייאונג פון דערדאָזיקער ווירקלעכקייט איז די געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע, וואָס איז אָבער נישט, אַלס אַזעלכע, אַ פּשוטער

1) זע מיין נייע אויסגאַבע פון העגעלס רעליגיע-פילאָזאָפיע.

חבור פון די אין דער געשיכטע אַרויסגעטרעטענע סיסטעמען פון די פילאָזאָפן, נאָר זי איז אַ זעלבשטענדיקע פילאָזאָפישע דיסציפלין, אויף וויפל זי ווייזט אויף די אידעאַלע נויטווענדיקייט אין דער אַנטשטייאונג פון די פילאָזאָפישע געדאַנקען און דורכדעם — די געזעצמעסיקייט און פאַרנונפטיקייט פון זייער היסטאָרישער אַנטוויקלונג. דערביי שטעלט זיך אַרויס, אַז די פאַרשידענע סיסטעמען פון דער פילאָזאָפיע אַנטשפּרעכן נישט נאָר די קאַטעגאָריעס פון דער לאָגיק, נאָר גלייכצייטיק שפּיגלען זיי אָפּ דעם עיקרדיקן אינהאַלט פון יענעם געשיכטס-פעריאָד, צו וועלכן זיי געהערן, און דורכדעם ברענגען זיי צום באַוווסטזיין אין אַ באַגריפלעכער פאָרם דעם קולטור-גייסט פון דער באַטרעפנדיקער אַנטוויקלונגס-שטופע. יעדע סיסטעם איז אמתדיק, אויף וויפל זי פאַרטרעט אַ מאָמענט פון אמת, וואָס געפינט זיך אַליין אויך אין אַנטוויקלונג, און פאַלש, אויף וויפל זי האַלט אים אין זיין איינזייטיקייט און פאַרנאַכלעסיקט די אים אַנטקעגנגעזעצטע מאָמענטן. די העכסטע און אמתדיקסטע פילאָזאָפיע איז די-יעניקע, וועלכע שאַפט דידאָזיקע אַלע מאָמענטן דיאַלעקטיש פון איר אייגענעם באַגריף, זי קאָנסערווירט זיי אַלס מאָמענטן פון איר גופא און גיט אַן אויסדרוק דער קאָנקרעטער גאַנצקייט פון דידאָזיקע אַלע איינזייטיקע באַגריפן. דאָסדאָזיקע רימט העגעל אַלס דעם וועזן פון זיין אייגענער פילאָזאָפיע, און אויף אַזוי ווייט האָט די אַנטוויקלונג פון דער פילאָזאָפיע דערגרייכט אין איר דעם ציל.

די העגעלשע פילאָזאָפיע איז די קאָנסעקווענטסטע ווייטער-אַנטוויקלונג, וואָס קאַנטס טראַנסצענדענטאַלער אידעאַליזם האָט באַקומען אויפן וועג איבער פיכטען און שעלינגן, גלייכצייטיק דער גראַנדיאָזער אָפּשלוס פון יענער גאַנצער ראַציאָנאַליסטישער געדאַנקען-ריכטונג, וואָס האָט זיך באַמיט זייט פלאַטאָנען צו געפינען אַ דערקענטעניש פון דער ווירקלעכקייט פין ריינער פאַרנונפט אַרויס און במילא פון אַפּאָדיקטישער זיכערקייט. 1).--

1) פאַרגל. לעאָפּאָלד ציגלער: דער מערב-ראַציאָנאַליזם און דער ערגאָס, 1905.

אַלס דער ערשטער ספּעקולאַטיווער פילאָזאָף, וואָס האָט אָנגעקניפּט אין שעלינגס אידענטיטעטס-פילאָזאָפיע און האָט פונדעסטוועגן זיך אָפּגעזאָגט פון דער אַפּאָדיקטישער זיכערקייט פון דער ווירקלעכקייטס-דערקענטעניש, קען באַטראַכט ווערן שלייערמאַכער.

שלייערמאַכער

פרידר. דאַניעל ערנסט שלייערמאַכער איז געבאָרן געוואָרן אין 1768-טן יאָר אין ברעסלאַו אַלס זון פון אַ רעפאָרמירטן פּרעדיקער. דערצויגן אין די לער-אַנשטאַלטן פון דער ברידער-געמיינדע אין ניזקי און באַרבי פאַרן טעאָלאָגישן שטודיום, האָט ער שטודירט אין האַלע, געווען הויז-לערער, דערנאָך פּרעדיקער אין לאַנדסבערג ביי דער וו. אין 1796 איז ער אָנגעקומען קיין בערלין אַלס פּרעדיקער אין דער שאַריטע, 1802 קיין שטאָלפּע און אין 1804 איז ער איינגעלאַדן געוואָרן אַלס אויסעראָרדנטלעכער פּראָפעסאָר פון טעאָלאָגיע און פילאָזאָפיע קיין האַלע. נאָכן שליסן דעם האַלעשן אוניווערזיטעט איז ער אַוועק קיין בערלין. דאָ האָט ער אין יאָר 1809 באַקומען דעם אַמט פון אַ פּרעדיקער ביי דער דרייאייניקייט-קירכע, און אין 1810 איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס פּראָפעסאָר פון טעאָלאָגיע ביי דעם ניי-געגרינדעטן אוניווערזיטעט און דאָ האָט ער געווירקט ביז צו זיין טויט אין 1834 אַלס דערפאָלגרייכער לערער און באַגרינדער פון אַ טעאָלאָגישער שולע, וועלכע פאַרערט אים אַלס דעם „גרעסטן טעאָלאָג פון 19-טן יאָרהונדערט". פון זיינע פילאָזאָפישע ווערק דאַרף מען קודם-כל דערמאָנען די „דיאַלעקטיק", וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין 1839 דורך יאָנאַסן, ווי אויך די „קריטיק פון דער ביזאיצטיקער זיטן-לערע" (1803). זיינע געזאַמלטע ווערק זענען דערשינענען אין די יאָרן 1835—1864.

אַלס פילאָזאָף קען זיך שלייערמאַכער נישט פאַרמעסטן מיט פיכטען, שעלינגן און העגעלן. עס פעלט אים ספּעקולאַטיווע קראַפט. זיין קאָמפּראָמיס-נאַטור, וואָס איז גענייגט אויסצוגלייכן

קעגנזאַצן, וועלכע איז שוין צו אָפּט מקריב די קאָנסעקוועגץ פון געדאַנק צוליב אַ ווייכהאַרציקער פאַרשלייערונג פון די סתירות, פאַרמינערט דעם ווערט פון זיינע פילאָזאָפישע אַרבעטן אין דער־זעלבער מאָס, אין וועלכער זי האָט געהאָלפן צו פאַרשטאַרקן זיין טעאָלאָגישע אָנהעגערשאַפט. פון טעאָרעטישן שטאַנדפּונקט איז צום אינטערעסאַנטסטן זיין דערקענטעניש־טעאָרעטישער שטאַנד־פונקט, ווי ער האָט אים אויסגעדריקט אין זיין „דיאַלעקטיק". דאָ האָט ער, אין קעגנזאַץ צו שעלינגן (וועלכן ער האָט גענומען אַלס אויסגאַנגס־פּונקט), פּרובירט צו באַגרינדן אַ טראַנס־צענדענטאַלן רעאַליזם און פון 1801—1804 האָט ער ווייטער־אַנטוויקלט אויף אַן אייגנאַרטיקן און באַדייטנדיקן אופן די אידענטיטעטס־פילאָזאָפיע.

יעדעס וויסן איז אַ דענקען. אָבער נאָר דאָסיעניקע דענקען איז אַ וויסן, וואָס אַנטשפּרעכט אַן עקזיסטענץ, וועגן וועלכער עס ווערט געדענקט. יעדעס דענקען באַזירט אויף דער קעגנזיי־טיקער דורכדרינגונג פון דער „אינטעלעקטועלער" און דער „אָר־גאַנישער" פונקציע פון דענקנדיקן סוביעקט, פון וועלכע דידאָזיקע ליפערט אונז מיט די עמפּינדונגען דעם כאַאָטישן שטאָף, בעת יענע פאָרמט אים צו דער איינהייט און באַשטימטקייט פון געדענקטן. אין דער עקזיסטענץ אַנטשפּרעכט דער אינטעלעקטועלער טעטיקייט דאָס אידעאַלע, דער אָרגאַנישער טעטיקייט — דאָס רעאַלע. דאָס הייסט, אַז כּדי עס זאָל מעגלעך זיין אַ האַרמאָניע צווישן עקזיסטענץ און דענקען און במילא אַ וויסן, מוזן עקזיס־טענץ און דענקען זיין פּונקט אַזוי אידענטיש, ווי אין דענקען די אינטעלעקטועלע און אָרגאַנישע פונקציע און אין דער עקזיס־טענץ — דאָס אידעאַלע און דאָס רעאַלע. די האַרמאָניזירונג פון ביידע גלידער פון קעגנזאַץ, דאָס הייסט, אַז די רעאַלע עקזיס־טענץ אַלס אויסערלעכעס שטענדיקעס און די אידעאַלע אַלס אינערלעכעס זענען, נישט געקוקט אויף זייער קעגנזעצלעכקייט, אידענטיש, נאָר בלויז אויף אַן אַנדער אופן, — דאָס איז די גרונד־פאָראויסזעצונג פון יעדן וויסן. און באמת, אין אונזער אייגענעם זעלבסטבאַוווסטזיין לעבן מיר אוממיטלבאַר איבער די

אידענטיטעט פון עקזיסטענץ און דענקען, פון רעאַלן און אידעאַלן דאָס דענקען פון דער עקזיסטענץ איז צוגלייך אָביעקטיוו און סוב־יעקטיוו, „זיין" איז גלייך צו באַוווסט-זיין.

צום באַדויערן בלייבט אונזער דערקענטעניש פון דער אַב־סאָלוטער אידענטיטעט פון די קעגנזאַצן אויף אַזוי ווייט נישט אַדעקוואַט, אַז מיר שטייגן דערביי נישט אַריבער דעם דואַליזם פון דער אָרגאַנישער און דער אינטעלעקטועלער פונקציע, פון זינלעכקייט און פאַרשטאַנד. מיר פאַרמאָגן נישט קיין באמת אַדעקוואַטע דערקענטעניש און במילא אויך נישט קיין אַבסאָלוטן וויסן וועגן דער אַבסאָלוטער אידענטישקייט פון אידעאַלן און רעאַלן, וואָס שטייט איבער אַלע קעגנזעצלעכקייטן. זי איז טראַנס־צענדענט, דאָס הייסט עפּעס אַזוינס, וואָס מיר זעען קיינמאָל נישט אָן, נאָר מיר קענען דאָס בלויז פאָראויסזעצן אין יעדן דענקען, בעת אַלס אַזעלכע בלייבט זי תמיד הינטער דעם פאַר־האַנג פון באַוווסטזיין. זי איז כּמעט דענקען אָן אַבסאָלוט-נויט־וועניקע, אָבער גלייכצייטיק אויך אָן אומפאַרווירקלעכבאַרע אידייע; זי איז די פאָראויסזעצונג פון יעדן וויסן, די סיבה פון יעדער געוויסהייט, אויף וואָס יעדעס וויסן באַזירט און פון וואָס עס ווערט באַגלייט, אָבער גראָד דערפאַר איז זי בלויז אָן אידעאַל פון וויסן, וואָס ווערט תמיד נאָר געזוכט, אָבער קיינמאָל נישט געפונען, אַן אידעאַל, צו וועלכן מיר דערנענטערן זיך פון די פאַרשידנסטע זייטן אין אַ פאַרשידנסטער מאָס, וועלכן מיר וועלן אָבער קיינמאָל נישט קענען באַשטימען גענטער מיט אונזער געדאַנק, ווייל אונזער דענקען איז געבונדן צו דער אָר־גאַנישער טעטיקייט און דורכדעם צום קעגנזאַץ פון יענער אידענ־טישקייט, ווייל אונזער באַוווסטזיין איז אין זיך קעגנזעצלעך געשפּאָלטן. ווען מיר באַצייכענען מיטן נאָמען גאָט יענע אידענ־טישקייט פון אידעאַלן מיטן רעאַלן אָדער פון אַבסאָלוטער עקזיס־טענץ, הייסט עס, אַז גאָט געפינט זיך איבער יעדער קעגנזעצלעכ־קייט און במילא אויך איבער יעדער מעגלעכקייט גענוי באַשטימט צו ווערן. מיר ווייסן וועגן אים נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל מיר זענען ער גופא אָדער מיר פאַרמאָגן אים אין זיך, ד. ה.

מיר ווייסן וועגן אים אויפן זעלבן אופן, ווי וועגן אונזער „איך". ער איז דער אַבסאָלוטער סוביעקט, וועגן וועלכן עס לאָזט זיך באַרנישט זאָגן, ווייל יעדע זאַך, וואָס ווערט געזאָגט וועגן אים, ווערט אים אָראָפּשלעפּן אין דער ספערע פון רעלאַטיווקייט און במילא פאַרענדלעכן, גאָט אָבער איז דאָס אַבסאָלוטע. אויב מען פאַרשטייט אונטערן נאָמען וויסנשאַפט אַן אַפּאָדיקטיש-זיכערעס וויסן, איז די דיאַלעקטיק קיין וויסנשאַפט נישט אין אייגנטלעכן זינען פון דאָזיקן וואָרט, נאָר גיכער בלויז אַ קונסט-לערע וועגן דענקען, אַ מין פירער צו פילאָזאָפירן, ד. ה. — צו קונסט-אַרטיקן שמועסן.

היות גאָט קען נישט, לויט זיין מהות נאָך, גענוי דעפינירט ווערן, איז במילא זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַלע באַגריפן, וועלכע דאָס רעליגיעזע באַוווסטזיין האָט אויפגעשטעלט וועגן אים, האָבן נישט קיין רעאַלע באַדייטונג. גאָטס אַזויגערופענע אייגנשאַפטן זענען העכסטנס בלויז סוביעקטיווע אָפּשפּיגלונגען פון קעגנזאַצלאָזן געטלעכן וועזן אין מענטשלעכן זעלבסטבאַוווסטזיין. דאָס איז גילטיק אויך פאַרן באַגריף פון דער פּערזענלעכקייט. שלייערמאַכער וואָלט בעסער געוואָלט פאַרבייטן דעם-דאָזיקן באַגריף דורך דעמיעניקן וועגן גאָטס לעבעדיקייט, וואָס איז טאַקע אויך אָנגענומען געוואָרן מיט דאַנקבאַרקייט דורך זיינע טעאָלאָגישע אָנהענגער, אָבער ס'איז דאָך נאָר אַ פוסטע און זינלאָזע טויטאָלאָגיע. לויט שלייערמאַכערן פאַלט אגב גאָט צונויף מיט דער וועלט, פונקט ווי אין דער סיסטעם פון שפּינאָזאַ, וועלכן ער האָט פאַרערט. גאָט און וועלט זענען אין אַ געוויסן זינען קאָרעלאַטיווע באַגריפן. קיין איינס פון דיביידע קען נישט געדענקט ווערן אָדער עקזיסטירן אָן דאָס צווייטע. די וועלט איז די פיל-צעשפּליטערטע דערשיינונג פון גאָטס מהות, גאָט איז די איינהייטלעכע סיבה און די סובסטאַנץ פון דער וועלט. וועגן אַ צייטלעכן באַשאַפן די וועלט אין קריסטלעכן זינען קען אַזוי אַרום פונקט אַזוי ווייניק זיין די רייד, ווי וועגן גאָטס אָדער די אינדיווידואומס פרייהייט און אַ פּערזענלעכער אומשטערבלעכקייט. אַלץ געשעט נויטווענדיקערהייט. גאָטס ווירק-

זאמקייט איז דיווירקלעכקייט, וואָס ווערט באַשטימט דורך דער נאַטור-געזעצלעכקייט. די אינדיווידועןן זענען נאָר פאַרענדערלעכע צושטאַנדן, פאַריבערגייענדיקע דערשיינונגען אין לעבן פון קאָס-מאָס. דער אופן, ווי אַזוי שלייערמאַכער האָט פאַרשטאַנען צו ברענגען אין אַ פּלומרשטן הסכּם דעמדאָזיקן דורך און דורך נישט-קריסטלעכן, נאָכמער, אַנטיקריסטלעכן שפּינאָזיסטיש-געפאַרבטן פּאַנטעאיזם (אין זיין „גלויבן-לערע” 1821/22) מיט די אָנשויאונגען פון דער קריסטלעכער דאָגמאַטיק און צו פאַרטושירן די עיקר-דיקע סתירה צווישן ביידע, איז כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין גע-דאַנקלעכער עלאַסטישקייט און צופּאַסונגס-פעאיקייט. —

שלייערמאַכערס אייגנטלעכע פילאָזאָפישע באַדייטונג ליגט אויפן געביט פון דער רעליגיאָנס-פילאָזאָפיע און עטיק. דער רעליגיעס מהות ליגט אין געפיל, ווייל נאָר אין דאָזיקן שפּירן מיר אוממיטלבאַר גאָט. די פילאָזאָפיע פון דער רעליגיע איז דעריבער ביי שלייערמאַכערן נישט ווי ביי העגעלן אַ לערע וועגן גאָט, נאָר אַ פּרווו צו אַנטוויקלען די פאָראויסזעצונגען פון סוביעקטיוון געפיל אָדער צו מאַכן זיך אָביעקטיוו. אַלס צושטאַנד-באַוווסטזיין אין קעגנזאַץ צום זאַכלעכן באַוווסטזיין, ווי דאָס איז דיקטירט דורכן וויסן, איז יעדע רעליגיע אַלס אַזעלכע — פרומ-קייט, גענויער זיך אויסגעדריקט — דאָס געפיל פון „סתם אָפּ-העגגיקייט” פון גאָט (פון וועלכן יעדע עקזיסטענץ איז אָפּ-העגגיק), פון יענער אַבסאָלוטער וועלט-איינהייט, אין וועלכער ס'ווערט אויפגעלייזט יעדע באַשטימטקייט. אין פרומען געפיל געניסט דער רעליגיעזער מענטש זיין איינהייט מיט דעם קאָסמאָס און לעבט מיט זיין לעבן. היות אָבער יענער געפיל איז דאָך תּמיד בלויז זיין געפיל, איז במילא יעדעס רעליגיעזע לעבן פון ריין-אינדיווידואַליסטישער נאַטור. אויב עס עקזיסטירט אַפילו אַ קירכע מיט באַשטימטע דאָגמען און אַ קולט, האָבן זיי נישט קיין אַבסאָלוט-פאַרפליכטנדיקן און באַשטימענדיקן כאַראַקטער פאַרן אינדיווידואום, ווי די וויסנשאַפט מיט אירע הנחות, נאָר בלויז אַ צייט-ווייליקע פּראַקטישע באַדייטונג, נאָכמער, מען קען האָפן, אַז די רעליגיע וועט מיט דער צייט זיך מער נישט נויטיקן אין דער קירכע.

די פּאָזיטיווע רעליגיעס באַזירן אויף דעם פאַרלאַנג אויף אַ וואָסער נישט איז אופן אויסצולייגן דעם אייגענעם אָביעקטיוון געפיל. זיי הייסן די „התגלות-רעליגיעס“ אויף וויפל זיי זענען געגרינדעט געוואָרן דורך איינצלנע באַדייטנדיקע פּערזענלעכקייטן. די „רעליגיעזע העלדן“ זענען אַזעלכע אינדיווידועז, אין וועלכע עס פלאַמט אויף, אין שייכות מיטן קאָסמאָס, אַ ניי, אייגנאַרטיק, רעליגיעז געפיל און ווערט אַ באַשטימענדיקע לעבנס-מאַכט, וואָס רייסט מיט זיך מיט אויך זייער סביבה. אין דאָזיקן זינען איז די „זינלאָזע“ פּערזענלעכקייט יעזוס דער גרינדער פון קריסטנטום. די אמתע נאָכפאָלגשאַפט באַשטייט לגבי יעזוסן, ווי לגבי אַלע רעליגיעזע העלדן, אין דעם, צו פאַרזינקען מיט קאָנגעניאַלער עמפינדונג אין זיין פרומען געפיל און לויט דעם צו באַשטימען דאָס אייגענע האַנדלען [1].

אַלס עטיקער האָט שלייערמאַכער, באַזונדערס אין זיין יוגנט, ביז גאָר שאַרף באַטאָנט דעם באַגריף פון דער אינדיווידואַליטעט, און די זיטלעכע אויפגאַבע איז פאַר אים באַשטאַנען אין דעם, וואָס יעדער איינער, וועלכער פאַרמאָגט אַ געוויסע אינדיווידועלע אייגנאַרטיקייט, דאַרף האַרמאָניש אַנטוויקלען זיינע אייגנשאַפטן. דאָס זיטלעכע לעבן באַשטייט אין האַרמאָניע און אין פאַרבונדנקייט מיט דעם כלל פון קולטור-לעבן און אין אויסבילדן זיך צו אַן אייגנאַרטיקער פּערזענלעכקייט דורך פאַראַרבעטן די אייגענע עיקרדיקע מאָמענטן. גענויער האָט שלייערמאַכער באַהאַנדלט זיינע עטישע אָנשויאונגען אין זיין „סיסטעם פון דער זיטלעכער לערע“. די עטיק דערשיינט דאָ דער עיקר אַלס גיטערלערע, און דידאָזיקע באַהאַנדלט די אַזויגערופענע „עטישע אָרגאַניזמען“ — מלוכה, געזעלשאַפט, אוניווערזיטעט, קירכע — אַלס באַזונדערע פאָרמען פון דער מענטשלעכער לעבנס-געמיינשאַפט,

---

1) ס'איז לייכט צו דערקענען אין דאָזיקן שלייערמאַכערישן געדאַנק דעם דענק-אופן פון דער מאָדערנער פּראָטעסטאַנטישער יעזוס-ראָמאַנטיק, וועלכע זיי שפּילן אויך אויס אין קאַמף אַרום דעם „קריסטוס-מיט“ קעגן דעם פאַרלייקענען דעם געשיכטלעכן יעזוס.

דורך וואָס דאָס אַזויגערופענע העכסטע גוטס, די איינהייט פון נאַטור און פאַרנונפט, ווערט געשיכטלעך פאַרווירקלעכט.

כר. פר. קראַוזע

אָנקניפּנדיק אין שעלינגס אידענטיטעטס-פילאָזאָפיע, האָט אויך קאַרל כריסטיאַן פרידריך קראַוזע (1781—1832) אַנטוויקלט זיין סיסטעם. ער איז געווען אַ דאָצענט אין יענאַ, דרעזדען און געטינגען, אַ גרויסמוטיקע, איידעלע, אָבער אומפּראַקטישע נאַטור און פאַרפאָלגט אַ גאַנץ לעבן פון אומגליק איז ער געשטאָרבן אין נויט אין מינכען.

זיין פילאָזאָפיע, ווי ער האָט זי אויסגעבילדעט אין זיין „סקיץ פון אַ סיסטעם פון דער פילאָזאָפיע" (1804), אין דעם „אור-בילד פון דער מענטשהייט" (1812), אין די „פאָרלעזונגען איבער דער סיסטעם פון דער פילאָזאָפיע" (1828) און אַז. וו., וואָלט אפשר אַרויסגערופן צו זיך אַ גרעסערע אויפמערקזאַמקייט, ווען ער וואָלט נישט געהאַט דעם קאַפּריז צו פאַרבייטן די אָנגענומענע פרעמדלענדישע טערמינאָלאָגיע דורך אַ ריין-דייטשישן, אָבער אַ ווילקירלעכן און צום טייל ביז גאָר ווונדערלעכן אויסדרוק-אופן. ווען מען באַזייטיקט דידאָזיקע שטערונג ווייזט זיך אַרויס, אַז זיין וועלטאָנשויאונג איז מער-ווייניקער אָריגינעלער, ווי דאָס זעט אויס ביים ערשטן בליק, און שטעלט פאָר, אין תוך גענומען, אַ צוריקקער צום שטאַנדפּונקט פון דער אויפקלערונגס-פילאָזאָפיע (לייבניץ).

דער אינטואיטיוו-אַנאַליטישער הויפּט-טייל פון זיין פילאָזאָפיע זוכט, ענלעך ווי דעקאַרט, אַרויסצודרינגען די פּרינציפּן פון דער סיסטעם פון דער גרונדאָנשויאונג פונם „איך". אין דערדאָזיקער זעט זיך יעדער איינער אַלס אַ פאַראייניקונג פון אַ פאַרנונפט-וועזן און אַ נאַטור-וועזן, אָבער גלייכצייטיק באַגרעניצט דורך אַנדערע ענלעכע וועזנס. אָבער פאַרנונפט און נאַטור באַגרעניצן זיך אויך קעגנזייטיק, הגם זיי זענען, יעדער אויף זיין שטייגער, אומענדלעך. דערפון דרינגט אַרויס, אַז דידאָזיקע אַלע קעגנזאַצן

זענען מרמז אויף אַ העכסטן, אומבאַגרעניצטן אָדער אַבסאָלוטן וועזן, וועמעס טיילן אָדער זייטן זיי בילדן, און וועלכעס שטעלט פאָר מיט זיך די סיבה פון זייער פאַראייניקונג, ווי אויך פון זייער קעגנזייטיקער ווירקונג אין דער מענטשהייט. דאָסדאָזיקע וועזן איז — גאָט. זיין ווירקלעכקייט איז אין דער אינטעלעקטועלער אָדער וועזן-אָנשויאונג אַזאַ זיכערקייט, ווי די ווירקלעכקייט פונם „איך", נאָכמער, די גרונדאָנשויאונג פונם „איך" איז נאָר דער-פאַר אַ זיכערקייט, ווייל זי ווערט פאַרמיטלט דורך דער אומ-מיטלבאַרער זיכערקייט פון גאָט. מיר זעען זיך גופא און אַלע געגנשטאַנדן — אין גאָט. גאָט איז די איינציקע אומענדלעכע, אַלע סתירות אין זיך איינשליסנדיקע און פאַראייניקנדיקע אַב-סאָלוט-זיכערע עקזיסטענץ, אין וועלכער אויך נאַטור און פאַר-נונפט בילדן, ווי ביי שעלינגן, גלייכבאַרעכטיקטע און נעבנאַנאַנ-דער געאָרדנטע זייטן פון זיין וועזן.

אויב דאָסדאָזיקע דרינגט אַרויס פון זיין האַרמאָניע מיטן „איך", מוזן אויך זיינע איבעריקע באַגריפן אַרויספליסן פונם „איך". ער איז, אַזוי אַרום, פונקט אַזוי זעלבשטענדיק, פריי, ווי דער „איך", און היות ווי ער פאַרמאָגט אויף אַזאַ אופן אויך זעלבסטבאַוווסטזיין, מוז ער באַצייכנט ווערן אויך אַלס פּערזענ-לעכקייט. גאָט איז אַבסאָלוטע פּערזענלעכקייט, אָבער נישט מחוץ דער וועלט, אויך נישט אַלס וועלט (שפּינאָזאַ), נאָר גיכער אויף אַזאַ אופן, אַז די וועלט, — דער סכום פון אַלע ענדלעכע וועזנס, — איז אין גאָט, אונטער גאָט און דורך גאָט, אַן אויפפאַסונג, וואָס דערמאָנט אין מאַלבראַנשן, און פאַר וועלכער קראַוזע האָט גע-שאַפן דעם אויסדרוק פּ אַ נ ע נ ט ע א י ז ם (אַלאינגאָטלערע), אַלס פאַראייניקונג פון טעאיזם און פּאַנטעאיזם.

אין דער צווייטער סינטעטיש-דעדוקטיווער הויפּט-טייל פון דער קראַוזישער פילאָזאָפיע איז צום ווערטפולסטן די געשיכטס-פילאָזאָפיע. זי טראָגט איבער דעם באַגריף פון לעבנס-עלטער אויף דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג און באַמיט זיך אויפצוווייזן, ווי סיי דאָס לעבן פון די יחידים, סיי דאָס לעבן פון די פעלקער מאַכן דורך די גלייכע פאַזן צו שלימות און צום אונטערגאַנג,

דער טויט איז אָבער נאָר אַן איבערגאַנג צו אַ נײַ לעבן, אין וועלכן עס קומט ווייטער פאָר דער אַלטער פּראָצעס, נאָר אויף אַ העכערער שטופע. דערבײַ טרוימט קראַוזע אין שייכות מיט די פרײַמויערישע אידייען וועגן אַ מענטשהייטס-בונד, וואָס נעמט אַרום נישט נאָר די ערדישע מענטשהייט, נאָר אויך די אײַנוווינער פון אַלע וועלט-קערפּערס און אין אומענדלעכער אַנטוויקלונג שליסט ער זיי צוזאַמען צווישן זיך און מיט גאָט אין אַלץ העכערע און גײַסטיקערע גרופּן. און האַנט בײַ האַנט מיט דעמדאָזיקן עוואָלוציאָניסטישן גייט בײַ אים אויך אַן אוידאָ-מאָנאָלאָגישער אָפּטימיזם, וואָס דערמאָנט שטאַרק אין דעם ראַציאָנאַליזם פון דער אויפקלערונגס-עפּאָכע אויך דערמיט, וואָס ער נעמט צו בײַ דער רעליגיע איר טיפסטן אינהאַלט — דעם געדאַנק וועגן אויסלייזן פון שלעכטס און שולד, און פאַרוואַנדלט זי אין אַ פאַרנעפּלטן ענטוזיאַזם פאַר דער אידייען-טריאָ גאָט, פרייהייט און אומשטערבלעכקייט. —

דיזעלבע צוריקלויפנדיקע באַוועגונג פון דער אידענטיטעטס-פילאָזאָפיע צו דער וועלטאַנשויאונג פון דער אויפקלערונגס-צייט, וועלכע מיר האָבן געזען בײַ קראַוזען, טרעפן מיר אויך בײַ הערבאַרטן.

הערבאַרט

יאָה. פרידר. הערבאַרט איז געבאָרן געוואָרן אין 1776 אין אָלדענבורג, אין 1794 איז ער אַרײַנגעטראָטן אין אוניווערזיטעט אין יענאַ, ווו ער איז געקומען אין באַרירונג מיט פיכטען, און אין קעגנזאַץ צום דאָזיקן האָט ער באַטאָנט די נויטווענדיקייט אומצוקערן זיך פון ספּעקולאַטיוון אידעאַליזם צו קאַנט און וואָלף. אַלס הויז-לערער אין דער שווייץ האָט ער זיך באַקענט מיטן פּעדאַגאָג פּעסטאַלאָצי, אין 1802 האָט ער געהאַלטן לעקציעס אין געטינגען, אין 1809 איז ער אײַנגעלאַדן געוואָרן אַלס פּראָפעסאָר קיין קעניגסבערג, אין 1833 איז ער צוריק אײַנגעלאַדן געוואָרן קיין געטינגען, ווו ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1841 אַלס ראש

פון אַ שולע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אויסצובילדן אַרום אים. זיינע וויכטיקסטע שריפטן זענען דער „לערנבוך אַריינצופירן אין דער פילאָזאָפיע" (1813), די „אַלגעמיינע מעטאַפיזיק" (1829), ווי אויך די „פּסיכאָלאָגיע אַלס וויסנשאַפט" (1824/25).

אין קעגנזאַץ צו דער אידענטיטעטס-פילאָזאָפיע מיט איר פּרינציפּ פון אינטעלעקטועלער אָנשויאונג, איר פּאַראַכטונג פון דער רעפלעקסיע און איר באַמיאונג אַרויסצושפּינען דעם גאַנצן אינהאַלט פון דערווירקלעכקייט אוממיטלבאַר פון דער אידענטיטעט פון עקזיסטענץ און דענקען, באַצייכנט הערבאַרט די פילאָזאָפיע אַלס באַגריף-וויסנשאַפט, אַלס באַאַרבעטונג אָדער פאַרדייטלעכונג פון די באַגריפן אין וואָלפס זינען און דערביי טרעט ער אַרויס קודם-כל קעגן פּאַרמישן דעם ספּעקולאַטיוון און עמפּירישן שטאַנדפּונקט, ווי דאָס האָט געבראַכט מיט זיך די אידענטיטעטס-פילאָזאָפיע. די ווירקלעכקייט, וואָס מיר נעמען אויף אוממיטלבאַר, ד. ה., די דערפאַרונגס-וועלט, איז פול מיט סתּירות און במילא פאַרמאָגן סתּירות אויך די באַגריפן, וואָס מיר באַקומען פון איר. אָבער די דאָזיקע ווירקלעכקייט איז מרמז אויף אַן אַנדער ווירקלעכקייט, וואָס איז פאַרשידן פון איר, אויף אַ וועלט פון זאַכן פאַר זיך, וועלכע מיר באַנעמען נישט, אמת, אוממיטלבאַר, אָבער איר עקזיסטענץ און אייגנשאַפט קענען מיר אומדירעקט דערקענען. און מיר טוען דאָס אויפן סמך פון צוואַנג, וועלכן זי איבט אויס אויף אונז, און וועלכער באַציט זיך נישט בלויז אויפן שטאָף פון דער דערפאַרונג, ווי קאַנט האָט געמיינט, נאָר אויך אויף דער פאָרם פון דער דערפאַרונג.

דאָס אוממיטלבאַר געגעבענע איז — דערשיינונג, אַ סתּירות-דיקע דערשיינונג און אין דאָזיקן זינען אַ בלויזע אילוזיע. אָבער וויפל אילוזיע — אַזוי פיל רמז אויף אַ עקזיסטענץ, ד. ה., אַ ווירקלעכקייט, וואָס איז פריי פון סתּירות. בעת דער אַבסאָלוטער אידעאַליזם דערקלערט די סתּירות פון דער ווירקלעכקייט גופא פאַר עפּעס, וואָס געהער צום וועזן פון דער עקזיסטענץ און העגעל פּראָקלאַמירט די רעאַליטעט פון דער סתּירה אַלס העכסטן פּרינציפּ פון דער אַנטוויקלונג, איז פאַר הערבאַרטן דאָקעגן די

ווירקלעכקייט אַלס אַזעלכע פריי פון סתירות. די פון העגעלן
באַזייטיקטע הנחה וועגן דער אידענטיטעט אָדער פון דער
סתירה איז דאָס גרונד-געזעץ פון דער לאָגיק. די אויפגאַבע
פון דער פילאָזאָפיע באַשטייט אין גובר זיין די סתירות,
וואָס ליגן אין די געגעבענע באַגריפן, דורך פאָרמאַלן דענקען
(רעפלעקסיע), כדי דורכדעם צו דערקענען די אמתע ווירקלעכ-
קייט, דעם וועזן פון די זאַכן. נישט געקוקט אויף דער אום-
דירעקטקייט פון דערדאָזיקער דערקענטעניש האַלט הערבאַרט די-
דאָזיקע לעצטע פאַר אַן אַפּאָדיקטיש-זיכערע. אַז ער איז נאָך באַ-
הערשט פון דער אַבסאָלוטער פילאָזאָפיע באַווייזט דער פאַקט,
וואָס ער מיינט, אַז מאַכנדיק אַן אויספיר פון דער דערשיינונג
אָדער דער אילוזיע וועגן דער עקזיסטענץ, וואָס ליגט אין איר
גרונד, דערקענט ער דורכדעם דעם וועזן פון דער עקזיסטענץ
גופא, ד. ה., אַז ער פאַרבייט דעם דערקענטעניש-טעאָרעטישן באַ-
גריף פון דער זאַך פאַר זיך מיט דעם מעטאַפיזישן באַגריף פון
וועזן. דער רעזולטאַט פון דערדאָזיקער פאַרבייטונג איז זיין *מעטאַ-*
פיזישער פלוראַליזם, דאָס אָננעמען אַ פילקייט פון זעלב-
שטענדיקע מעטאַפיזישע וועזנטלעכקייטן אין קעגנזאַץ צום מאָניזם
פון דער אידענטיטעטס-פילאָזאָפיע. וואָרום אויב די פאַרשיידנ-
אַרטיקייט פון דער דערפאַרונג איז, ווי געזאָגט, מרמז אויף דער
פילקייט-נאַטור פון דער עקזיסטענץ, און אין איר איז שוין דאָ
דער מהות פון די זאַכן גופא, מוז דאָך דער פילאָזאָף אויף
אַ נאַטירלעכן אופן אָפּזאָגן זיך פון פרווו אַרויסצופירן די פילקייט
פון דער עקזיסטענץ פון איין העכסטן פרינציפּ, פון אַ געמיינ-
זאַמען וועזן פון די זאַכן.

עקזיסטענץ איז אַבסאָלוטע פּאָזיציע. קיין שום אַנדערער
האָט דאָס נישט געשאַפן, עס איז אַבסאָלוט אַפירמאַטיוו, אָן
נעגאַציע און רעלאַציע, עס איז אַבסאָלוט איינפאַך און אומפאַר-
ענדערלעך. אין דעם ליגט, לויט הערבאַרטן, די לייזונג פון דער
ערשטער גרונד-סתירה, וואָס פאַלט אונז גלייך אויף אין דער
דערפאַרונג, פון דער סתירה צווישן די זאַכן און זייערע אייגנ-
שאַפטן. דאָס, וואָס דערשיינט פאַר אונז אַלס אַזאַ געגנשטאַנד,

איז אַלס עקזיסטענץ אָדער אין דער ווירקלעכקייט אַ מערהייט רעאַלע וועזנס, וואָס יעדעס איינע פון זיי פאַרמאָגט אַ איינפאַכע קוואַליטעט און אין זייער צוזאַמענזיין שטעלן זיי זיך אונז פאַר אַלס איין געגנשטאַנד מיט אַ סך אייגנשאַפטן. דידאָזיקע אייגנ־שאַפטן זענען נאָר די שייכותן, אין וועלכע די איינפאַכע רעאַלע וועזנס געפינען זיך צואַנאַנדער.

אָבער אויך די צווייטע גרונד־סתירה, וואָס אַ געגנשטאַנד נעמט אָן פאַרשידענע געשטאַלטן אָדער פאַרענדערט זיך, געפינט איר לייזונג דורך דעם, וואָס מען נעמט אָן די איינפאַכע, נאָר קוואַליטאַטיוו־פאַרשידענע רעאַלע. די איינצלנע רעאַלע אַלס אַזעלכע זענען טאַקע אומפאַרענדערלעך, אָבער דורך זייער צוזאַמענזיין און דעם קעגנזאַץ פון זייערע קוואַליטעטן אַנטשטייט די אילוזיע פון דער פאַרענדערונג, ווייל יעדער פון זיי באַמיט זיך אָפּצוּווערן די שטערונגען, וואָס דראָען אים מצד די אַנדערע, און אויפהאַלטן זיך אין זיין איינפאַכקייט.

יעדעס ווירקלעכעס געשעען איז אַזוי אַרום אַ זעלבסט־דערהאַלטונג קעגן אַ נעגאַציע. דורכדעם אָבער ענדערן זיך נאָר די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן די געגנשטאַנדן, אָבער נישט דידאָזיקע גופא. אויב עס דאַכט זיך אונז, אַז די פאַר־ענדערונג באַרירט די געגנשטאַנדן גופא, איז דאָס נישט מער ווי אַן אילוזיע, אַ „צופעליקע מיינונג", און די אויפגאַבע פון דער מעטאַפיזיק, פון דער פילאָזאָפישער באַאַרבעטונג פון די באַגריפן באַשטייט טאַקע דערין, אויסצוגעפינען דעם אמתן כאַראַקטער פון דערדאָזיקער מיינונג. ווי אין די דערמאָנטע פאַלן, געפינען אויך אַלע איבעריקע סתירות פון דער דער־שיינונגס־וועלט זייער לייזונג דורכדעם, וואָס מען שטעלט זיך פאַר דעם סתירותדיקן געגנשטאַנד נישט אַלס איינעם, נאָר אַלס פילקייט. דאַן אַנטשטייט פון דעם צוזאַמענזיין אָדער פון די שייכותן פון דידאָזיקע פילע צואַנאַנדער די באַטרעפנדיקע אילוזיע, וועלכע שטעלט אָבער פאַר מיט זיך נישט עפּעס אַנדערש ווי אַ „צופעליקע מיינונג". דאָס איז די „מעטאָדע פון די שייכותן", ווי הערבאַרט רופט זי אָן. זי באַשטייט אין

דעם, וואָס די גאַנצע אין זיך סתּירותדיקע דערשיינונגס־אָדער אילוזיע־וועלט ווערט אויפגעפאַסט אַלס אַ ריין־סוביעקטיווע אָפּשפּיגלונג און פאַרקריפּלונג פון אַ סתּירהלאָזן „פאַר זיך״ פון די געגנשטאַנדן אויפן גרונד פון די שייכותן צווישן דידאָזיקע לעצטע צואַנאַנדער.

עס קומט אַלזאָ אויס, אַז לויט הערבאַרטן באַשטייט די ווירקלעכקייט אין איר אמתער נאַטור פון נישט קיין אומענדלעכער, אָבער דאָך זייער גרויסער פילקייט פון איבערזינלעכע רעאַלן (מאָנאַדן) און פון זייער באַמיאונג איינצוהיטן די איינפאַכע קוואַליטעט, וואָס מאַכט אויס זייער עקזיסטענץ, קעגן אויסערלעכע שטערונגען. אָבער אויך דער רוים און די צייט געהערן דאָך צו די „צופעליקע מיינונגען״ און מוזן אַזוי אַרום פאַרמאָגן סתּירות. דעריבער קען זיך נישט אָפּשפּילן יענע שפּיל פון די זעלבסטדערהאַלטונגען און שטערונגען פון די רעאַלן אין דעם געוויינלעכן אַזויגערופענעם רוים און אין דער געוויינלעכער אַזוי־גערופענער צייט, נאָר בלויז אין אַ „אינטעליגיבלן רוים״ און אין אַ „אינטעליגיבלער צייט״, וועלכע דער פילאָזאָף איז באַמיט צו קאָנסטרואירן אויף אַ גאָר קינסטלעכן און געקווילטן אופן אַלס שטאַרעס נעבנאַנאַנדער פון דיסקרעטע פונקטן.

די הויפּט־שוועריקייט פון דערדאָזיקער גאַנצער אויפפאַסונג, וואָס ליגט איבער אַלע סתּירות פון דער אָביעקטיוו־רעאַלער אין דער סוביעקטיוו־אידעאַלער וועלט פון באַוווּסטזיין, באַשטייט אין פאַרענטפערן די פראַגע, פונוואַנעט דערנעמען זיי זיך אין איר. דער טרעגער פון דער באַוווּסטזיינס־וועלט, די נשמה, וועלכע זאָל, לויט הערבאַרטן, האָבן איר באַוועגלעכן זיץ־אָרט אין מוח, איז דאָך אַליין אויך אַ רעאַלעס וועזן, דאָס הייסט, אָן אַ אינערלעכער פאַרשיידנאַרטיקייט, אומפאַרענדערלעך, פון אַבסאָלוט־איינפאַכער קוואַליטעט, און אירע פאָרשטעלונגען זענען נאָר די זעלבסטדערהאַלטונגען אין איר צוזאַמענהאַנג מיט די איבעריקע רעאַלן, צו וועלכע עס געהער אויך איר לייב. אויב פיכטע האָט געמיינט, אַז ער קען אַנטוויקלען די פילהייטס־וועלט פון דער שעפערישער קראַפט פונם „איך״, איז די מעג־

לעכקייט פון דעם שוין אָפּגעפּרעגט דורכדעם, וואָס אויך דער „איך" פאַרמאָגט אין זיך סתירות און במילא מוז ער צוגערעכנט ווערן צו די „צופעליקע מיינונגען". אַ געגנשטאַנד מיט פיל אייגנשאַפטן, קען עס דען גלייכצייטיק זיין די אידענטיטעט פון סוביעקט און אָביעקט? אָבער אויף אַזאַ אופן פירט דער געדאַנק פון „איך" צו אַ regressus in infinitum, ווייל דאָסיעניקע, וואָס שטעלט זיך גופא פאָר, איז דאָס זיך גופא פאָרשטעלנדיקע, און דאָס ווידער שטעלט פאָר דאָס זיך-גופא-פאָרשטעלנדיקע און אַז. וו. אינדעראמתן נעמען מיר גאָר נישט אויף אומ-מיטלבאַר דעם אַזויגערופענעם ריינעם „איך", ער איז נאָר אַ פאָר-מעלע אַבסטראַקציע; דער געגעבענער „איך" דאַקעגן איז דער עמפּי-רישער און דער אינהאַלט פון דעמדאָזיקן איז מיט נויטווענדיקייט באַשטימט. אַזוי אַרום איז דער וויסנדיקער און דער געוווּסטער „איך" פאַר קיין פאַל נישט דערזעלבער. דער „איך" איז נישט קיין וועזן, וואָס ווייס וועגן זיין אינהאַלט און וואָס בלייבט מיט זיך גופא אידענטיש, ווען דערדאָזיקער אינהאַלט בייט זיך אַפילו, — דער פאָרגעשטעלטער „איך" איז אַ פילפאַכער, און דער „איך" איז אין אַ געוויסער מאָס דער שניט-פונקט פון צאָלרייכע פאָרשטעלונגס-רייען, און במילא בייט ער זיך אויך מיט זיינע פאָרשטעלונגען און ווינט דאָ אין דער און דאָ אין יענער פאָרשטעלונג.

דער „איך" איז אַלזאָ נישט קיין שעפערישע זעלבשטענ-דיקע קראַפט, ער איז נישט דער מקור, נאָר דער פּאַסיווער רעזולטאַט פון אונזערע פאָרשטעלונגען, ער איז נישט קיין עקזיסטענץ, נאָר בלויז אַן אילוזיע, און נישט דער „איך" בילדעט דעם גרונד-באַגריף פון דער פּסיכאָלאָגיע, ווי פיכטע האָט געמיינט, נאָר די פאָרשטעלונג, וואָס אַנטשטייט פון דער זעלבסטדערהאַל-טונג פון דער נשמה קעגן אויסערלעכע שטערונגען. אויב דאָס איז אָבער אַזוי, דאַן שוועבט אַרום די גאַנצע פאָרשטעלונגס-וועלט אין דער לופטן אָן אַ שטיץ-פונקט און אָן אַ טרעגער. זי איז ווי אַ געשעען צווישן די רעאַלן, אָבער נישט ביי אָדער אין זיי, און ס'איז שווער צו פאַרשטיין, ווי אַזוי די פילע זעלבסטדער-

האַלטונגען פון די רעאַלן קענען ווערן רעפלעקטירט פון שפיגל פון באַוווסטזיין און דערשיינען אין דאָזיקן אַלס אַ איינהייטלעכע, הגם סתירותדיקעווירקלעכקייט.

מיט דער הילף פון זיין „מעטאָדע פון די שייכותן" באַמיט זיך הערבאַרט צו באַזייטיקן אויך אין דער נאַטור-פילאָזאָפיע די סתירות פון די באַגריפן: מאַטעריע, אַטאָם, באַוועגונג און אַז. וו. הערבאַרט שטעלט זיך דאָ איינגאַנצן אויפן שטאַנדפונקט פון מעכאַניזם, וואָס דאַרף זיין באַשטימענדיק אויף פאַר דאָס אָרגאַנישע. אויב ער איז נאָך מיט זיין דאָזיקער שטעלונג נישט געקומען אין אַ קאָנפליקט מיט דער נאַטור-וויסנשאַפט, האָבן אָבער זיינע ביז גאָר קינסטלעכע און טיילווייז גאַנץ-אומפאַר-שטענדלעכע קאָנסטרוקציעס פון די נאַטור-וויסנשאַפטלעכע פאַר-אויסזעצונגען נישט געהאַט קיין שום איינפלוס אויף דער פאָרשונג.

דאָס איז אַנדערש ביי זיין פסיכאָלאָגיע. אין איר ליגט דער שווערפונקט פון זיין וועלטאָנשויאונג. דאָ האָט ער געהאַט אַ וויט-גרייכנדיקע און מזל-ברכהדיקע השפעה דורך זיין באַקעמפן די הנחה וועגן די אַזויגערופענע נשמה-פעאיקייטן, וואָס כאַראַקטעריזירט די גאַנצע פסיכאָלאָגיע פון דער אויפקלערונגס-צייט און וואָס האָט דערגרייכט כמעט אַן אומבאַגרעניצטע הער-שאַפט אַ דאַנק קאַנטן. דאָס, וואָס מיר רופן אָן „פעאיקייטן", זענען אינדעראמתן קאָמבינאַציעס פון עלעמענטאַרע פּראָצעסן. ווי אין דער נאַטור-וויסנשאַפט, קען זיך האַנדלען אויך אין דער פסיכאָלאָגיע בלויז וועגן דעם צו צעגלידערן די פאַרוויקלטערע נשמה-דערשיינונגען אויף זייערע איינפאַכע עלעמענטן. אַלס די-דאָזיקע באַטראַכט אָבער הערבאַרט אויסשליסלעך די פאָרשטע-לונגען, די זעלבסטדערהאַלטונגען פון דער נשמה לגבי די שטע-רונגען פון דרויסן ביי זייער צוזאַמענזיין מיט אַנדערע רעאַלן, און באַמיט זיך אַרויסצודרינגען די פאַרשיידנקייט פון די פסיכישע פונקציעס פון די זיך-אָפּבייטנדיקע באַציאונגען, אין וועלכע די נשמה געפינט זיך מיט דידאָזיקע אַנדערע רעאַלן. דערביי ווייזט זיך אַרויס, אַז די פאָרשטעלונגען, דורך וועלכע די נשמה האַלט זיך קעגן די שטערונגען, פאַרבלייבן אין דער נשמה אויך נאָכדעם,

ווי זיי פֿאַרשווינדן פֿון באַוווּסטזיין אַלס פֿאָרשטעלונגס־כּחות, אַז זיי פֿאַראייניקן זיך צווישן זיך אויף די פֿאַרשיידנסטע אופֿנים, זיי שטערן און שטיצן זיך קעגנזייטיק און אין דאָזיקן קעגנזייטיקן שפּיל פֿון שטיצן און שטערן ברענגען זיי צום לעבן דעם גאַנצן איבערלעכן רייכטום פֿון די נשמה־דערשיינונגען. דאָס נשמה־לעבן דערשיינט אַזוי אַרום אַלס אַ קאַמף, וועלכן עס פֿירן צווישן זיך די פֿאָרשטעלונגען אין ענגן רוים פֿון באַוווּסטזיין און לויט דער שטופּע פֿון זייער אינטענסיווקייט טרעטן זיי אַריבער די שוועל פֿון באַוווּסטזיין אָדער זיי בלייבן הינטער איר. די פּסיכאָלאָגיע אָבער איז אַ מין סטאַטיק און מעכאַניק פֿון גייסט. איר אויפֿגאַבע באַשטייט אין אויסגעפֿינען און מאַטעמאַטיש פֿיקסירן די געזעצן, לויט וועלכע עס קומט פֿאָר די קעגנזייטיקע ווירקונג פֿון די עלעמענטאַרע פֿאָרשטעלונגען.

פֿון דאָזיקן ריין־אינטעלעקטואַליסטישן שטאַנדפּונקט דערשיינען, נאַטירלעך, אויך דאָס געפֿיל און דער ווילן בלויז אַלס רעזולטאַטן פֿון פֿאָרשטעלונגס־שייכותן. געפֿיל איז דער גלייכגעוויכט־צושטאַנד צווישן אַ סך פֿאָרשטעלונגען. ווילן הייסט דער אויפֿשטייג פֿון פֿאָרשטעלונגען, וועלכע זענען פֿאַריאָגט געוואָרן פֿון באַוווּסטזיין איבער דער שוועל פֿון באַוווּסטזיין. בײַ דידאָזיקע הנחות קען, נאַטירלעך, קיין רייד נישט זיין וועגן אַ פֿרייהייט פֿון ווילן. דאָס ווילן הענגט אָפּ פֿון דער דערקענטעניש און ווערט בויטווענדיקערהייט דעטערמינירט דורך די פֿאָרשטעלונגען. די הנחה וועגן ווילן־פֿרייהייט אין אינדעטערמיניסטישן זינען קלאַפּט הערבאַרט אָפּ דערמיט, וואָס ער ווייזט אָן, אַז זי מאַכט אילוזאָריש יעדע דערציאונג, פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, אויסבעסערונג און שטראָף, ווייל דידאָזיקע אַלע באַזירן דאָך טאַקע אויף דעם, וואָס דער ווילן איז נישט פֿריי, נאָר אונטערגעוואָרפֿן דעם צוואַנג פֿון באַשטימטע פֿאָרשטעלונגען. פֿון דאָזיקן שטאַנדפּונקט האָט הערבאַרט גופֿא געלייגט אַ באַזונדערע אַכט אויף דער פּראָבלעם פֿון דערציאונג, נאָכמער, ער איז געוואָרן דער באַגרינדער פֿון דער מאָדערנער וויסנשאַפֿטלעכער פּעדאַגאָגיק דורכדעם, וואָס ער האָט געפּרוּווט גענויער פֿעסטצושטעלן, ווי אַזוי

דער ווילן קען געשטעלט ווערן אין דינסט פון די דערציאונגס-
צוועקן.

די פראַקטישע פילאָזאָפיע נעמט הערבאַרט אַרונטער אונטער
דעם נאָמען — עסטעטיק. זי איז אָבער פאַר אים נישט קיין
לערע וועגן דאָס שיינע, נישט קיין עסטעטיק אין ענגערן זינען,
וועלכע איז געוויער באַאַרבעט געוואָרן ערשט דורך זיינע שילער
(ציממערמאַן, פאָלקמאַן), נאָר אַן עטיק, אַ לערע וועגן
די איינפאַכסטע באַציאונגען, וואָס בילדן דעם געגנשטאַנד פון
געפעלן ווערן אָדער נישט-געפעלן ווערן, די אַזויגערופענע
אידייען אָדער מוסטער-באַגריפן. הערבאַרט ציילט אויף אַזעלכע
פינף: די אינערלעכע פרייהייט, די שלימותדיקייט, לייטזעליקייט,
דאָס רעכט און די גערעכטיקייט. דער גאַנצער סכום פון די-
דאָזיקע אורשפּרינגלעכע אידייען, ווען ער געפינט זיך אין איין
פערזאָן, הייסט טוגנט. פון זיי פליסן דאַן אַרויס די אַרויס-
געדרונגענע אָדער געזעלשאַפטלעכע אידייען, די זיטלעכע אינ-
סטיטוציעס, אין וועלכע זיי געפינען זייער פאַרווירקלעכונג,
נעמלעך — די לוין-סיסטעם, די רעכטלעכע געזעלשאַפט, די
קולטור-סיסטעם און די מלוכה. ווי פאַר די פילאָזאָפן פון דער
אויפקלערונגס-עפּאָכע, איז אויך פאַר הערבאַרטן די מלוכה בלויז
אַ פאָרמאַלער מעכאַניזם, די מלוכה-לערע אַזאַ מין סטאַטיק און
מעכאַניק פון די סאָציאַלע כוחות און די מלוכה-קונסט — אַ קלוגע
באַרעכענונג פון די פּאָליטישע נויטווענדיקייטן, וואָס פליסן אַרויס
דערפון.

עס איז אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, אַז אַ מעטאַפיזישער
פלוראַליזם, ווי הערבאַרט, פאַר וועלכן די פילקייט פון זעלב-
שטענדיקע רעאַלן איז דאָס לעצטע און אורשפּרינגלעכע, דאָס
וועזן פון די זאַכן גופא, האָט נישט געקענט האָבן קיין אינטערעס
פאַר דער פילאָזאָפיע פון דער רעליגיע. אמת, ער
שעצט די רעליגיע צוליב פראַקטישע טעמים. ער ספקט אויך
נישט אין דער עקזיסטענץ פון אַ גאָט, וועלכן ער דעפינירט
צוליב מאָראַליש-פראַקטישע טעמים אַלס פערזענלעך, אויסער-
וועלטלעך, אַלמעכטיק, גוט און אַזוי וו. און אַלס שעפער פון די

רעאַלן. ער האַלט, אַז אָנצונעמען די עקזיסטענץ פון גאָט איז שוין צוליב דעם אַליין אַ נויטווענדיקייט, ווייל עס איז נישט מעגלעך צו דערקלערן דעם צוועקמעסיקן צוזאַמענווירקן פון די רעאַלן אָן אַ אינטעליגענטן וועזן, וואָס באַשטימט די צוועקן. ווי אַזוי עס איז אָבער מעגלעך צו ברענגען אין האַרמאָניע דידאָזיקע הנחה מיט דער דורך אים פאַרטראָטענער זעלבשטענדיקייט פון די רעאַלן און ווי אַזוי עס איז אָבער מעגלעך צו פאַראייניקן די טעלעאָלאָגיע מיטן מעכאַניזם פון די רעאַלן, וועגן דעם האָט ער זיך גענויער נישט אַרויסגעזאָגט. זיינע ווינציקע און צעוואָרפענע געדאַנקען איבער דער פילאָזאָפיע פון דער רעליגיע זענען ערשט פון זיינע שילער (דראָביש, פליגעל) פילאָזאָפיש פאַרווערטעט און אַנטוויקלט געוואָרן אין זינען פון אַ קריטישן מאָראַליזם, אָבער אין דערדאָזיקער קאָנצענטרירונג אַנטפּלעקן זיי נאָך בולטער די מוראדיקע אָרימקייט און אומפרוכטבאַרקייט פון זיין גאַנצער מעטאַפיזישער גרונדאָנשויאונג.

דער פסיכאָלאָגיזם: פריז און בענעקע.

אין דער צייט, וואָס הערבאַרט באַקעמפט טאַקע די אידענטיטעטס-פילאָזאָפיע, אָבער ער אָנערקענט די מעגלעכקייט פון אַ ראַציאָנאַלער מעטאַפיזישער דערקענטעניש, און אין דער אויפפאַסונג פון דערדאָזיקער אַלס באַגריפס-וויסנשאַפט קניפּט ער אָן אין קאַנטן און אין די דענקער פון דער אויפקלערונגס-עפּאָכע, פאַרצווייפלט פריז אין דער מעטאַפיזיק פון ראַציאָנאַלער נאַטור און באַמיט זיך צו גרינדן זיין פילאָזאָפישע וועלטאָנשויאונג בלויז אויף עמפּירישער פסיכאָלאָגיע און אַנטראָפּאָלאָגיע אין ענגסטער פאַרבינדונג מיט קאַנטן, אָבער אָפּזאָגנדיק זיך פון זיין אַפּריאָרישן מעטאָד.

יאַקאָב פרידר. פריז, געבוירן אין 1773, פּראָפעסאָר אין יענאַ און היידלבערג, פון 1816 ביז צו זיין טויט אין יאָר 1843 ווידער אין יענאַ, האָט דעם פאַרדינסט, וואָס ער האָט צום ערשטן קלאָר דערקענט די זעלבסטטוישונג פון קאַנט און זיינע

אידעאַליסטישע נאָכפאָלגער, אַז די אַפּריאָרישע פאָרמען פון אונזער דערקענטעניש קענען דערקענט ווערן אַפּריאָרי. דידאַזיקע הנחה בילדעט פאַר קאַנטן און דעם ספּעקולאַטיוון אידעאַליזם די פאָראויסזעצונג פון זייער כּלומרשט-אַפּאָדיקטישער דערקענטעניש פון דערווירקלעכקייט. פריז דאַקעגן באַהויפּטעט מיט רעכט אין זיין „נייער קריטיק פון דער פאַרנונפט" (1807), אַז ס'איז אוממעגלעך צו באַאָבאַכטן די אַפּריאָרישע אינטעלעקטואַל-פונקציע אַפּריאָרי אין איר טעטיקייט און זי צו דערהויבן אומ-מיטלבאַר אַלס אַזעלכע אין באַוווסטזיין, און ער באַטאָנט דעם דורך-און-דורך אַפּאָסטעריאָרישן כאַראַקטער פון דער דערקענטעניש, וועלכע מיר האָבן פון איר. בלויז דורך זעלבסטבאַאָבאַכטונג, אויף אַ עמפּיריש-פּסיכאָלאָגישן וועג, דורך אַ קריטישן אַנאַליז פון אונזער אינערלעכער דערפאַרונג קענען מיר זי אויפנעמען. אַזוי אַרום איז די פאַרנונפט-קריטיק אינדעראמתן אַ פּסיכאָלאָגישער עמפּיריזם און זי בילדעט די פּסיכאָלאָגיע בכלל, דעם יסוד פון יעדער פילאָזאָפישער דערקענטעניש.

אונזער גאַנצער וויסן באַזירט אַזוי אַרום אויף דערשיינונגען, ווייל אויך די קאַטעגאָריעס קענען מיר דערקענען נישט אומ-מיטלבאַר, נאָר אין אַ פאַרמיטלטער געשטאַלט, ווי מיר געפינען זיי אין דער אינערלעכער דערפאַרונגס-וועלט. אויב פריז האַלט פונדעסטוועגן די אָפּזונדערונג פון דער אינטעלעקטואַל-פונקציע אין די פאַרשידענע קאַטעגאָריעס פאַר אַ זיכערער זאַך און נישט בלויז פאַר אַ היפּאָטעזע, באַווייזט ער דערמיט, ווי שווער עס איז פאַר די דענקער, וואָס זענען אויסגעוואָקסן אין דער אַטמאָספער פון ראַציאָנאַליזם, אָפּצוזאָגן זיך פון דער אַפּאָדיקטישער זיכערקייט פון זייער דערקענטעניש. דעריבער איז פריז צוזאַמען מיט קאַנטן איבערצייגט, אַז וואָס שייך דער אויסער-לעכער נאַטור זענען מיר איינגעשלאָסן אין די גרעניצן פון דער דערפאַרונג. דאָ קען גערעדט ווערן וועגן וויסן נאָר אויף אַזוי-ווייט, אויף וויפל די דערשיינונגען לאָזן זיך באַרעכנען מאַטע-מאַטיש און מעכאַניש, און נישט נאָר די פּראָצעסן פון דער אַנאָרגאַנישער, נאָר אויך די-יעניקע פון דער אָרגאַנישער נאַטור

מוזן באַגריפן ווערן אויף אַ ריין-מעכאַניסטישן אופן. מיט דעם איז נאָך אָבער נישט געזאָגט, אַז מיר מוזן בכלל מוותר זיין אויף יעדער דערקענטעניש פון איבערזינלעכע געגנשטאַנדן. פאַרקערט, אין אונזער פאַרנונפט פאַרמאָגן מיר אַן אָרגאַן, דורך וועמעס הילף עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז דער „אַן-זיך" פון די געגנשטאַנדן, אָבער דער פילאָזאָף באַצייכנט דידאָזיקע פאַרנונפט-דערקענטעניש פונם „אַן-זיך" נישט אַלס אַ וויסן, נאָר — ווי יאַקאָבי — אַלס אַ גלויבן.

די אידייען פון גאָט, פון דער אייביקייט, פון דער נשמה, ד. ה., פון איר דערהויבנקייט איבער רוים און צייט, ווי אויך פון דער ווילנס-פרייהייט, זענען געגנשטאַנדן פון אַ אוממיטלבאַרן געפיל אָדער פון אַ אַנונג, וואָס איז נישט ווייניקער געוויס, ווי דער אַזויגערופענער וויסן וועגן די דערשיינונגען. די אויסגלייכונג צווישן וויסן און גלויבן ליגט אין דעם, וואָס אין געפיל באַגרייפן מיר אוממיטלבאַר די אמתדיקייט פון די אידייען. „וועגן דערשיינונגען ווייסן מיר, אין דעם אמתדיקן וועזן פון די געגנשטאַנדן גלויבן מיר" 1).

אַ פילאָזאָפיע, וואָס בויט אויף די גאַנצע וועלטאַנשויאונג בלויז אויף דער אינערלעכער דערפאַרונג, באַצייכנט מען אַלס פּסיכאָלאָגיזם. איר קאָנסעקווענטסטער פאַרשטייער איז פרידריך עדואַרד בענעקע, געבוירן אין 1798 אין בערלין, פון 1824—1827 פריוואַט-דאָצענט אין געטינגען, נאָכדעם ווי מען האָט אים באַזייטיקט פון זיין לער-טעטיקייט אין בערלין,

1) פריז פאַרזעצט דאָ, ווי אַלע ענלעכע געפיל-פילאָזאָפן, אַז דאָס געפיל איז נאָר אַן איבערבלייב פון אומבאַוווסט-געוואָרענע פאָרשטעלונגען פון אַ נענטערער אָדער ווייטערער פאַרגאַנגענהייט, אַז עס שליסט אין זיך איין דעם דערהויבנסטן געדאַנק פונקט ווי דעם גראָבסטן אַבערגלויבן און ס'איז דעריבער אַן אילוזיע, ווען מען וויל שעפּן אין געפיל אַ באַשטעטיקונג פאַר דער אמתדיקייט פון באַשטימטע אידייען. עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש, וואָס פריז האָט געפונען זיינע עיקרדיקע אָנהענגער צווישן די טעאָלאָגן (דע וועט, הערמעס) און אַז אויך היינט גייט ווידער אָן אַ באַוועגונג צו זוכן אין דער פריזישער פילאָזאָפיע אַ שטיצפונקט פאַר געוויסע טעאָלאָגישע ליבלינגס-מיינונגען.

זייט 1832 אויסעראָרדנטלעכער פּראָפעסאָר אין בערלין, וווּ ער איז אין 1854 באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. זיינע הויפּט-ווערק זענען די „פּסיכאָלאָגישע סקיצן״ (1825—1827), דאָס „לערנבוך פון דער פּסיכאָלאָגיע״ (1833) ווי אויך די „מעטאַפיזיק אָדער די פילאָזאָפיע פון דער רעליגיע״ (1840).

פאַר בענעקען, וואָס איז אין דאָזיקן פּרט אַרונטערגעפאַלן אונטער דער שטאַרקער השפּעה פון דער ענגלישער פילאָזאָפיע, איז נישטאָ קיין אַנדער מקור פון אונזער גאַנצער דערקענטעניש, ווי די דערפאַרונג, און נעמלעך — די אינערלעכע דערפאַרונג פון אייגענעם זעלבסטבאַוווסטזיין. אויך פאַר אים בילדעט דעריבער די פּסיכאָלאָגיע דעם יסוד פון יעדער וויסנשאַפט. בעת יעדע אַנדערע דערקענטעניש איז בלויז מיטלבאַר, איז די זעלבסט-דערקענטעניש לויט בענעקען אוממיטלבאַר. בעת די איבעריקע געגנשטאַנדן שטעלן מיר זיך פאָר, ווי אַזוי זיי דערשיינען פאַר אונז, שטעלן מיר זיך גופא פאָר אַזוי, ווי מיר זענען. אינם „איך״-באַוווסטזיין פאַלן צונויף אין איינס פאָרשטעלונג און עקזיסטענץ. די נשמה איז דאָס איינציקע, וואָס מיר קענען אוממיטלבאַר, און דעריבער איז בלויז לגבי איר מעגלעך אַן אמת וויסן אין זינען פון אַ אַפּאָדיקטיש-זיכערער דערקענטעניש.

די פּסיכאָלאָגיע איז אַזאַ מין אינערלעכע נאַטור-וויסנשאַפט און שטייט אַלס אַזעלכע נישט נאָר אַלס גלייכבאַרעכטיקטע נעבן דער אויסערלעכער נאַטור-וויסנשאַפט, נאָר שטייגט נאָך אַריבער דידאָזיקע לעצטע דורך דער גרעסערער זיכערקייט פון אירע רעזולטאַטן. 1)

צוזאַמען מיט הערבאַרטן, וועמען ער האָט אַ סך צו פאַר-דאַנקען אין פּסיכאָלאָגישער הינזיכט, לייקנט ער אין די אַזוי-

---

1) וועגן דער טעותדיקייט פון דערדאָזיקער אויפפאַסונג פון דער זעלבסטזיכערקייט פון אייגענעם „איך״ אָדער וועגן דער אוממיטלבאַרער זעלבסטבאַגרייפונג פון דער נשמה אינם „איך״-באַוווסטזיין, — אַן אויפפאַסונג, וואָס גייט דורך די גאַנצע נייערע פילאָזאָפיע זייט דעקאַרטן און האָט באַ-איינפלוסט און באַאיינפלוסט נאָך אויך איצט אויף אַ פאַטאַלן אופן די מעטאַפיזיק, ווי אויך די פּסיכאָלאָגיע, זע מיין ווערק: „דער „איך״ אַלס גרונד-פּראָבלעם פון דער מעטאַפיזיק״, 1898.

גערופענע נשמה-פעאיקייטן, און זוכט, ווי יענער, אויסצוגעפינען די לעצטע איינפאַכע באַשטאַנד-טיילן פון פאַרוויקלטע נשמה-דערשיינונגען, די אומצאָליקע „אור-פעאיקייטן" פון אויפנעמען און פאַראייגענען אויסערלעכע רייצן, פון וועלכע יעדע נשמה שטעלט זיך צונויף, און וועלכע זי פאַרמאָגט אַ טייל גלייך פון אָנהויב און אַ טייל דערווערבט זי אין משך פון איר אינדיווידועלן לעבן. ווי פאַר הערבאַרטן אַזוי איז אויך פאַר אים די פאָרשטעלונג דער גרונד-עלעמענט פון נשמה-לעבן. די קאָמפּליקאַציע פון דאָזיקן לעצטן באַזירט אָבער אויף דעם, וואָס די נשמה-פּראָדוקטן פאַרשווינדן נישט אינגאַנצן, ווען זיי פאַרלאָזן דעם באַוווסטזיין, נאָר אומבאַוווסט בלייבן זיי ווייטער עקזיסטירן אַלס „שפּורן" אָדער „אָנגעלעגנהייטן" אין דער נשמה, זיי באַאיינפלוסן אַלס אַ קראַפט, אַ דראַנג אָדער אַ נייגונג די באַוווסטע פאָרשטעלונגען און שפּילן באַזונדערס אַ הויפּט-ראָל ביי דער רעפּראָדוקציע און אַסאָציאַציע, — אַן אויפפאַסונג פון דאָס אומבאַוווסט-פּסיכישע, וואָס האָט אפשר מער ווי אַלדאָס אַנדערע מיטגעהאָלפן דערצו, דערדאָזיקער באַגריף זאָל באַקומען אַ שלעכטן שם ביי די פּסיכאָלאָגן. אויף דער רעגולירונג פון דער רייץ-אויפנעמבאַרקייט און אויף דער פאַרפעסטיקונג, באַרייכערונג, אַנטוויקלונג פון די אור-אייגנשאַפטן אין דער ריכטונג פון אַ באַשטימטן צוועק באַזירט, לויט בענעקעס מיינונג, די *דערציאונג*, וועלכע ער האָט אויספירלעך אויסגעבויט באַזונדער אין זיין „דערציאונגס- און אונטערריכטס-לערע" (1836–1835). און פונקט ווי ער לייקנט די אַפּריאָריטעט פון די קאַטעגאָריעס לויטן מוסטער פון די ענגלישע סענסואַליסטן אין קעגנזאַץ צו קאַנטן, און פאַסט זיי אויף אַלס פּראָדוקטן פון דער נשמה-אַנטוויקלונג, אַזוי באַקעמפט ער אויך אין דער עטיק קאַנטס הנחה וועגן אַפּריאָרי פאַראַנענעם זיטלעכן געזעץ, און ער פאַסט אויף אויך די עטישע ווערטן אַלס פאַרמיטלטע אַנטוויקלונגס-פּראָדוקטן פון נשמהשן לעבן.

דורך אַ אַנאַלאָגיע-אויספיר פון דער איינציקער אוממיטלבאַרזיכערער נשמה-דערקענטעניש אויף די אויסערלעכע געגנשטאַנדן, ווייזן זיך אַרויס אויך די דאָזיקע אַלס נשמה-וועזנטלעכקייטן און

מיר שרייבן אויך זיי צו אַ פסיכישע אינערלעכקייט. אַזוי אַרום
איז בענעקע דער פאָרשטייער פון אַ ספּיריטואַליזם, וואָס דער-
מאָנט, פונקט ווי ביי הערבאַרטן, אין לייבניצן און זיין מאָנאַ-
דאָלאָגיע. אַלע גשמות אָדער ריכטיקער די סובסטאַנציעלע פאָר-
שטעלונגסאַרטיקע נשמה-כּוחות געפינען זיך צווישן זיך אין אַ באַ-
ציאונג פון אומצעשטערבאַרער קעגנזייטיקער ווירקונג. עס איז
דעריבער פונקט אַזוי אוממעגלעך צו רעדן וועגן צופאַל ווי וועגן
ווילנס-פרייהייט. די פראַגע צי עס איז דאָ פּערזענלעכע אומ-
שטערבלעכקייט און אַ גאָט, ליגט מחוץ דער אייגנטלעכער וויסנ-
שאַפטלעכער דערקענטעניש און איז אַ געגנשטאַנד פון אַנען און
פון גלויבן. פונדעסטוועגן באַמיט זיך בענעקע וואָרשיינלעך צו
מאַכן די פּערזענלעכע אומשטערבלעכקייט דורך אָנווייזן אויף
דער אומבאַוווסטזיניקייט פון דער אינערלעכער נשמה-עקזיסטענץ
אָדער אויף דער סיסטעם פון די נשמהשע שפּורן און ער דענקט
דערביי וועגן אַ מין ווידערפאַרקערפּערונג פון די אומבאַוווסטזיניקע
נשמה-פעאיקייטן, — אַן אויפפאַסונג, וואָס האָט שוין צוליב דעם אַליין
קיין באָדן נישט, ווייל די הנחה וועגן פסיכישע שפּורן איז זינלאָז.
וואָס שייך דער גאָט-לערע, איז ער אַ קעגנער פון פּאַנטע-
איזם, ער קען אָבער דעמדאָזיקן בלויז אַלס נאַטוראַליזם
אָדער שפּינאָזיזם. ער גופא איז אַן אָנהענגער פון דורך אים
אַזויגערופענעם קריטישן טעאיזם, דערביי לאָזט ער אַרויס פון
אויג, אַז די פּערזענלעכקייט, וועלכע ער שרייבט צו גאָט, איז
לויט זיין אייגענער לערע ערשט אַ זייער קאָמפּליצירטער פּראָ-
דוקט פון דער צוזאַמענווירקונג פון סובסטאַנציעל-פאָרגעשטעלטע
זינלעכע רייצן. —

דעם געדאַנק וועגן דער אוממיטלבאַרער זעלבסטבאַגריי-
פונג פון דעם „אַן זיך” פון די געגנשטאַנדן אין אייגענעם
זעלבסטבאַוווסטזיין און וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ אויף
דעם געגרינדעטער מעטאַפיזיק טיילט מיט בענעקען אַ דענקער,
וואָס האָט אין אַלעם איבעריקן ווייניק קרובהשעס מיט אים,
און וועלכער האָט אים פּערזענלעך אַנטשיידן פיינט געהאַט:
שאָפּענהויער.

שאָפּענהויער.

אַרטור שאָפּענהויער איז געבאָרן געוואָרן אין 1788 אַלס זון פון אַ סוחר אין דאַנציק. זיין מוטער איז געווען יאָהאַננאַ שאָפּענהויער, געב. טראָזיענער, וועלכע איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אַלס ראָמאַן-שריפטשטעלערין. נאָך לענגערע רייזעס אין אויסלאַנד האָט אים זיין פאָטער געמאַכט פאַר אַ סוחר, אָבער נאָכן טויט פון זיין פאָטער האָט ער פאַרביטן דעם סוחרישן באַרוף אויף אַ געלערנטן-קאַריערע. ער האָט באַזוכט די אוניווערזיטעטן אין געטינגען און בערלין, וווּ ער האָט געהערט פיכטען. אין 1813 האָט ער באַקומען דעם דאָקטאָר-טיטל. אין ווייצאַר, דעם וווינאָרט פון זיין מוטער, וווהין ער איז געקומען נאָכן פאַרענדיקן דעם שטודיום, האָט ער גענאָסן פון געטעס געזעלשאַפט, און פר. מייער האָט אים אַריינגעפירט אין דער אינדישער פילאָזאָפיע. די יאָרן 1814 — 1818 האָט ער פאַרבראַכט אין דרעזדען, באַשעפטיקט מיט אויסאַרבעטן זיין הויפּט-ווערק „די וועלט אַלס ווילן און פאָרשטעלונג". ער האָט געמאַכט אַ רייזע איבער איטאַליע און געהאַלטן פאָרלעזונגען אין 1820 אין בערלין, אָבער אָן דעם מינדסטן דערפאָלג. דאַן האָט ער זיך ווידער גענומען צום רייזן און דערנאָך ווידעראַמאָל געפּרווּט אַריינצוטרעטן אין דער אַקאַדעמישער קאַריערע. נאָכדעם, ווי אַלע פּרווּון אין דערדאָזיקער ריכטונג זענען געבליבן אָן דערפאָלג, האָט ער זיך אין 1831 באַזעצט אין פראַנקפורט ביים מיין און דאָ געלעבט אין איינזאַמקייט ביזן יאָר פון זיין טויט — 1860. זיינע וויכטיקסטע שריפטן זענען (אַחוץ דעם אויבן-דערמאָנטן

הויפּטווערק, וואָס איז דערשינען אין 1819, דערגאַנצט אין 1844 דורך אַ צווייטן באַנד) די דיסערטאַציע „וועגן פיר־פאַכן וואָרצל פון קויזאַליטעט" (1813), „וועגן דעם ווילן אין דער נאַטור" (1836), „דיביידע גרונד־פּראָבלעמען פון דער עטיק (1841), ווי אויך זיין „פּאַרערגאַ און פּאַראַליפּאָמענאַ" (1851).

שאָפּענהויער ווערט באַטראַכט אַלס דער גרעסטער דייטשישער פילאָזאָפישער סטיליסט. יעדנפאַלס, דורך דער אָנ־שוילעכער קלאָרקייט פון זיין שרייבן, דורך זיין בילדער־רייכקייט און דורך זיין קונסט קלאָר צו מאַכן פאַרן לעזער די שווערסטע געדאַנקען דורך פאַרגלייכן און פאַראַפראַזירן, שטייגט ער אַריבער אַלע זיינע מיטאַרבעטער אויפן דאָזיקן געביט און מער ווי אַלע אַנדערע פילאָזאָפישע שריפטשטעלער ווערט ער געלייענט דורך נישט קיין פאַכלייט.

וואָס שייך זיינע פּרינציפּן פלעגט ער ליב האָבן צו פאַר־רופן זיך אויף קאַנטן און פּלאַטאָנען, ווי אויך אויף די אינדער. אָבער אַ חוץ דידאָזיקע האָבן אָן ספק געווירקט אויף דער אַנטשטייאונג פון זיין וועלטאָנשויאונג אויך פיכטע, שעלינג און די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן, בעת צו העגעלן האָט ער אַ אַנטשידן־אַנטיפּאָדישע באַציאונג, נישט ווייסנדיק קיינמאָל קיין מאָס אין זידלען דעמדאָזיקן דענקער. בכלל איז ער געווען אַ אַנטשידענער קעגנער פון דער ראַציאָנאַליסטישער אידענטיטעטס־פילאָזאָפיע.

אין דעם אויסגאַנגס־פונקט פון זיין פילאָזאָפיע „די וועלט איז מיין פאָרשטעלונג" דערקלערט זיך שאָפּענהויער אַלס אַן איבערצייגטער אָנהענגער פון קאַנטן. אויף ווי וייט יענער זאַץ ווערט אויפגעפאַסט בלויז אַלס אויסדרוק פון פאַקט, אַז דעם גאַנצן „זיין" נעמען מיר אוממיטלבאַר אויף בלויז אַלס באַוווּסט־זיין און במילא איז עס בלויזע פאָרשטעלונג, אויף אַזוי ווייט איז ער אָן־ספקדיק ריכטיק, אָבער דער זעלבסטפאַרשטענדלעכער זאַץ, אַז די פאָרגעשטעלטע וועלט איז מיין פאָרשטעלונגס־וועלט, פאַרוואַנדלט זיך אומבאַמערקט אין דעם אַנדערן, אַז די וועלט

איז מ י י ן, דעמס, וואָס שטעלט זיך פאָר, פאָרשטעלונג און במילא איז זי רעאַל נאָר אין מ י ר. דערמיט ווערט אָבער דער טויטאַ-לאָגישער אויסגאַנגס-פּונקט פון יעדער דערקענטעניש-טעאָריע פאַר-וואַנדלט אין דעם דערקענטעניש-טעאָרעטישן שטאַנדפּונקט פון סוביעקטיוון אידעאַליזם, אָבער שוין נישט מער מיט אַפּאָדיק-טישער זיכערקייט. לסוף, דורך דעם גדאַנק, אַז אין אַ ריינער פאָרשטעלונגס-וועלט איז אויך דער טרעגער פון דערדאָזיקער — דער „איך" — בלויז אַ פאָרשטעלונג און די הנחה וועגן זיין סובסטאַנציעלער נאַטור האָט קיין גרונט נישט — פליסט אַרויס פאַר שאָפּענהויערן דער אַבסאָלוטער פאָר-שטעלונגס-כאַראַקטער פון דער ענדלעכער, זינלעכער, באַ-שטימטער וועלט; דער סוביעקטיווער אידעאַליזם ווערט פאַר-וואַנדלט אין אַ ריינעם באַוווסטזיין-אידעאַליזם און די וועלט לייזט זיך אויף פאַר אים אין אַ בלויזן באַוווסטזיין, דאָס הייסט דאָך אָבער — אין אילוזיע און טרוים („מאַיאַס שלייער").

אויף דער צוויפּעגפלאָכטנקייט פון דידאָזיקע דריי פאַר-שידענע אויפפאַסונגען פון דעם זאַץ „די וועלט איז מיין פאָר-שטעלונג", באַזירט די שאָפּענהויערישע דערקענטעניש-טעאָריע. איר אויסגאַנגס-פּונקט איז קאַנט, איר סוביעקטיוויסטישער כאַ-ראַקטער שטאַמט פון פיכטען, איר אילוזיאָניזם — פון פיכטען און פון דער אינדישער פילאָזאָפיע. שאָפּענהויער אַליין האַלט זיך אָבער ביי דער מיינונג, אַז ער פאַרטרעט בלויז דעם ריינעם קאַנטישן גדאַנק, און זיין באַמיאונג האָט דעם ציל אויסצודריקן אים אַ סך קלערער און איינפאַכער, ווי קאַנט גופא איז דאָס געווען בכח צו טאָן.

קאַנט האָט אָנגענומען צוועלף פאַרשידענע דערקענטעניש-פאָרמען אָדער קאַטעגאָריען, וואָס דורך זייער פאַראַרבעטן און פאַרקניפּן דעם עמפּינדונגס-שטאָף ברענגען זיי צושטאַנד די באַוווסטזיינס-אָדער דערשיינונגס-וועלט. שאָפּענהויער אָנערקענט אָבער אַלס די גרונד-פאָרם פון פאַרשטאַנד, אַלס אַלגעמיינעם אויסדרוק פון דער געזעצמעסיקער פאַרבינדונג פון אונזערע פאָרשטעלונגען די קויזאַליטעט אָדער דעם זאַץ וועגן דער סיבה,

און די קוואַליטעט צוזאַמען מיט די ריינע אָנשויאונגס-פאָרמען רוים און צייט שאַפן די פאָרשטעלונג פון אַ אָביעקטיווער וועלט.

דער זאַץ וועגן דער סיבה האָט פיר פאַרשידענע פאָרמען, וואָס אַנטשפּרעכן די פאַרשידענע קלאַסן פון אָביעקטן אָדער פאָרשטעלונגען, וועלכע ווערן דורך אים פאַרקניפּט. ער איז דער זאַץ פון דער סיבה פון וועזן בנוגע די עמפּירישע אָנשויאונגען. דאָ באַטייט ער, אַז יעדער צושטאַנד-ענדערונג גייט פאַרויס אַן אַנדערע, פון וועלכער זי פליסט רעגלמעסיק אַרויס אַלס פון איר סיבה, און ער זעצט פאָראויס אַ סובסטאַנץ אַלס אומפאַרענדערלעכער יסוד פון אַלע פאַרענדערונגען; אַלס אַזאַ באַטראַכט שאָפּענהויער די מאַטעריע. אַלדאָס ווירקלעכע איז אַזוי אַרום מאַטעריעל, אָבער דאָס מאַטעריעלע איז נישט קיין זאַך פאַר זיך, נאָר אַ דערשיינונג. אין דער אומאָרגאַנישער נאַטור דערשיינט די קוואַליטעט אַלס סיבה; דאָ זענען ווירקונג און קעגנווירקונג גלייך צווישן זיך. אין דער אָרגאַנישער וועלט דערשיינט זי אַלס רייץ; דאָ זענען ווירקונג און קעגנווירקונג פאַרשידן. אין דער נשמהשער וועלט דערשיינט זי אַלס מאָטיוו.

בנוגע די אַבסטראַקטע פאָרשטעלונגען אָדער באַגריפן איז דער זאַץ וועגן דער סיבה אַ זאַץ וועגן דער סיבה פון דערקענען און ער באַטייט, אַז יעדער אורטייל מוז זיין גענוגנדיק באַגרינדעט, כּדי צו זיין אַן אמת. בנוגע די ריינע אָנשויאונגען רוים און צייט איז ער דער זאַץ וועגן דער סיבה פון דער עקזיסטענץ דורכדעם, וואָס ער באַשטימט דעם נעבנאַנאַנדער פון די רוים-טיילן און דעם נאָכאַנאַנדער פון די צייט-טיילן. אויף דעם באַזירט, לויט שאָפּענהויערן, די געאָמעטריע, וואָס איז אויפגעבויט אויף ריינער אָנשויאונג. לסוף, בנוגע דעם האַנדלען איז ער דער זאַץ וועגן דער סיבה פון האַנדלען אָדער דער געזעץ וועגן דער מאָטיוואַציע און ער באַטייט, אַז קיין שום האַנדלונג איז נישט מעגלעך, סיידן זי פליסט אַרויס מיט נויטווענדיקייט, פון אַ באַשטימטן מאָטיוו.

אויב דערקענען הייסט: ברענגען צום באַוווסטזיין דעם

צוזאַמענהאַנג פון די געגנשטאַנדן, נאָכפאָלגנדיק די קייט פון דער קויזאַליטעט, איז אונזער גאַנצע דערקענטעניש במילא באַשרענקט אויף פאָרשטעלונגען אָדער דערשיינונגען, אַ קייט פון קויזאַלע באַציאונגען אָן אַ אָנהויב און אָן אַ סוף. אויב אַזוי קען זי אָבער פונקט אַזוי ווייניק באַפרידיקן אונזער „מעטאַפיזישע באַדערפעניש", וואָס וויל דערגיין דעם וועזן פון די דערשיינונגען, ווי דער אַריינבליק אין דעם ריין-פאָרשטעלונגס-אַרטיקן כאַראַקטער פון דער דערשיינונגס-וועלט, וואָס גיט אונז אַן אָנרעגונג צו זוכן די זאַך פאַר זיך, וואָס אַנטשפּרעכט דער פאָרשטעלונג. אויב עס זאָל יאָ צושטאַנדקומען אַ באַפרידיקונג פון יענער באַדערפעניש, קען דאָס במילא נישט געשען אויפן געוויינלעכן וועג פון דער וויסנשאַפטלעכער דערקענטעניש, דורך פאַרקניפּן די דערשיינונגען דורך דער קויזאַליטעט-קייט, דאָס הייסט מיטלבאַר, נאָר אוממיטלבאַר, דורך אַרויסרייסן זיך פון דער פאָרשטעלונגס- אָדער דערשיינונגס-וועלט, דורך אַ מין געניאַלער אינטואיציע אָדער אינטעלעקטועלער אָנשויאונג, דורך וועלכער מיר געפינען זיך מיט איין שפרונג אין צענטער און אין דער וועזנטלעכער סיבה פון די געגנשטאַנדן גופא. אַזאַ אינטואיציע איז אָבער מעגלעך דורכדעם, וואָס מיר גופא זענען די עקזיסטענץ, וועמעס דערשיינונג מיר האָבן פאַר זיך אין דער אָביעקטיווער וועלט פון אונזערע פאָרשטעלונגען. אין דער אוממיטלבאַרקייט פון אונזער אייגענעם סוביעקטיוון זעלבסטבאַוווסטזיין געפינט זיך דער פונקט, ווו עס פאַלן צונויף דערשיינונג און מהות, פאָרשטעלונג און זאַך פאַר זיך. 1) זיך גופא דערקענען מיר נישט

---

1) ווי הערבאַרט, שטעלט אויך שאָפּענהויער אַ גלייכונגס-צייכן צווישן דעם מעטאַפיזישן באַגריף פון מהות און דעם דערקענטעניש-טעאָרעטישן באַגריף פון דער זאַך פאַר זיך. אָבער אין דער צייט, וואָס הערבאַרט נעמט אָן, אַלס פועל יוצא דערפון, אַ מעטאַפיזישן פלוראַליזם און דעפינירט דעם מהות פון די זאכן אַלס אַ פילקייט פון זעלבשטענדיקע רעאַלן, קומט שאָפּענהויער אויפן סמך פון יענעם גלייכונגס-צייכן גראָד פאַרקערט צו אַ מעטאַפיזישן אַבסטראַקטן מאָניזם, ווייל דער מהות פון דער דערשיינונגס-וועלט קען זיין נאָר איינס. הערבאַרט איז גערעכט, ווען ער האַלט, אַז די פילע דערשיינונגען מוז אַנטשפּרעכן

נאָר, ווי אַזוי מיר דערשיינען זיך אַלס לייבֿ, נאָר אוממיטלבאַר ווי מיר זענען פֿאַר זיך אַלס וועזן און זאַך פֿאַר זיך פֿון לייבֿ. דערפֿון שעפּן מיר די בֿאַרעכטיקונג צו בֿאַאורטיילן לויט זיך גופֿא, מיט דער הילף פֿון דער אַנאַלאָגיע, אַלע איבעריקע זאַכן און צו בֿאַנוצן די דערקענטעניש פֿון אונזער אייגענעם וועזן אַלס אַ שליסל צו דער דערקענטעניש פֿון וועזן פֿון דער גאַנצער וועלט.

און אַלס וואָס דערקענען מיר זיך אויפֿן דאָזיקן אופֿן? דער ענטפֿער איז: אַלס ווילן. דער לייבֿ איז דער פֿון דרויסן געזעענער, זעבֿאַר-געוואָרענער, אָביעקטיווירטער ווילן, דער ווילן איז דער פֿון אינעווייניק געזעענער לייבֿ. דערפֿון דרינגט אַרויס, אַז ווי דער לייבֿ, איז אויך די גאַנצע זעבֿאַרע אָדער פֿאָרגעשטעלטע וועלט לויט איר וועזן נאָך נישט עפּעס אַנדערש, ווי — ווילן. די וועלט איז ווילן און פֿאָרשטעלונג, דער ערשטער „אַן-זיך", די לעצטע אַלס דערשיינונג. אָבער דווקא דערפֿאַר איז זי, נאַטירלעך, נישט קיין בֿאַוווסטזיניקער און פֿאַרנונפֿטיקער, נאָר אומפֿאַרנונפֿטיקער, בלינדער, אומבֿאַוווסטזיניקער ווילן, אַ ווילן, וואָס איז פֿריי פֿון יענע אַלע פֿאָרמען, אויף וועלכע עס בֿאַזירט דער דערשיינונגס-אָדער פֿאָרשטעלונגס-כאַראַקטער פֿון דער וועלט, נעמלעך — רוים, צייט און קויזאַליטעט. און היות רוים און צייט בילדן דאָס principium individuationis, יעדע פֿילקייט קומט צושטאַנד בלויז דורך זיי, איז דער ווילן א י י נ ע ר, אַן אַבסאָ-

---

אַ פֿילקייט פֿון זאַכן פֿאַר זיך, ער איז אָבער אומגערעכט, ווען ער זעט אין דערדאָזיקער גופֿא דעם וועזן פֿון די דערשיינונגען. שאָפּענהויער איז גערעכט, אַז די פֿילע דערשיינונגען מוזן האָבן אַלס יסוד איין מהות, ער איז אָבער אומגערעכט, ווען ער לייקנט צוליבֿ דער איינהייט פֿון מהות די פֿילקייט פֿון די זאַכן „אַן זיך", דורך וואָס די דערשיינונגען ווערן אַריינגעשפּאַרט אין אונזער בֿאַוווסטזיין. הערבאַרט קומט צוליבֿ יענעם גלייכונגס-צייכן צו אַ פֿאַלשער מעטאַפֿיזיק, שאָפּענהויער — צו אַ פֿאַלשער דערקענטעניש-טעאָריע, און בעת ביי הערבאַרטן איז נישטאָ אין זיין סיסטעם קיין אָרט פֿאַר גאָט, ווייס נישט שאָפּענהויער, אומגעקערט, וואָס מען הויבט אָן צו מאַכן מיט דער וועלט און ער מוז זי במילא פֿאַרוואַנדלען, וועלנדיק זיין קאָנסעקווענט, אין אַ בלויזער אילוזיע און טרוים.

לוטער ווילן, וואָס שטעלט פאַר מיט זיך אין זיין סיבהלאָזן, אַלאָגישן אָדער איראַציאָנאַלן כאַראַקטער די זאַך פאַר זיך פון דער וועלט, דעם וועזן פון דער פיל-געגלידערטער און פאַרשיידנאַרטיקער דערשיינונגס-וועלט. אין קעגנזאַץ צום ראַציאָנאַליזם פון דער אידענטיטעטס-פילאָזאָפיע פאַרטרעט אַזוי אַרום שאָפּענהויער דעם שטאַנדפּונקט פון איראַציאָנאַליזם, און אין קעגנזאַץ צו שעלינגס און העגעלס פּאַנלאָגיזם — נישט קיין ווינציקער אַנטשידענעם אַלאָגיזם.

די נאַטור ווייזט דעם ווילן אין די פאַרשיידענע אופנים פון זיין אָביעקטיוואַציע. גראַוויטאַציע, מאַגנעטיזם, עלעקטריציטעט, נאַטור-הייל-קראַפט, דאָס וואַקסן און אַז. וו., די דערשיינונגען פון דער אַנאָרגאַנישער נאַטור, ווי אויך די-יעניקע פון דער אָרגאַנישער זענען פאַרשיידענע אָביעקטיוואַציעס פון איין-און-דעמזעלבן ווילן, וואָס רייסט זיך דורך אין דער נאַטור פון זיין אונטערשטער דערשיינונגס-פאָרם אין דער מינעראַל-וועלט דורך דער געוויקסן-וועלט צו דער באַוווסטזיניקער עקזיסטענץ אין דער חיות-וועלט, כדי אין מענטשלעכן מח אָנצוצינדן זיך ווי אַ פאַקל, מיט וועלכן ער באַלייכט זיך גופא און גייט ווייטער באַוווסטזיניק זיין וועג, וועלכן ער האָט פריער דורכגעמאַכט אומבאַוווסטזיניק. מוח און דענקען זענען דאָס-זעלבע, די קאַטעגאָריעס אָדער דענק-פאָרמען זענען בלויז מוח-פונקציעס. אָבער די כוחות, געזעצן און מין-טיפּן, אין וועלכע דער ווילן קומט צו דערשיינונג, באַצייכנט שאָפּענהויער אַלס אידייען, אַלס פּלאַטאָנס אומפאַרענדערלעכטע אור-און מוסטער-בילדער, וועלכע שטייען אין זייער איבעררוימלעכקייט און אויסער-צייטלעכקייט אין דער מיט צווישן דעם ווילן און דער זינלעכער דערשיינונגס-וועלט, און זענען די סיבה איר אייגנטימלעכן כאַראַקטער.

אויב אויף די נידעריקסטע שטופעס פון דער נאַטור זענען דאָ נאָר מין-כאַראַקטערן, אָנערקענט דאַקעגן שאָפּענהויער פאַר די העכערע שטופעס אויך אינדיווידואַל-כאַראַקטערן. נאָכמער, דער איינצלנער מענטש איז, לויט אים, אין זיין דערשיינונג דער פּראָדוקט פון אַ אַקט פון „אינטעליגיבלער פרייהייט", הגם עס בלייבט אומפאַרשטענדלעך ווי אַזוי מען קען ברענגען אין

האַרמאָניע די הנחה וועגן אַ פּילקייט פון אַזעלכע מענטשלעכע אינדיווידואַל-כאַראַקטערן מיטן אַבסטראַקטן מאָניזם, לויט וועלכן די פילקייט איז נאָר דורך דער principium individuationis אַרויסגערופענע טוישונג פון אונזער פאַרשטעלנדיקן באַוווסטזיין.

בעת די וויסנשאַפט דערקענט די געגנשטאַנדן לויטן ריכט-פאָדים פון דעם זאַץ וועגן דער סיבה, זייערע באַציאונגען, די באַציאונגען פון דעם רוים און דער צייט, די סיבות פון די נאַטירלעכע פאַרענדערונגען און אַז. וו., און צוליב דעם טאַקע בלייבט זי תמיד אין דינסט פון ווילן, גיט די ק ו נ ס ט דעם מענטשן אַ מעגלעכקייט צייטווייליק צו באַפרייען זיך פון דער קנעכטשאַפט פון ווילן. ווייל דער גענוס פון דאָס שיינע באַזירט זיך אויף דער דערקענטעניש פון דער אידייע, און דידאָזיקע איז אומאָפּהענגיק פון דער קויזאַליטעט. דאָס איז דערפאַר, ווייל מיר גופא זענען דער סוביעקט פון די אידייען און במילא האָבן מיר אויך די מעגלעכקייט צו באַטראַכטן די אידייען אַלס דער אַבסאָלוטער סוביעקט פון די אידיען, אַלס „אייביק וועלט-אויג”. ווען מיר הערן אויף צו באַטראַכטן די געגנשטאַנדן בלויז אין זייער באַציאונג צו אונז, צו אונזער לייב און במילא גלייכצייטיק צו אונזער ווילן, דאָס הייסט: ווען מיר אַבסטראַהירן פון אונזער אינדיווידואַליטעט און מיר ווערן ריינער סוביעקט פון דערקענען, ווען מיר גיבן זיך אינגאַנצן אָפּ דער אָנשויאונג, ווען מיר פאַרזינקען אין איר, ווען מיר לאָזן אונזער באַוווסטזיין אינגאַנצן אויסגעפילט צו ווערן פון געגנשטאַנד אין רואיקער קאָנטעמפּלאַציע, דאַן דערקענען מיר נישט מער דעם איינצלנעם געגנשטאַנד אַלס אַזעלכן, נאָר זיין אידייע, די אייביקע פאָרם, די אוממיטלבאַרע אָביעקטיוויטעט פון ווילן אויף דערדאָזיקער שטופע, און מיר באַפרייען פון די באַנדן פון אונזער ווילן.

אַזאַ ריינע אָנפּניותדיקע אָנשויאונג פון דער אידייע דורך פאַרזינקען אין דעם פון אַלע רוימלעכע, צייטלעכע און קויזאַלע באַציאונגען פרייע וו אָ ס פון די געגנשטאַנדן איז אייגן אין דער העכסטער מאָס דעם קינסטלערישן ז ש ע נ י. דער זשעני הערט

אויף אַזוי אַרום צו זיין אַ אינדיווידואום און ווערט אַ ריינער, ווילנס-פרייער, צייטלאָזער סוביעקט פון דער דערקענטעניש, אַ טרעגער פון די אידייען און לויט דער מאָס, אין וועלכער אַ מענטש איז פעאיק צו דערהויבן זיך צום דאָזיקן צושטאַנד, קען מען מעסטן די מדרגה פון זיין געניאַליטעט.

אָבער גלייכצייטיק מיט דעם, ווי זי באַפרייט דעם מענטשן פון ווילן, מאַכט די קונסט אים אויך פריי פון די ליידן פון וועלן, פון דער אייביקער פאַרהאַוועטקייט פון אומבאַפרידיקטן באַגערן. אין דעם באַשטייט די באַגליקנדיקע ווירקונג, וואָס זי האָט אויף דעם איינדרוקספולן סוביעקט. שיין איז אַ געגנשטאַנד אויף אַזוי ווייט, אויף וויפל דער ווילן אָביעקטיווירט זיך אין אים אויף אַ באַשטימטער מדרגה, ד. ה., דורכדעם, וואָס ער פאַר-קערפערט אַ באַשטימטע אידייע, צווינגט אונז אַזוי אַרום צו אַן אָביעקטיווער באַטראַכטונג, און ער איז די מדרגה פון דער אידייע, וועלכע ער שטעלט פאָר מיט זיך. פון דאָזיקן שטאַנדפונקט שעצט שאָפענהויער מער פון אַלע קונסטן די דיכטונג, אויף וויפל זי שפיגלט אָפּ, — באַזונדערס אין דער טראַגעדיע, — צום אמתדיקסטן און אויפריכטיקסטן די אידייע פון דער מענטשהייט. אָבער העכער פאַר דער דיכטונג שטעלט ער די מוזיק, ווייל דידאָזיקע פאַר-קערפערט נישט, ווי די איבעריקע קונסטן, בלויז די אידייען פון די געגנשטאַנדן, ד. ה., דעם ווילן אין זיין אוממיטלבאַרסטער דערשיינונג, נאָר דעם ווילן גופא אין זיין אינטימסטן וועזן.

היות דער ווילן צום לעבן איז דער מהות פון דער ווירק-לעכקייט, אָבער דער ווילן איז לויט זיין נאַטור אומבאַפרידיקט און אומבאַפרידיקטער ווילן איז ליידן, איז דעריבער דאָס לעבן בכלל — אַ ליידן. פרייד איז נאָר אַ צייטווייליקע באַזייטיקונג פון ליידן, ערגעריש אָבער — דער איבערוויגנדיקער כאַראַקטער פון דער וועלט, אַ פּ ע ס י מ י ז ם, וואָס באַרעכטיקט דעם אויס-דרוק, אַז נישט עקזיסטירן איז בעסער ווי עקזיסטירן, און וואָס מאַכט פאַרן באַגערטן ציל פון דער עקזיסטענץ די פולשטענדיקע אויסלעשונג פון ווילן צום לעבן.

אויפן וועג צום דאָזיקן ציל ליגט די ז י ט ל ע כ ק י י ט.

דידאָזיקע באַזירט נישט אויף וועלכע-נישט-איז זיטלעכע געבאָטן אָדער כּללים, נאָר פון איין זייט אויף דער דערקענטעניש וועגן דער שלעכטקייט פון דער וועלט און דער אומפּרוכטבאַרקייט פון יעדער באַגער, און פון דער צווייטער אויף דער אַבסאָלוטער איינהייט פון יעדער אינדיווידועלער עקזיסטענץ, וואָס באַדייט, אַז דאָס, וואָס איך טו אַן אַנדערן, טו איך זיך גופא: דאָס אינדישע Tat twam asi — דאָס ביסטו גופא. אַזוי אַרום דערשיינט אויך דאָס זיטלעכע האַנדלען אַלס אַ צייטווייליקע פאַרניינונג פון אייגענעם עגאָאיסטישן לעבנס-ווילן און קומט צום אויסדרוק אַלס מיטלייד. דער מיטלייד איז דער איינציקער באמת-מאָראַלישער סטימול, ער איז די „עטישע אור-דערשיינונג". פונקט ווי פון עגאָאיזם נעמען זיך אַלע חסרונות, אַזוי פליסן אַרויס פון מיטלייד אַלע טוגנטן, קודם-כּל די צוויי קאַרדינאַל-טוגנטן פון ליבע און גערעכטיקייט, אַ ליבע, וואָס נעמט אַרום נישט נאָר די מענטשן, נאָר אויך די חיות. דאָס, וואָס דער בראַמאַניזם און דער בודיזם האָבן דאָס איינגעזען, איז איינער פון זייערע גרעסטע פאַרדינסטן, בעת דאָס קריסטנטום איז געבליבן הינטערשטעליק אין דאָזיקן פרט לגבי יענע ביידע „אור-רעליגיעס פון דער מענטשהייט", ווייל אין זיין מאָראַל נעמט ער נישט אין אַכט די חיות.

היות אָבער דער ווילן, אַפילו אויף זיין זיטלעכער שטופע, הערט נישט אויף צו וועלן און צו ליידן, איז דעריבער אויך די זיטלעכקייט נאָך נישט דאָס העכסטע. העכער פאַרן מיטלייד שטייט די פולשטענדיקע פרייוויליקע ווילנס-פאַרניינונג, נישט אַלס זעלבסטמאָרד, וועלכן שאָפּענהויער שטעמפלט אַלס נאַרישקייט (אמת, מיט נישט איבערצייגנדיקע מאָטיוון), נאָר אַלס קוויעטיזם, דורך אַ פולשטענדיקן אָפּטויטן די אינסטינקטן און אַסקעטיזם, לויטן ביישפּיל פון די אינדישע און קריסטלעכע בעלי-תשובה. די דערקענטעניש פון מהות פון די געגנשטאַנדן ווערט דאָ אַ באַרואיקונגס-מיטל, דער אינטעלעקט ווערט פאַרוואַנדלט פון אַ מאָטיוו צו אַ קוויעטיוו פון ווילן, און דער פולשטענדיקער וויתור אויף יעדער אַרט וועלן ווייזט זיך אַרויס סיי אַלס הייליקייט, סיי אַלס אויסלייזונג.

די גרעסטע, וויכטיקסטע און באַדייטנדיקסטע דערשייגונג,

וועלכע די וועלט האָט אויפצווייזן איז דעריבער נישט דער וועלט-דעראָבערער, נאָר דער וועלט-איבערווינדער, אָדער וואַגנעריש זיך אויסגעדריקט: נישט דער זיגפריד, נאָר דער פּאַרסיפאַל. באָכמער, ער אַליין איז דאָס אייגנטלעך-ווערטפולע אין דער וועלט-געשיכטע, ביי וועלכער שאָפּענהויער פרעגט, אגב, אָפּ (אין קעגנזאַץ צו העגעלן) יעדע טיפערע באַדייטונג, ווייל לויט זיין מיינונג חזרט זי כסדר איבער דאָסזעלבע, נאָר אונטער פאַר־שיידענע פאָרמען. ווער עס האָט דערגרייכט דעם צושטאַנד פון פולשטענדיקער ווילנלאָזיקייט, דער האָט דערגרייכט די רואיקייט. „קיין שום זאַך קען אים מער נישט שרעקן, קיין שום זאַך קען אים מער נישט סטימולירן; ווייל ער האָט איבערגעשניטן די אַלע טויזנט פעדים פון ווילן, וועלכע בינדן אונז צו צו דער וועלט און רייסן אונז אַהין און אַהער אַלס באַגער, מורא, קנאה, צאָרן און פאַרשאַפן אונז אייביקן ליידן. ער קוקט איצט רואיק און מיט אַ שמייכל אויף די אילוזיעס פון דערדאָזיקער וועלט, וועלכע זענען אַמאָל געווען בכוח צו פייניקן אויך זיין געמיט, וועלכע שטייען איצט פאַר אים אַזוי גלייכגילטיק, ווי די שאַך־פיגורן נאָך אַ געענדיקטער שפּיל אָדער ווי פרימאָרגנס די אָראָפּ־געוואָרפענע מאַסקן-קליידער, וואָס זייערע געשטאַלטן האָבן אים געבייצט און באַאומרואיקט אין דער קאַרנאַוואַל-נאַכט. דאָס לעבן און זיינע געשטאַלטן שוועבן פאַר אים, ווי אַ שאַטנדיקע דער־שיינונג, ווי פאַרן האַלב-דערוואַכטן אַ לייכטער מאָרגן-טרוים, דורך וועלכן עס שימערט שוין דורך דיווירקלעכקייט און וועלכער קען שוין מער נישט אָפּנאַרן, און פונקט ווי דערדאָזיקער פרימאָרגן־טרוים פאַרשווינדן זיי לסוף אָן אַ געוואַלטזאַמען איבערגאַנג".

אויף דעם שטרעבן צום דאָזיקן צושטאַנד באַזירט, לויט שאָפּענהויערן, אויך די רעליגיע. דאָס, וואָס ווערט געוויינלעך באַצייכנט מיטן נאָמען רעליגיע, איז בלויזע פאָלקס-מעטאַ־פיזיק, דאָס איינקליידן אין די קליידער פון אַלעגאָריע און מיט אָט דיזעלבע גרונט-אמתן, וועלכע דער פילאָזאָף דריקט אויס אין דער פאָרם פון באַגריף. די אמתע רעליגיע איז אַזוי־אָרום אַטעאיסטיש, אויף וויפל דאָס אַבסאָלוטע איז, לויט שאָפּענ־

הויערן, נישט פערזענלעך, אָדער ריכטיקער — פּאַנטעאיסטיש, אויף וויפל עס איז איינס און אַלץ, וואָס שאָפּענהויער וואַרפט אָפּ באַר דערפאַר, ווייל ער נעמט נישט אָן דעם באַגריף פון אַ אומפּערזענלעכן גאָט. אין דער אָפּשאַצונג פון טיפסטן מהות פון דער רעליגיע, באַזונדערס פון דעם דערלייזונגס-באַגריף און פון די פּעסימיסטישע פּאָראויסזעצונגען פון רעליגיעזן באַוווסטזיין שטייגט שאָפּענהויער אַריבער אַלע פילאָזאָפן פון דער ערשטער העלפט פון ניינצנטן יאָרהונדערט. אָבער זיין אייגנאַרטיקייט אויף דעם רעליגיאָנס-פילאָזאָפישן געביט באַשטייט קודם-כל אין דעם, וואָס ער באַקעמפט דעם טעאיזם פון די פּאָזיטיווע רעליגיעס, ווייל ער באַפרידיקט נישט זיין עטישן און רעליגיעזן באַוווסטזיין. אין דער צייט, וואָס אַלע איבעריקע ספּעקולאַטיווע פילאָזאָפן פון זיין צייט האָבן פאַרשטאַנען אויף וואָסער אופן דאָס זאָל נישט זיין אויסצוקומען מיט דער וועלטאָנשויאונג פון קריסטנטום, פילאָזאָפיש אויסצוטייטשן די דאָגמאַטן פון דער קירכע און מער אָדער ווייניקער געשיקט צו פאַרשלייערן זייער ווידערשפּרוך צו דידאָזיקע לעצטע, ווייל שאָפּענהויער גאָר נישט וויסן וועגן אַן אָפּמאַך מיטן קריסטנטום. „שאָפּענהויער איז דער ערשטער", זאָגט ע. פאָן האַרטמאַן, — „וואָס געפינט דעם מוט איבערצורייסן מיט דער גאַנצער קריסטלעכער רעליגיע-אַנטוויקלונג, ווייל זי איז טעאיסטיש, און אָנצווייזן אויף דער פּאַנטעאיסטישער אינדישער רעליגיע אַלס די איינציק-אמתע. דורכדעם האָט ער אויפגעעפנט אין דער פילאָזאָפיע פון דער רעליגיע און אין דער קולטור-געשיכטע פון די איראָפּעאישע פעלקער אַ נייע עפּאָכע און ער האָט געגעבן אַ ביישפּיל דערפאַר, אַז אויך אַלס אייראָפּעער קען מען זיין רעליגיעז, נישט זייענדיק קריסטלעך דער פּאַנטעאיסטישער פילאָזאָפיע אָבער האָט ער דורכדעם ערשט געעפנט די אויגן אויף דער שאַרפקייט פון איר קעגנזאַץ צו יעדער אַרט טעאיסטישער פילאָזאָפיע און האָט דורכדעם אַרויפגעפירט אויף אַ גאַנץ-נייעם וועג אויך די פילאָזאָפישע אַנטוויקלונג" 1).

1) געשיכטע פון דער מעטאַפיזיק (דייטש), II, ז. 205.